STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06614

ZIKHROYNES

Maksim Gorky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. גארקי

זכרונות

יידיש: מ. נײדין.

נ. י. קאראַנין פּעטראָ=
פּאָוולאָווסקי א פּ. טשעכאָוו /
ליעוו טאָלסטאָי /
לעאָניד אַ־דרעיעוו

פארלאג „כוחות“
ווארשע
1928

צ פ ו ר ה ש י י נ ב ע ר ג
מיט ליבשאַפט און אַכטונג
ג ע ה י י ל י ק ט
דער איבערזעצער.

M. GORKI, WSPOMNIENIA
tłumaczył M. Najdin
Wydawnictwo „KOJCHES"
Warszawa, 1 9 2 8
Skład w zec. P. Krymer Puławy
Drukarnia
B-ci Wójcikiewicz Pawia 10.

אינהאלט-פארצייכניש.

ו. יע. קאראָנין-פעטראָפּאַוולאָווסקי 7

א. פּ. טשעכאָוו 41

ליעוו טאָלסטאָי 71

לעאָניד אַנדרעיעוו 147

אין האַרבסט פון 89 יאָר בין איך געקומען פון צאַריצין קיין ניזשני, מיט אַ בריוו צו ניקאָלאַי יעלפּידיפאָראָוויטש פעטראָפּאַוולאָווסקי קאַראָנין פון דעם צו יענער צייט באַקאַנטן פּראָווינציעלן זשורנאַליסט וו. יאַ. סטאַראָסטין-מאַניענקאָוו. אַוועקגייענדיק פון צאַריצין, האָב איך געהאַסט די גאַנצע וועלט און האָב עקשנותדיק געקלערט וועגן זעלבסטמאָרד; דער מענטשלעכער מין — מיטן אויסנאַם פון צוויי טעלעגראַפיסטן און איין פריילין — איז מיר טיף נמאס געווען, איך האָב פאַרפאַסט גיפטיקסאַטירישע לידער, פאַרשעלטנדיק אַלץ, וואָס עקזיסטירט, און האָב געחלומט וועגן איינאָרדנען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע. אייבער דער צייט פון דער נסיעה, וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט צופוס, האָט די מרה-שחורהדיקע שטימונג זיך אַ ביסל צעשטרייט, און דער טרוים וועגן לעבן אין אַ קאָלאָניע, מיט די צוויי גוטע חברים און דער סימפּאַטישער פריילין, האָט עטוואָס אָפּגעבלאַקירט.

ביז דער צייט האָב איך נישט געהאַט באַגעגנט קיין שרייבערס — אַ חוץ מאַניענקאָוון און יע. נ. טשיריקאָוון, וועלכן איך האָב איינמאָל געזעען; אויך אַזוי האָב איך אין קאַזאַן געהאַט געזעען קאַראָנינען. מאַניענקאָוו איז געווען — ניכטערנערהייט — אַ ביסל אַן אויסטערלישער מענטש, און שכורערהייט פלעגט ער מיט געפילדער זיך דערקלערן אין ליבע צום רוסישן פאָלק, פלעגט וויינען און בייטן מיך אויך ליב צו האָבן דאָס רוסישע פאָלק. אָבער איינמאָל, אין אַ האַרבסטיקן אָוונט, זענען מיר ביידע גע-

גאַנגען איבערן ראַנד פון מאַרק=פּלאַץ אין שטאָט באָריסאָגליעבסק, און אינדערמיט פונם פּלאַץ האָט זיך געראַנגלט אין דער טיפער, שוואַרצער באָריסאָגליעבסקישער בלאָטע אַ שכורער שטאָטסמאַן און, טרינקענדיק זיך, געמאַכט יעלות.

— אָט, זעט איר? — האָט באַלערנד געזאָגט וואַסילי יאַקאָוולעוויטש. — מיר לייענען ביכער, פירן וויכּוחים, אַנטציקן זיך און גייען פונדעסטוועגן גלייכגילטיק פאַרביי אַזעלכע דערשיינונגען, ווי דידאָזיקע; און גיט נאָר אַ טראַכט, צי זענען מיר דען נישט שולדיק דערין, וואָס דערדאָזיקער מענטש ווייסט נישט פון קיין אַנדערע תענוגים, אַ חוץ בראָנפן?

איך האָב פאָרגעלייגט צוצוגיין און אַרויסשלעפּן דעם מענטש, נאָר מאַניענקאָוו האָט געזאָגט:

— אויב איך וועל גיין, וועל איך אָנווערן די קאַלאָשן.

איך בין געגאַנגען און האָב אָנגעוואוירן דעם אינטערעס צו דעם פאָלקס=פריינד.

אָבער איך האָב אַ סך געלייענט, און מיין פאָרשטעלונג וועגן רוסישן שרייבער האָט זיך צונויפגעלייגט אין אַ שיין לעגענדאַריש בילד: דאָס איז אַ שטרענגער פריידיקער פון אמת, ער איז איינזאַם צווישן די מענטשן, פון קיינעם נישט געליבט, פאַרמאָגט אַן אומגעבראָכענעם כּוח זיך קייגנצושטעלן די שונאים פון גערעכטיקייט און, הגם די שונאים פלייסן זיך אויסצופירן זיין נשמה, איז זי תמיד פלאַמענדיק און „כּל זמן שהנשמה בקרבו“ ציגדט ער אָן ליכט אין דער פינצטערניש.

נ. יע. קאַראָנין איז געווען אין איינקלאַנג מיט דערדאָזיקער פאָרשטעלונג —׳ איך האָב געלייענט כּמעט אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און האָב נאָר=וואָס געהאַט זיך באַקענט מיט דער דערציילונג „מיין וועלט“, וואו ס׳זענען פאַרהאַנען ווערטער, וואָס זענען מיר אַריין טיף אין האַרצן:

„אויף דער וועלט איז נישטאָ עפּעס מער טייערס פונם געדאַנק. ער איז — דער אָנהייב און דער סוף פון דעם גאַנצן זיין, די אורזאַך און דער רעזולטאַט, דער באַוועגנדער כּוח און דער לעצטער ציל. ווער זשע וועט מיך צווינגען זיך אָפּצוזאָגן פון אים?

מענטשן זענען שיין בלויז אויף אַזוי פּיל, אויף וויפּיל אין זיי איז אַריינגעלייגט געוואָרן דערדאָזיקער וועלטס=כוח. אויב די וועלט איז נאָך איינגעהילט אין פינצטערניש, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס דער געדאַנק האָט זי נאָך נישט באַלויכטן; אויב אַ גרויסער טייל פון די מענטשן איז נידערטרעכטיק, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס דער געדאַנק האָט זיי נאָך נישט באַפרייט פון דעם אומזין".*)

און אָט, מיט פלאַטערניש אין האַרץ, ווי אַ גלויביקער פאַר ווידוי, — קלאַפּ איך שטיל אין דער טיר פונם שרייבער: ער האָט געוואוינט אויפן ערשטן שטאָק פון אַ קליינער אָפיצינע. אַ הויכע, שוואַרצע פרוי אין אַ רויטער יאַקע, מיט אַרבל פאַרשאַרצטע אַריבערן עלנבויגן, האָט געעפנט די טיר; זי האָט געענטפערט נישט זייער העפלעך אויסגעפרעגט, ווער ס'איז געקומען, פונוואַנען, נאָכוואָס און איז אַוועקגעגאַנגען, אַ געשריי געבנדיק איבער איר אַקסל:

— ניקאַלאַי, גיי נאָר אַהער...

פאַר מיר שטייט אַ הויכער מאַן, אין שטעקלאַטשן אויף די באָרוועסע פיס, אין אַן אַלט געל רעקל, אָנגעטון אויף אַ בלוזע, נישט קיין בעסערער פון מיינער, — אויפן קאָלנער פון דער בלוזע איז איין קנעפל אָפּגעריסן. זיינע הויזן זענען צעקנייטשט, אויסגעצויגן אויף די קניען, און אויך נישט בעסער פון מיינע, די לאַנגע האָר זענען צעשויבערט, אויך, מסתמא, ווי בא מיר. ער קוקט מיר אין פנים אַריין מיט אַ פּאָר ליכטיק=גראָע אויגן; דער בליק — אַ ליבלעכער, אַ מידער, און די אויגן אַ ביסל רעליעפע, און מיר דאַכט זיך, אַז זיי זעען אַלץ, וואָס איך טראַכט, ווייסן אַלץ, וואָס כ'וועל זאָגן. דאָס צעטומלט מיך. ענטפערנדיק אויף זיינע פראַגן, שאָקל איך צו שווייגנד מיטן קאָפּ, זאָג יאָ, ניין, נאָר מיר ווערט אַלץ אָנגענעמער צו קוקן אויף אים.

ער האָט אַ נישט גרויס מויל און העל=רויטע ליפּן; די שיינע

---

*) פון דער דערציילונג „מיין וועלט", קאָראָלענקאָס ווערק, 2=טער באַנד, זייט 364.

ברעמען ציטערן, און די דינע פינגער — דעסגלייכן; ער קלויבט איבער מיט זיי די שיטערע, נאָר לאַנגע באָרד, ציענדיק אַראָפּ זי, — אַקוראַט ווי זי וואָלט די גאַנצע צייט געוואַקסן; דער שייבער, הויכער שטערן זייַנער פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק פון אומאויפהערלעכן וואַקסן — און די געשווינדע באַוועגונגען פון דער האַנט — ווי זיי וואָלטן נעפּרוווט פאַרהאַלטן דאָס וואַקסן. ער איז אַ דינער, אַ דאַרער, עטוואָס אויסגעבויגענער, די ברוסט איינגעשרומפּן, די הענט לאַנגע; אין אים איז פאַרהאַן עפּעס קינדישס, אָנגעגעבעם מגושמדיקס; איך פיל, אַז מיין צעטומלטקייט איז דורך אים באַמערקט געוואָרן און ער אַליין קומט דערפון אין פאַרלעגנהייט.

— נו, קומט אַהער, גייט אַריין, — פאַרבעט ער מיט אַ געדעמפּטלעכער שטים.

ער רעדט אַ ביסל שטאַמלענדיק, גלייך ער וואָלט אָפּגעהאַקט מיט אַן אַפּאָסטראָף דעם ערשטן וואָקאַל פון וואָרט; דאָס איז אויך זייער שיין, ס׳גיסט זיך וואונדערלעך צונויף מיט זיין גרויס, אויסגעפייניקט געזיכט און מיטן צעשטרייטן בליק פון די ליכטיקע אויגן.

מיר זענען אין אַ שמאָל, ענג צימער, און דאָס ערשטע, וואָס מיר וואַרפט זיך אין די אויגן, איז — נישטאָ דאָ קיין טיש, נישטאָ קיין ביכער. באַ דער וואַנט שטייט אַ קויקע, איין עק אירער איז אַ ביסל אַרויסגערוקט אינמיטן צימער אַריין, אויף די קישנס ליגט אַ לאָקשנברעט, אויפן ברעט אַ נישט דערשריבענער בויגן פּאַפּיר; נאָך עטלעכע אַזעלכע בויגנס אויף אַ שטול; לויטן צעקנאָדערטן געלעגער איז קענטיק, אַז געשריבן האָט דער מענטש, זיצנדיק ווי אַ רייטער אויף דער קויקע, און אַלס טיש האָט אים געדינט דאָס לאָקשנברעט.

אַראָפּוואַרפנדיק פון שטול די פּאַפּירן, האָט ער זי צוגערוקט מיר און אַליין האָט ער זיך געזעצט אויפן געלעגער, שטאַרק רייבנדיק די הענט און זאָגנדיק:

— אָט — איך שרייב דאָ, מען דאַרף גיך, און דאָרט די

פרוי און סאשא — קלויבן זיך אוועקפארן און ס'איז א גערודעוו', באטירלעך...

נאכדעם האט ער אנגעהויבן לייענען מאניעטקאוס בריוו, הויך אויפהייבנדיק די ברעמען, שמייכלענדיק מיט א ווייכן פרויאישן שמייכל און שטיל אונטערהוסטנדיק.

די טיר אין שכנישן צימער אריין איז געווען נישט צוגעמאכט. דארטן האט א שווארצהאריקע פרוי, מיט א ציגיינערישע פנים, געפרעסט א געקראכמאליעט קלייד; איין עק פונם פרעסברעט איז געלעגן אויפן טיש — אויף א שטויס דיקע ביכער, און דער אנדערער אויפן אנלען פון א שטול.

— שוין באלד? — האט עמעץ שטרענג און מעלאדיש א פרעג געטון.

אויף דער שוועל איז שטיין געבליבן א הויכע פריילין מיט גרויסע אויגן.

— אך, דו ביסט נישט אליין! — האט זי געזאגט.

— מיין שטיפטאכטער, סאשא, באקענט זיך, — האט פארגעלייגט קאראנין, נישט אוועקנעמענדיק די אויגן פונם לאנגן בריוו, אנגעשריבן מיט א דראבנעם כתב, אין לילע שורהלעך.

— איר ווילט, הייסט עס, זיך באזעצן אויף לאנד? — האט מיט אנשטרענגונג א פרעג געטון קאראנין, אפטיילנדיק יעדעס ווארט מיט א רגע פויזע. — וויפיל זשע זענט איר?

— צוויי טעלעגראפיסטן, איך און א מיידל, א טאכטער פון א סטאנציע־שעף.

— נו־נו, און איר וועט זיך פארליבן אין איר אלע דריי, און דערנאך זיך אנהויבן ארומרייסן, און ס'וועט ארויסקומען א סקאנדאל, און נישט קיין ק־קאלאניע.

ער האט זיך אנגעבויגן צו מיר, פאכענדיק מיטן בייגעלע פאפיר, און שמייכלענדיק מיר אריינגעבליקט אין די אויגן.

— לאמיר רעדן אפן. ווייסט איר, וואס עס שרייבט וואסילי יאקאוולעוויטש? ער שרייבט, אז איך זאל אייך אפרעדן פון דאזיקן איינפאל.

איך האב זיך פארוואונדערט.

— ער האָט מיך צוגערעדט און מיר צוגעזאָגט צו העלפן.

— יאָ? נו, און ער שרייבט, אַז איך זאָל אָפּרעדן... און איך ווייס נישט, ווי אַזוי אָפּצורעדן, איר האָט אַזאַ עקשנותדיק פּנים. און איר זענט נישט — קיין אינטעליגענט. צו אַן אינטעליגענט וואָלט איך געזאָגט: וואַרף דאָס אַוועק, מיין פריינד; ס'איז נישט גוט — צו גיין אָפּרוען אַהין, וואו מענטשן ווערן מיד מער, ווי דו... און דאָס פאַרקריפּלט די שיינע אידעע פון פאַרייניקונג מיטן פאָלק. ס'פאַרקריפּלט — אָן שום ספק. צום פאָלק באַדאַרף מען גיין מיט עפּעס פעסט, אַנטשלאָסן אויפן גאַנצן לעבן, אָבער אַזוי, לייכט, מחמת דיר איז שלעכט, — גייט נישט. לעבן אים וועט אייך זיין נאָך ערגער.

ער האָט אויסגעפירט די אים געגעבענע מיסיע מיט קענטיקן אומווילן, איך האָב דאָס געפילט, ס'איז מיר געווען איבער דער טבע, און כ'האָב געפרעגט — צי איז נישט גלייכער איך זאָל אַריינקומען אַן אַנדערש מאָל?

— פאַרוואָס? — האָט זיך אַ כאַפּ געטון קאַראַנין. — ניין, וואַרט צו!

ער האָט אַרומגעקוקט די ליידיקע ווענט פון צימער און פאַרגעזעצט לעבהאַפטער:

— איך באַשרייב דאָ גראָד אַ געשיכטע פון אַ קאָלאָניע — אַ געשיכטע וועגן דעם, ווי קלייניקייטן האָבן גובר געווען מענטשן און ס'איז דערפון אַרויסגעקומען אַ דראַמע...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום ברעט אין געזאָגט, וואַרפנדיק בליקן אויף דעם באַשריבענעם בויגן פּאַפּיר:

— די געזעלשאַפט האָט אירע נעגאַטיווע זייטן — יאָ, מענטשן זענען פּוסט, צעשפּאָלטן, שטויסן זיך אָן באַדאַרף, רייסן זיך אויס די אויגן איינער דעם אַנדערן און — ווען אַלץ ווערט דערעסן — זוכן זיי איינזאַמקייט. אָבער אין איינזאַמקייט טרייבט דער מענטש איבער איטלעכס געפיל זיינס, איטלעכן געדאַנק אויף הונדערטער מאָל און אויף הונדערטער מאָל שווערער ליידט ער פון דידאָזיקע איבערטרייבונגען — דאָס זאָגט איין פריץ אין מיין דערציילונג.

אַוועקוואַרפנדיק דאָס בייגעלע אין אַ זייט, האָט ער אַ שמייכל געטון, אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבערן פּנים פון אויוון אַראָפּ, קאָמיש צופלאַטשנדיק זיך די נאָז, און איז אויפגעשטאַנען, זאָגנדיק:

— איר ווייסט, נאָכוואָס טויג אייך אַ קאָלאָניע? איר דאַרפט דאָס נישט. איר זוכט דאָך עפּעס אידעאַלס, זעט — אייך וועט אויסקומען זיך צו פרעגן, ווי ס'פרעגן שוין אַצינד פיל און — בתוכם מיין העלד — איך האָב אים נישט אויסגעטראַכט, דאָס איז אַ לעבעדיקער, היינטיקער איבערגעטריבענער מענטש — ס'איז זייער אַ טרויעריק בילד — ער האָט זיך פאַר מיר אַליין מתוודה געווען. אָט, — און אויפסניי אַ נישטער טוענדיק אין זיינע בלעטלעך, האָט ער איבערגעלייענט פון איינעם פון זיי: וואָסער אידעאַל איז דערין, אויב אַ מענטש באַגראָבט זיין נשמה אין לאַנד, אַרומרינגלענדיק זיך מיט מיליאָנען קלייניקייטן? אַ מענטש דאַרף קעמפן קיגן די קלייניקייטן, זיי פאַרניכטן, און נישט זיי קרייגען אַלס העלדנטאַטן און מעשים טובים. אָט, וועגן וואָס אייך וועט אויסקומען צו טראַכטן, דאָס איז בלתי ספק!

ער האָט אַ פיר געטון מיט דער האַנט אינדערלופטן, אָנצייכנענדיק אַ לאַנגע ליניע, און זי איבערגעהאַקט אינדערמיט מיט אַן איבערצייגנדן זשעסט, דערנאָך אַ קרום געטון דאָס פּנים, אָפּזיפצנדיק:

— אַ ק'קאָלאָניע — עך! איז דען אָט דאָס בייטיק?

העכער טויזנט וויאָרסט האָב איך געטראָגן דעם טרוים וועגן אַן אומאָפּהענגיק לעבן מיט מענטשן-פריינד, וועגן ערד, וואָס איך וועל אַליין צעאַקערן, פאַרזייען און מיט די אייגענע הענט צונויפקלויבן אירע פּירות, וועגן אַ לעבן אָן אויבערהערשאַפט, אָן אַ באַלעבאָס, אָן דערנידערונגען, איך בין שוין געווען איבערגעזעטיקט מיט דעם אַלעם. נאָר דער שטילער, ווייכער מענטש האָט אַ פאָך געטון מיט דער האַנט און ווי ער וואָלט מיין טרוים דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט. דאָס איז געשעען אומגעריכט פאַר מיר, איך האָב געמיינט, אַז מיין באַשלוס איז שטאַנדהאַפטיקער, פעסטער. און באַזונדער אויסטערליש — אפילו באַליידיקענד — איז געווען דאָס,

וואָס נישט זיינע רייד, נאָר דערדאָזיקער זשעסט און די גרימאַסע האָבן מיך מנצח געווען.

— מאַניענקאָו טיילט מיט, אַז איר שרייבט לידער, ווייזט — מ׳קען ? — האָט ער געפרעגט שפּעטער אַ ווײַלע, אין פאַרלויף פון וועלכער ער האָט געגעבן נאָך עטלעכע לייכטע קלעפּ דעם שוין האַלב־לעבעדיקן טרוים מײַנעם. דער טרוים איז מיר אַ שאָד געווען, אָבער ס׳איז מיר אויך פריילעך געווען, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי שוואַך.

די לידער האָב איך פאַרלוירן אויפן וועג צווישן מאָסקווע און ניזשני; די געשיכטע פון דערדאָזיקער אבידה האָט זיך מיר אויסגעוויזן זייער קאָמיש, איך האָב זי דערציילט ב. יע., וועלנדיק באַכאַמאַל אַ ביסל לאַכן פון מײַנע שלימזלדיקע וועג־פּאַסירונגען און דערוואַרטנדיק, אַז ער וועט אויך לאַכן.

אָבער ער האָט מיך אויסגעהערט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און כאָטש איך האָב נישט געזען זיין געזיכט, האָב איך פונדעסטוועגן געפילט, אַז ער האָט אפילו נישט קיין שמייכל געטון. און דאָס האָט מיך אויפסניי געבערענגט אין פאַרלעגנהייט.

אַ קוק געבנדיק אויף מיר פון אונטערן שטערן אָפּער מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמען בליק, האָט ער שטיל געזאָגט:

— אָבער איר האָט דאָך געקענט ווערן אַ קאַליקע. די לידער איז נישט קיין שאָד — אויף אויסוויינִיק קענט איר? נו, זאָגט עפּעס.

איך האָב געזאָגט, אַז כ׳געדענק: ס׳האָט זיך דאָרט גערעדט וועגן באַגינען־רויטקייט, און ס׳איז געווען אַזאַ שורה:

„גרויזאַם ווירבלען פייערדיקע פליגל"...

— טיוטשעוון האָט איר געלייענט? — האָט ער געפרעגט.

— ניין.

— לייענט איבער, בײַ אים איז בעסער...

און כמעט אין פליסטער, שטרענג זיך אָנכמורענדיק, האָט ער איבערגעזאָגט דאָס באַרימטע ליד; נאָכדעם האָט ער פאַרגע־

לייגט נאָך עפּעס איבערצולייענען, אָבער נאָך צוויי-דריי לידער האָט ער אַ זאָג געטון איינפאַך און ליבלעך:

— אין אַלגעמיין — שלעכטע לידער. ווי מיינט איר?

— שלעכטע.

ער האָט אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין, פרעגנדיק:

— איר מיינט עס אויפריכטיק?

אַ מאָדנע שאלה: האָט מען דען געקענט מיט אים רעדן נישט אויפריכטיק?

קוקנדיק מיר אין פּנים אַריין מיט זיינע וואונדערלעכע אויגן, האָט ער פאַרגעזעצט:

— אָט, האָב איך אַנומלט איבערגעלייענט זייער שיינע סטראָפן:

ווער ס׳פויזעט אויף דער ערד, שיפּענדיק אויף אַלץ
ווי אַ שלאַנג,
דער זעט נאָר מיסט. און נאָר פאָרן אָדלער,
וואָס שוועבט לייכט און פריי איבער דער ערד,
איז ליכטיק די גאַנצע ברעגלאָזע וויט.

— דאָס האָט אַפּוכטין אָנגעשריבן טאָלסטאָיען — שיין? און — ריכטיק!

פון דער מינוט אָן האָט זיך מיר אָנגעהויבן דאַכטן, אַז ער רעדט וועגן אַלעם מיט פּערזן און גערעדט האָט ער אַזוי, גלייך ער וואָלט דערציילט סודות, נאָר אים באַוואוסטע און אים טייערע.

און ער האָט איינגערעדט:

— לייענט, לייענט די רוסישע ליטעראַטור, וואָס מער. אַלץ לייענט! געפינט אייך אַרבעט און — לייענט! דאָס איז די בעסטע ליטעראַטור אין דער וועלט.

איך געדענק זיין אויפגעהויבענע האַנט, דעם דיקעם אויסגעצויגענעם פינגער, דאָס קרענקלעך פאַררויטלטע, אויפגערעגטע פּנים און דעם סוגעסטירנדיקן, ליבלעכן בליק.

נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעצויגן אַזוי, אַז די ביינער האָבן אַ קנאַק געטון, און זיינע אויגן האָבן

זיך מיד צוזעמאַכט. איך בין אַוועקגעגאַנגען האָבנדיק פאַרגעסן אַן דער קאָלאָניע.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך אים באַגעגנט אויף דעם אָט־קאָס, לעבן געאָרגי־טורם; ער איז געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אָן אַ לאַמטערן־סלופּ, און געקוקט באַרג־אַראָפּ. אָנגעטון אין אַ לאַנג ברייט מאַנטל און אַ שוואַרצן הוט, האָט ער דערמאָנט אָן אַ דע־מיסיאָנירטן גלח.

ס'איז געווען באַגײַנענדיקער פרימאָרגן, די זון איז נאָר־וואָס געהאַט אויפגעגאַנגען; אין די קוסטן אונטערן באַרג האָבן זיך גערירט, אויפוואַכנדיק, די אײַנוואוינער פון דער מיליאָנען־גאַס, די ניזשעגאָראָדער באָסיאַקעס. איך האָב אים דערקענט פון־ווײַטנס, אַרויפגייענדיק אויפן באַרג, צום טורם, נאָר ער, ווען איך בין צוגעקומען און זיך באַגריסט, האָט עטלעכע אומאַנגענעם־לאַנגע סעקונדעס זיך אײַנגעקוקט אין מיר, שווײַגנד אונטערהייבנדיק דעם הוט, און ענדלעך פריינדלעך אויסגעשריגן:

— דאָס זענט איר, קאָלאָניסט!

אין אַ מינוט אַרום זענען מיר געזעסן אויף אַ באַנק און ער האָט גערעדט לעבהאַפט, פאָכענדיק זיך מיטן הוט אויפן פּנים, מיט רויטע פלעקן אויף די באַקן.

— איך קום דאָ אָפט אין די פרימאָרגנס — אַן אויסטער־ליש שיין אָרט, האַ? אָט — איך קען נישט באַשרייבן די נאַ־טור, — דאָס איז אַן אומגליק! און מאָדנע: כמעט קיינער פון די יינגע שרייבער מאָלט נישט די נאַטור, און אויב זיי מאָלן, איז — טרוקן, נישט קינסטלעריש.

ער האָט געוואָרפן אַ בליק אונטן־אַראָפּ און פאַרגעזעצט:

— איך באַאָבאַכט דידאָזיקע מענטשן, אויכעט קאָלאָניסטן, האַ? ס'ווילט זיך זייער אַראָפּגיין אַהין, צו זיי, באַקענען זיך, נאָר — כ'האָב מורא. זיי וועלן דאָך חוזק מאַכן? און זיי קענען אַראָפּציען דאָס מאַנטל, און דערצו נאָך אָנהרגענען. אין אַ נישט אײַגנבוציקן אינטערעס צו זיי וועלן זיי דאָך נישט גלייבן, געוויס?

אָ — קוקט, איינער דאַוונט. אַ מאָדנע פיגור. ער איז, הפּנים, אָדער געווען אַזוי שכּור, אַז ער האָט זיך נאָך נישט אויסגעניכ־טערט, אָדער ער איז אַן איבערצייגטער „זאַפּאַדניק" — איר זעט: ער דאַוונט אויף באַלאַכנע, אויף מעריב־צייט.

— ער איז אַליין אַ באַלאַכנינער, — האָב איך געזאָגט.

— איר קענט אים? — האָט בייגעריק געפרעגט קאַראַגין, צורוקנדיק זיך צו מיר. — דערציילט — ווער איז דאָס?

איך בין שוין געווען באַקאַנט מיט אייניקע פון די מענטשן, וואָס האָבן געגעכטיקט אין די קוסטן, און האָב אָנגעהויבן דער־ציילן וועגן זיי. קאַראַגין האָט אויפמערקזאַם געהערט, אָפּט אי־בערשלאָגנדיק מיט פראַגן און די גאַנצע צייט זיך געפאָכעט מיטן הוט, כאָטש דער מאַי־פרימאָרגן איז געווען גענוג קיל. ער האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַן אַנדערער, ווי דאָס ערשטע מאָל, אַן אויפ־געגעגטער פון עפּעס; ער האָט געשמייכלט אַ ביסעלע איראָניש, אָן צוטרוי, און אַ צוויי מאָל מיר אַ זאָג געטון, פרייליך אַ שטויס געבנדיק מיר אין דער זייט:

— נו, דאָס איז שוין ראָמאַנטיזם!

— איר זענט פונדעסטוועגן, פריץ, אַ ראָמאַנטיקער!

זיינע פרייליכע פאָרוואורפן האָבן מיך נישט געאַרט, הגם איך האָב שוין געוואוסט, אַז זיין אַ ראָמאַנטיקער איז גאָר נישט קיין שבח.

— איך דערצייל אייך אַזוי, ווי זיי דערציילן וועגן ... — האָב איך באַמערקט.

ער האָט פאַרטראַכטערהייט געזאָגט:

— זיי זאָגן ליגנט. איר גלייבט זיי נישט. אַ רוסישער מענטש האָט ליב צו פאַנטאַזירן, און דעריבער זאָגט ער ליגנט אומבאַ־מערקט פאַר זיך אַליין, צוזיפּפלאָנטערנדיק די ווירקלעכקייט מיט שפּיל פון זייער שכל. איין פויערל האָט לאַנג און איבערצייגנד מיך איינגעלאַדן צו זיך אין בינשטאָק־גאָרטן, כ'קום אַהין, איז נישט נאָר קיין בינשטאָק־גאָרטן נישטאָ בײַ אים, נאָר קיינ־מאָל נישט געווען. איך פרעג: וואָס זשע איז דאָס, פעדאָר וואַסי־ליטש, האַ? און ער: „זעסטו פעדיפאַריטש, מוראדיק גוט איז דאָס

לעבן באַ די, וואָס האָבן בינשטאָקן. איך האָב געקלערט וועגן זיי, געטראַכט, און האָב אויף זיך אויסגעטראַכט". דאָסגלייכן זיי, די־דזיזיקע, טראַכטן אויך אויס אויף זיך. זיי זענען ראָמאַנטיקער, ווי איר, אַ שטייגער, פריץ. איך האָב נאָך געקענט איין בוזולוקסקער שטאָטסמאַן, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר יעדן אַלס געלט־פעלשער און, ווייזנדיק מענטשן עכט מלוכה־געלט, האָט ער זיך געריומט מיט זיין בעטער אַרבעט. ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ שלעכטן שם און אפילו צו אַ רעוויזיע, און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אפילו קיינמאָל נישט געפּרוווט צו מאַכן קיין איין צוואָנציקערל. פרעגט מען אים: נאָכוואָס זשע, ברודער, האָסטו אויף דיר אַליין אויסגעטראַכט אַ בלבול? „ווער, זאָגט ער, האָט דען דערפון אַ היזק און אַן עוולה? און מיר, מיין איך, איז אָנגענעם צו קלערן, אַז אָט פאַרגלוסט זיך מיר — און פאַרטיק, כ׳בין רייך".

ער האָט אויפגעהערט צו שמייכלען, זיך פאַרטראַכט, קוקנדיק ווייט אַריבערן טייך, כמעט אַ בלאָען, צו די באַזוניקטע זיידענע לאָנקעס.

— דאָס איז, ווייסט איר, באַ אונז אַן ערנסטער, טיפער שטריך — אונטער אים, קאָן זיין, מאַטערט זיך פאַרבאָרגענערהייט דאָס לעכצן נאָך אַן אַנדער לעבן, אונטער אים באַהאַלט דער מענטש די הייליקע אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין. בינדט אים אויף די הענט, און ער וועט אויפהערן צו טרוימען, ער וועט זיך נעמען צו אַרבעט — ער וועט זיך נעמען, ס׳איז זיכער. אָט ווייזן דאָך יענע, וואָס האָבן אויפגעהערט צו טרוימען, שוין איצט אַרויס אומגעהייערע כוחות, זיי קענען בייקומען אויסערגעוויינלעכע מניעות. אָט האָט מען מיר דאָ דערציילט וועגן די וואָלגישע שיפערס — סאַרע פיגורן, סאַראַ לעגענדאַרישע עקשנות אינם דערגרייכן זייערע צילן! ניין, דאָס רוסישע פאָלק — איז אַ וואויל פאָלק, דאָס וואונדערלעכסטע פאָלק, ווער איך אייך זאָגן.

דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרן געשווינד, הייס און קאַטעגאָריש, אַזוי ווי אין וויכוח מיט עמעצן. נאָכדעם איז ער אויפגע־

שטאַנען, זיך דורכגעגאַנגען איבערן וועגל, באַטראַכטנדיק אַלץ אַרום זיך, און זיך ווידער אַוועקגעזעצט.

— אָט איז הינטער אונז אַ סעמינאַר, אַ ביסל ווייטער — אַ גימנאַזיע, אַ קייגנאיבער — דער אַדל־אינסטיטוט, און אונטערן באַרג, בערך פופציק טריט פון דידאָזיקע אַלע הערלעכקייטן — אַ פּאַרהיסטאָריש לעבן אין לעכער, אונטערן אָפענעם הימל, און ווילדע מענטשן. וועגן דעם איז כדאי אַ טראַכט צו טון, יונגער־מאַן! מען דאַרף זיך פאַרטראַכטן. מיר קענען מוראדיק שלעכט דאָס לעבן און — נאָך ערגער איז — מיר ווילן עס נישט קענען, אַזוי ווי בכיוון באַמיען מיר זיך צו זען ווינציקער, ווי מיר קאָנען, מיר אַנטלויפן אין קאָלאָניעס, באַהאַלטן זיך אין ערשטן בעסטן מקום־מקלט. . .

און מיט גרויס צער האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן דער קאָמפּליצירטער חולאת פון יענער צייט — איך געדענק נישט גע־נוי זיינע ווערטער, נאָר מיר דאַכט זיך, ער האָט זיי איבערגע־חזרט אין דער דערציילונג „אויף דער גרעניץ פון מענטש”.

„דידאָזיקע צייט איז געווען אָט אַזעלכע: עקל צו אַלע אילוזיעס, חוזק פון אַלעם, און וואָס מען האָט ערשט נישט לאַנג געגלייבט, קעלט און מאָראַלישע פוסטקייט”.

גערעדט האָט ער שטילערהייט, אַזויווי זיך שעמענדיק, וואָס ס׳קומט אויס צו רעדן וועגן אַזעלכע טרויעריקע זאַכן, און בסדר זיך אומגעקוקט, גלייך ער וואָלט נישט געוואָלט, אַז אַ חוץ מיר זאָל זיינע ווערטער הערן נאָך עמעצער. ער איז געזעסן איינגע־בויגן, פעסט צונויפדריקנדיק די קניען מיט די פינגער פון די דאַ־רע הענט, אויפן פנים איז אים געפאַלן דער שאָטן פונם הוט, און די אויגן האָבן אויסגעזעען בלאָע.

— אָט, איר האָט דערציילט וועגן דידאָזיקע מענטשן אונ־טערן באַרג. אָבער — פאַרוואָס, גיט אַ קלער, פאַרוואָס גייען באַ אונז מענטשן אַזוי לייכט פאַרלוירן? ס׳געשעט דאָך מוראדיק לייכט: האָט געלעבט אַ מענטש, און — גאָרנישט, נאָר פלוצ־לינג — „זיך אַראָפּגעשלאָגן פון וועג”. זעט! ס׳האָט זיך נישט־ווילנדיק אַרויסגעזאָגט: געלעבט און — גאָרניכט! — אַלע גייען

אַזוי ווי איבער אַ גליטשיק אָרט; מען גייט — זיך אַ וואַקל גע־טון — געפאַלן און נישטאָ באַ וואָס זיך אָנצוהאַלטן — נישטאָ גאָרנישט, וואָס זאָל צוריק שטאַרקן די נשמה. און אויב מען פאַלט, צעמזיקט מען זיך דאָך אויף האַלב־טויט, אומבאַדינגט זענען די וואונדן נישט צום אויסהיילן, כאָטש מען פאַלט גאָרנישט מי יודע פון וואָסער הייך.

דאָס האָט זיך מיר שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון — איך אַליין בין דעמאָלט געווען אין דער פּאָזיציע פון אַ מענטש, וואָס האַלט באַ פאַלן.

ער איז פלוצלינג אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, אַ ריר־גע־טון די וועסטל־קעשענע, אַ קוק געטון אין הימל אַריין.

— ס׳איז שוין אַ זייגער זעקס, יאָ? כ׳דאַרף שוין גיין. קומט אַריין!

און מיט גרויסע שפּרייז, נידעריק אַראָפּרוקנדיק דעם הוט, האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן בולוואַר, נאָר פלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אומגעקערט צוריק און שטרענג — ביז קאָ־מיזם שטרענג — אַ פרעג געטון:

— מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך אייגנטלעך?

— איך פיר אַרום ביירישן קוואַס.

— דאָס הייסט, ווי אַזוי, וואוהין פירט איר?

— אין געוועלבן, אין הייזער. . .

ער האָט אַ קלער געטון און געזאָגט, שמייכלענדיק:

— דאָס מוז זיין זייער לאַנגווייליק און נאַריש, האַ? נו — צום ווידערזען, סוחר, קומט זשע אַריין!

ער האָט ליב געהאַט צו שפּאַצירן אויפן פעלד, הינטער דער שטאָט, איינער אַליין; איך האָב אים געטראָפן אַ מאָל צוויי בעת דידאָזיקע שפּאַצירן. ער האָט מיך געפרעגט, וואָס איך לייען, און מיט גרויס אויפגערעגטקייט מיר דערציילט וועגן די שרייבערס. איך געדענק, רעדנדיק וועגן גאַרשינען, האָט ער געזאָגט, אין שייכות מיטן „רויטן בלימל“.

— אַ רוסישער שרייבער וויל תּמיד אָנשרייבן עפּעס אַזוינס ווי די עוואַנגעליע, אַ בוך פאַר דער גאַנצער וועלט; בײַ אונז ווילן דאָס אַלע, דאָס איז אַן אַלגעמיינע שטרעבונג הן פון די גרויסע, הן פון די קליינע שרייבערס און, איר ווייסט, אָפט פילן די קליינע דעם אייביקן אמת אַ סך ריכטיקער, טיפער פון די גאונים — אָט, וואָס איר זאָלט נישט פאַרגעסן, דאָס איז זייער וויכטיק! די רוסישע ליטעראַטור — איז אַן אייגנאַרטיקע, דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, הייליקע שריפט און לייענען זי דאַרף מען זייער אויפמערקזאַם, זייער!

ער האָט לאַנג געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— גאַרשינען רופט מען הייליקער מענטש — ס'איז ווייניק — ער איז געווען אַ הייליק קינד!

איינמאָל בין איך געקומען צו אים אין וואוינונג און האָב אים געטראָפן אין דעם אייגענעם שמאָלינקען, ליידיקן און אומעטיקן צימער; אַ האַלב אויסגעטוענער, אַ צעשויבערטער איז ער געלעגן אויפן געלעגער מיט אַ ביכל אין די הענט.

— די טעמפּעראַטור שפּרינגט אינדערהייך — האָט ער דערקלערט — אינדערפרי איז זי אַרויפגעלאָפן כּמעט ביז פערציק, מוז איך מיך דאָ וואַלגערן! און מיינע זענען אַוועקגעפאָרן קיין סאַראַטאָוו. זאָגט־אָט דער מכשפה, וואָס האָט אייך געעפנט די טיר, אַז זי זאָל אונדז דערלאַנגען טיי.

— איר האָט געלייענט קושטשעווסקין? — האָט ער געפרעגט. — ניין? לייענט דורכויס איבער „ניקאָלאַי ניעגאָרעוו" — אַ גוטע זאַך! איר האָט געהערט וועגן אים, וועגן קושטשעווסקין?

געפרעסט, מיט אומפאַרגעסלעכע, וואָגיקע ווערטער, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם, ווי דער מחבר פון „ניעגאָרעוו", אַרבעטנדיק אין האַרבסט אויף דער ניעווע אַלס לאָדעוועער און איבערפירער, איז מיט אַ טאָטשקע אַריינגעפאַלן אין וואַסער, האָט זיך פאַרקילט און, ליגנדיק אין שפּיטאָל, געשריבן אין די נעכט זיין ראָמאַן.

— איך האָב אים נישט געקענט, נישט באַגעגנט, ס'האָט

מיר דערציילט וועגן אים דער שכורניק — דער פעלדשער פון יענעם שפּיטאָל. „קיין רפואות באַדאַרף איך נישט, — האָט ער געזאָגט דעם פעלדשער, — איר גיט מיר בעסער בראָנפן, אַ ליכטל און פּאַפּיר. לעבן וועל איך סיי ווי נישט, נאָר איך מוז אָנשרייבן אַ ראָמאַן, העלפט זשע מיר צו דערין — גיט מיר אַ ליכטל. באַטאָג איז פאַרווערט צו שרייבן און מען שטערט, הייסט עס — מען דאַרף שרייבן באַנאַכט, און אָן אַ ליכטל — איז פינסטער, איר פאַרשטייט?" ער האָט באַ אַלעמען געבעטן ליכטלעך, אָבער מען האָט געמיינט, אַז דאָס רעדט ער פון היץ, און מען האָט אים נישט געגעבן קיין פייער, ער האָט אויסגעטוישט זיינע פּאַרציעס אויף פּיצלעך ליכטלעך, האָט געהונגערט און געשריבן; איינמאָל האָט ער גענומען אַ ליכט פון באָד-צימער, האָט מען דאָס באַמערקט און אָפּגענומען באַ אים דאָס ליכט, און — ער האָט געוויינט! אָבער ער האָט פונדעסטוועגן — אָנגעשריבן דעם ראָמאַן, ס'איז דאָרט פאַראַן אַ וואונדערלעכע פערזאָן, אפשר איינע פון די פאַנטאַסטישסטע פיגורן אין דער רוסישער ליטעראַטור — אָווערין, ווען די ערד, די גאַנצע ערד — ווייזט זיך אויס אַלס לעבעדיק, פילנדיק און דענקענדיק וועזן, וואָס ווייסט וועגן אונז גאָרנישט, אָדער אַזויפיל, וויפיל מיר ווייסן וועגן מיקראָבן. דאָס וועזן בייגט איין אַ פינגער, און מיר לעבן איבער ערדציטערנישן, און, אין דער זעלבער צייט, קען זיין, לערנט עס זיך אין אַ וועלכער ס'איז גימנאַזיע, לייענט ביכער און, ווען ס'מישט איבער די בלעטלעך, וואַקלט זיך אונזער וועלט. ווען איך האָב געלייענט וועגן דעם גיגאַנט-ערד, וואָס פילט נישט אויף זיך די מענטשן — האָב איך געשפּירט אַ שרעק. דאָס קאָן נאָר אַ רוסישער שרייבער פילן די גאַנצע ערד, ווי אַ לעבעדיק און אים פיינדלעך וועזן, איך בין איבערצייגט, אַז נאָר אַ רוסישער. עך, ווייסט איר, וויפיל טאַלענטירטע מענטשן ס'איז פאַראַן אין רוסלאַנד, און ווי שרעקלעך זיי לעבן! אָט — גיט אַ קוק!

ער האָט זיך געזעצט אויף דער קויקע, אָנשפּאַרנדיק די פּלייצע אָן דער וואַנט, און אָנגעהויבן לייענען קושטשעווסקיס דערציילונג „דער זעלבסטמערדער". ביז יענער צייט, און, מעגלעך,

איך — פון יענער צייט אָן ביזן היינטיקן טאָג — האָב איך נישט געהערט אַזאַ לייענען: דער לייכטער חסרון פון קאַראַנגינס אויסשפּראַך האָט אים וואונדערלעך געהאָלפן ניואַנסירן און אונטערשטרייכן די צומיינסטנס אויפרעגנדע ערטער פון דער איינפאַך אָנגעשריבענער דערציילונג, די שטילע שטימע האָט אָנגעפילט די ווערטער מיט אַן אומהיימלעכער און באַזיגנדער נערוועישער קראַפט.

נישט צום פּאַרטראָגן שענדלעך און שרעקלעך איז געווען צו הערן די געשיכטע פון דעם פּויערישן זון, דעם ליטעראַט אַגאַפּאָנאָוו: דער פּאָטער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ שטייער פון צען רובל יעדן חודש, אונטער דער דראָונג נישט צו געבן קיין פּאַס און — שמייסן. איינמאָל איז דערדאָזיקער אַגאַפּאָנאָוו, „אַ קליינינקער, טונקל־בלאָנדער מענטש", וואָס האָט געשריבן זייַנע דערציילונגען, זיך אויפרעגנדיק ביז געוויין, קראַנק געוואָרן, און פון שפּיטאָל איז ער אַרייַנגעפאַלן אין עטאַפּן־תּפיסה.

„דורכמאַכנדיק אַ רייזע פון עטלעכע הונדערט ווי‌אָרסט אין האַנט־קייטן, איז ער אָנגעקומען פאַר די גרויזאַמע אויגן פונם פּאָטער, וועלכער האָט נישט גענומען אין אַכט קיין שום פּאַרענטפער וועגן דעם נישטפּינקטלעכן אַרייַנטראָגן דעם שטייער...

— איך האָב אויף די קניען אים געבעטן — האָט דערציילט אַגאַפּאָנאָוו, — מיך נישט צו שמייסן; דערנאָך האָב איך געבעטן אָפּצושמייסן, נאָר מיך צוריק אָפּלאָזן אין שטאָט אַרייַן. און איך קוק דורכן פענצטער, דער משרת אָסיפּ איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בעריאָזע און שניידט אָן ריטער. דער פּאָטער זאָגט: „איך וועל דיר ווייזן צו שכורן". און בייַ מיר הערט נישט אויף צו קלאַפּן דאָס האַרץ; איך קוק אין פענצטער — מען שניידט ריטער... זיי זענען אַרייַנגעקומען. איך האָב לאַנג זיך געראַנגלט, זיי האָבן אויסגעצויגן אין שייַער, אויפן שטרוי, און... איך האָב מיך דעמאָלט געוואָלט אויפהענגען נאָכדעם, נאָר דער פּאָטער האָט מסכּים געווען צו נעמען בייַ מיר פינפצען רובל אַ חודש און מיך לאָזן צוריק קיין פּעטערבורג. — אָבער טאָמער וועט ער מיך אַרויספאָדערן, און מען וועט מיך ווידער פירן אין

קייטן? אַך וויפיל וואַנצן ס'איז דאָ אויף די עטאַפּן, ווען איר וואָלט וויסן... און גאָכאַמאָל שמייסן... איך וועל דאָס ניט איבערטראָגן... איר זענט — אַן אַדלמאַן... ווי גוט איז צו זיין אַן אַדלמאַן! נאָר איר זענט אַ קבצן, איר זענט אַן אונזערי־קער... יאָ".*)

און אָט פאָדערט דער פּאָטער אויפסניי, אַז דער זון זאָל צושיקן זעכציק רובל שטייער אָדער זיך אומקערן אין דאָרף אַריין. אַגאַפאָנאָוו צאַפּלט פון שרעק, קיינער קאָן אים ניט העלפן. ענדלעך האָט מען אים צוגעשיקט א „פּאַס" — א פּויער פון זיין דאָרף האָט געבראַכט א לאַנגע ראָלקע און אין איר — א בינטל בערעזענע ריטער און דערביי א בריוו פון פּאָטער:

„אָט האָסטו א פּאַס". און א דראָזשנג — אויב דער איבער־געבער וועט ניט תּיכף באַקומען קיין פינף און זעכציק רובל, וועט דער פּאָטער אַרויספאָדערן צו זיך דעם זון אויפן פריערדיקן געזעצלעכן שטייגער, און דערדאָזיקער פּאַס וועט אויסגעשריבן ווערן אויף זיין רוקן.

אַגאַפאָנאָוו האָט זיך אויפגעהאָנגען.

פאַרענדיקנדיק דאָס לייענען, האָט ב. יע. אַוועקגעוואָרפן דאָס בוך, האָט שטאַרק אויסגעווישט מיט די פינגער די מידע אויגן און שווייגנד זיך אַנידערגעלייגט.

איך האָב געפרעגט — דאָס איז אמת, אָדער אויסגע־טראַכט?

— ס'איז אמת, — האָט ער טרוקן געזאָגט. מיר האָט דער־ציילט דידאָזיקע געשיכטע דער דיכטער קראָל, א באַטייליקטער אין איר, איינער פון יענע, וואָס האָבן אים ניט געקענט העלפן. זיי אַלע זענען געווען כמעט אין דיזעלביקע באַדינגונגען וואָס אַגאַפאָנאָוו; דער אמתער פאַמיליע־נאָמען פון דעם אומגליקלעכן — איז ניט אַגאַפאָנאָוו, נאָר כ'געדענק ניט וויאַזוי. אין פּעטער־

---

*) קושטשעווסקי, „ניט אַרויסגעגעבענע דערציילונגען", וייט 179—185.

בורג האָב איך געלייענט זיינע דערציילונגען — זיי דערמאַנען ני־קאָלאַי אוספּענסקיס, נאָר זענען בעסער, דורכגעטראַכטער און ווייכער. נעכטן ערשט האָב איך געדענקט זיין פאַמיליע־נאָמען, נאָר אָט דער קאַפּווייטיק — מ׳קאָן דערפון דעם אייגענעם נאָמען פאַרגעסן...

— זאָל איך אפשר אַוועקגיין? — האָב איך פאָרגעלייגט.

— נו, נאַדיר גאָר! — זאָגט ער אויסגעשריגן, זיך אויפשטעלנדיק אויף די פיס. — דערבאַרעמט אייך, שוין דעם פערטן טאָג, ווי איך זע נישט, אַ חוץ פליגן, קיין לעבעדיק נפש...

— זיי אַלע — קושטשעווסקי, וואָראָנאָוו, לעוויטאָוו, און — פיל אַנדערע — זענען געווען די ביטערסטע שכורים, וועגן דעם דערמאַנט מען אָפט, אָבער די סיבה, פאַרוואָס זיי האָבן געטרונקען, אַזוי — אויף טויט, די סיבה פון דערדאָזיקער דראַמע אינטערעסירט קיינעם נישט. אַלע זענען זיי דאָך נישט געבוירן געוואָרן קיין אַלקאָהאָליקער, אַ סך האָבן, מסתמא, געשכורט דערפאַר, וואָס קיין בעסערע באַשעפטיקונג איז בא זיי נישט געווען. אפשר איז דאָס היינטיקע אַוועקגיין אין די קאָלאָניעס אָדער אין אַן אַנדער מקום־מקלט אין תוך געגומען אַ ביסל בעסער פון זייער שכרות; אפשר איז גאָר — אויב צו נעמען די דערשיינונג אין דער גאַנצער טיף — די שענק נענטער צו מענטשן פון אַ קאָלאָניע? איך קאָנסטאַטיר דאָס נישט, נאָר ס׳איז אַ סברה. מען דאַרף געדענקען, אַז איינער פון די ערלעכסטע שרייבערס אונזערע האָט אַמאָל הויך דערקלערט: „איך שטאַרב דערפאַר, וואָס כ׳בין געווען ערלעך“. דאָס זענען — גאָס־אייזערנע ווערטער! און אין ערגעץ נישט, אַ חוץ אין רוסלאַנד, איז אַזוי נישט געזאָגט געוואָרן. מיט דעם — איז דער גאַנצער נאַציע, דער גאַנצער געזעלשאַפט געשליידערט געוואָרן אַ פאָרוואורף, אַ פאַרדינטער פאָרוואורף. אָבער, אויב מען איז געשטאָרבן דערפאַר, וואָס מען איז געווען ערלעך, האָט מען דאָך געקאָנט דערפון אויך שכורן? צי האָב איך רעכט אָפּצורופן פון דער העסלעכקייט אין שענק, מחמת קיין אַנדער אָרט איז פאַר מיר, פאַר דער אויסגעפייניקטער

נשמה מיינער — נישט אָנגעגרייט ? די געזעלשאַפט ענטפערט קאַטעגאָריש : „דו האָסט נישט דאָס רעכט !“ זי אַליין אָבער דערמאָנט תּמיד מיט איר אויפפירונג דעם פּסוק פון תּהילים „למה רגשו גויים“ און — בלייבט טויב צו אַזוינע דערקלערונגען, ווי אַ שטייגער : „איך שטאַרב, ווייל איך בין געווען ערלעך“. דאָס דערגייט נישט צו איר !

ער האָט דערציילט אַנעקדאָטן, וועגן די באַרישקייטן פון דער צענזור, געלאַכט אָן רוגזא, נאָכדעם האָט ער לאַנג געשוויגן, אַ פאַרמאַטערטער, און אָפּזיפצנדיק, געזאָגט :

— בכלל, יונגערמאַן, צו זיין אַ שרייבער אין הייליקן רוסלאַנד — איז אַ שווערע הלכה. מסתּמא וועט אַמאָל געבוירן ווערן אַ קלוגער מענטש, וועט ער אַ קוק טון, זיך פאַרטראַכטן און אפשר אָנשרייבן די געשיכטע פון רוסישן שרייבער — דעם פאַרשידנראַנגיקן. דאָס וועט זיין זייער אַ באַלערנדיקע געשיכטע און זי וועט געוואַלטיק נוצלעך זיין פאַר דער געזעלשאַפט. מען דאַרף דאָך סוף כּל סוף פאַרט פאַרשטיין, אויף וויפיל באַ אונז איז נישט מעגלעך — דאָס מעגלעכע. דער קאַלאַמבור — איז אויף רוסיש : דאָס מעגלעכע — אוממעגלעך.

ער איז קוים געזעסן אויף דער שטול, זיינע אויגן זענען געווען טריב, און דער קאָפּ האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט. און ווען איך האָב אים געזאָגט, הלמאי ער שטרענגט זיך אָן, ער וואָלט זיך בעסער געלייגט, ווייל ער איז, אַפּנים, שטאַרק קראַנק, האָט ג. יע. מיט אַ שמייכל געענטפערט :

— איך בין שוין אַ יאָר צען קראַנק.

איינמאָל האָב איך אים געזען צווישן מענטשן ; אין שטאָט איז געקומען צופאָרן אַ טאָלסטאָיאַנער, בכדי צו פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער נייער לערע, ס׳האָט זיך פאַרזאַמלט אַ פּובליקום צו הערן אים, ס׳איז אויך געקומען קאַראָנין מיטן ווייב.

דער פּראָפּאַגאַנדיסט איז געווען אַ יינגער בחור, אָנגעטון אין אַ צווילכענער בלוזע און הויזן, אין שווערע אומבאַקוועמע

שטיוול; ער האָט אַרטיסטיש זיך געקראַצט די זייטן, געטרייסלט מיט די האָר, ווי אַן עכטער פויער, געגאַנגען איבערן צימער זיך וויגנדיק, מיט דעם ספּעציפישן גאַנג פון אַ האַרעפּאַשניק און האָט געקוקט אויף אַלע מענטשן, ווי איינער, וואָס באַזיצט אַן אוניווערסאַלן אמת — מיט אַ געגעדיק און איינצייטיק גלייכגילטיק אויג, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— אַט זענען אַלע קשיות פון לעבן פאַרענטפערט געוואָרן דורך מיר, און אויב איר ווילט, וועל איך אייך אדרבה מיטטיילן אַלע ענטפערס.

ער האָט אַרויסגעוויזן אַ בפירושע צופרידנקייט דערפון, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן „צו פאַרפראָסטן זיך", אָבער אין בייטיקע פאַלן האָט ער פונדעסטוועגן באַנוצט אַ באָזטיכל. גערעדט האָט ער „אויף אונזער שטייגער, אויף פּראָסט לשון, דאָרפסמעסיק", געשמאַק אונטערשטרייכנדיק די עכט פאָלקסטימלעכע ווערטער; ער האָט בכל געשפּילט די ראָלע פון אַ פּראָסטן פויער מיט אַ פיינער איינגעהאַלטנקייט און נישט אָן ליבע צו דער זאַך. ער האָט אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער האָט קריטיש באַטראַכט אַלע באַדינגונגען פון סאָציאַלן לעבן און דערוויזן די צוהערער, אַז אין אַלע אומגליקן אין לעבן זענען זיי אַליין שולדיק, ווייל זיי זענען פּחדנים, ליגנערס, חונפים און פוילעצער. די מענטשן האָבן יענעם טאָג געלעכצט נאָכן אמת, דער שטרענגער מוסר פון זיין נביא איז דורך זיי אויפגענומען געוואָרן הכנעהדיק און אָן דערווידערונגען, אָבער — צום אומגליק פאַרן אָראַטאָר און פאַרן פּובליקום — האָט זיך [illegible] די צוהערער געפונען אַ געוועזענער סטודענט פון דער טעאָלאָגישער אַקאַדעמיע, — אַ געשטופּלטער, קוטשמעוואַטער פאַרשוין, וואָס האָט פיינט געהאַט ראַציאָנאַליזם, נאָר וואָס דאָס האָט אים פונדעסטוועגן נישט געשטערט צו שטודירן שוין דאָס דריטע יאָר אין קאַזאַנער אוניווערזיטעט מעדיצין. ער האָט גענומען אָפּאָנירן דעם טאָלסטאָיאַנער, און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרביסן צו שליידערן איינער אויפן אַנדערן מיט ציטאַטן פון עוואַנגעליע, פון די שאַפונגען פון די קירכלעכע הייליקע פאָטערס און פון די רעליגעזע ביכער פון ל. נ. טאָלסטאָי;

דער סטודענט האָט זיי געלייענט און אויפגעוויזן דעם טאָלסטאָיאַ־נער, אַז ער האָט נישט פאַרשטאַנען זיין לערער, און דער פאַר־פּראָסטעטער מענטש האָט זיך געבייזערט, באַנוצנדיק שוין נישט פאַר אַלעמען פאַרשטענדלעכע ווערטער, ווי אַ שטייגער „פּרעדי־קאַט", „אַנטימאָניע". דער סטודענט האָט אים באַשולדיקט אין נישט ריכטיקן פאַרטייטשן די פילאָזאָפישע טערמינען — ווי אַ ווי־כער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אַ טומעלדיקע לאַנגווייליקייט, און אַלע צוהערער האָבן אָנגעוואוירן דעם אינטערעס.

קאַראָגין איז געזעסן אין אַ ווינקל פון צימער, וואָס איז ענג געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן און אָנגעזאַפּט מיט טאַבאַק־רויך; ער האָט זיך איינגעבויגן, פון צייט צו צייט נישט הויך גע־הוסט און ס'האָט זיך געדאַכט, ער הערט נישט דעם דיספּוט, אי־בערקלייבנדיק מיט די פינגער די האָר פון דער באָרד. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס, וואָס דאָ קומט פאָר, איז אים פרעמד, און אַליין פילט ער זיך אויך דאָ פרעמד, צווישן די באַליידיקט אָנ־געברוגזטע אָדער געדריקט אונטערטעניקע מענטשן, וואָס אין זיי־ער קרייז האָבן אומדערמידלעך געקעמפט די צוויי פילאָזאָפן. די הויכע פלייצע פון דעם שרייבער האָט זיך שטאַרק אויסגעבויגן, די אַראָפּגעהאָנגענע האָר פאַרשטעלט זיין פּנים; איך האָב אַלץ געוואַרט, אַז ער וועט אויפשטיין, אויסגלייכנדיק זיך אַ ביסל, קוים־קוים, ער וועט אַרויסטרעטן פאָרויס און מיט אַן איבערצייגנדער שטימע וועט ער זאָגן:

— גענוג!

— דאָס איז קוויעטיזם! — האָט געשריגן דער סטודענט צום טאָלסטאָיאַנער, און יענער האָט אים אָנגערופן „פּאָזיטיוויסט, וואָס שעמט זיך מיטן פּאָזיוויטיזם". קאַראָגין האָט אומבאַמערקט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען אין שכנישן צימער, וואו ס'זענען געזעסן עטלעכע מענטשן, פאַרמאַטערטע פּנים וויכוח; עמעצער פון זיי האָט אַ פרעג געטון:

— וואָס — נאָך אַלץ אַזוי לאַנגווייליק?

— אַזיווי אין אַ סעמינאַר אויף אַ לעקציע פון האָמילעק־טיק — האָט געענטפערט קאַראָגין.

מען האָט אים געפרעגט, ווי ס׳געפעלט אים דער פריידי־
קער.

גלעטנדיק מיט דער האַנט דעם גאָרגל, האָט ער נישט באַלד
און נישט גערן געענטפערט:

— די אַרגומענטן זענען שטאַרקע און ריכטיקע, נאָר די
אויספירן זענען נישטיק און נאַיוו. לויט מיין מיינונג הייסט עס,
אַז בא אים איז — גלייכצייטיק — אַ שלעכטע לאָגיק און נישטאָ
קיין געפיל. אַ לערער איז ער, ווייזט אויס, געוואָרן נישט דער־
פאַר, וואָס אים זענען אַ שאָד די מענטשן און ער וויל גוטס פאַר
זיי, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט הנאה צו לערנען מענטשן. אַ
קאַלטע נשמה.

אין אַ מינוט צען אַרום איז ער אַוועקגעגאַנגען, נישט גע־
זעגנענדיק זיך מיטן באַלעבאָס פון דער דירה, און איך מיט נאָך
עמעצן זענען אים געגאַנגען באַגלייטן.

ער האָט געשפּרייזט פּאַמעלעך, האַלטנדיק די האַנט אונטער
דער באָרד, און שטיל גערעדט:

— בא סליעפּצאָוון, זאָגט דאָרט זיין קלוגער ריאַזאַנאָוו —
„ס׳איז פאַרהאַן אַזאַ שטאַנדפּונקט, פון וועלכן די סאַמע אינטערע־
סאַנטסטע זאַך ווערט אַזוי איינפאַך און קלאָר, אַז ס׳איז אויף איר
לאַנגווייליק צו קוקן" — אָט האָט דערדאָזיקער פּראַנט אַזוי באַ־
לויכטן דאָס גאַנצע לעבן, אַז ס׳איז געוואָרן לאַנגווייליק דערויף צו
קוקן. ריאַזאַנאָוו האָט פונדעסטוועגן דערנאָך מודה געווען, אַז „דאָס
איז נישט קיין לעבן, נאָר אַזוי, דער טייוול ווייסט וואָס, עפּעס אַן
אומזין". — ס׳וועט אַריבער צוויי־דריי יאָר, וועט דערדאָזיקער
אויך דערזעען, אַז ער האָט אויסגעטראַכט אַן אומזין און דער
טייוול ווייסט וואָס. און אפשר וועט ער נישט זאָגן, ער איז אַמ־
ביציעז; ער וועט נישט זאָגן, נאָר גלייך אַ קויל אין קאָפּ אַריין
זיך געבן. דערפאַר, טאָמער וועט ער יאָ זאָגן, איז אומבאַדינגט
שרייעוודיק, כּדי די גאַנצע וועלט צו פאַרהידושן, דאָס איז שוין
בלתּי ספק.*)

---

*) קאָראָניגס נביאות איז אינגיכן וואונדערלעך געווען מקוים

— באמת אין אים איז פאַרהאַן עפּעס געמיינזאַמס מיטן סקעפּטיקער ריאַזאַנאָוו, כאָטש ער קאָקעטירט מיטן קיטל פון אַ גלויבנס־לערער, — האָט קאַראַנין גערעדט פאַמעלעך און ווי קלערנ־דיק וועגן עפּעס אַנדערש. — מיין פרוי הערט אים און שטויסט מיך אין דער זייט, רוימט מיר איין: אָט, שרייב אָן וועגן אים אַ דערציילונג. אָנשרייבן — לאָזט זיך און מען דאַרף אפילו. נישטאָ קיין לייכטערס, ווי אַראָפּנעמען פון אַ מענטש דאָס פרעמדע און ווייזן, אַז אונטער דער פרעמדער קליידונג באַהאַלט זיך אַן אַנט־לאָפענער אַרעסטאַנט פון זיין אייגענער תפיסה. איר האָט געהערט, ווי ער האָט געזאָגט: „גלויבן — דאָס איז ליבע, אויסגעשפּרייטע אויף דער גאַנצער וועלט?" די ווערטער זענען נישט דורכגעטראַכט: זיי באַהויפּטן די מעגלעכקייט פון עפּעס אַ כעסלאָזן, באַאָבאַכטנ־דיקן קיום. דאָס זאָל מען דעם רוסישן איינוואָוינער — באַאָבאַכ־טונג רעקאָמענדירן?

ער האָט מיך אָנגענומען באַם אַקסל און געפרעגט:

— און אויף אייך, קאָלאָניסט, האָט, דאַכט זיך, דידאַקטיקע דרשה געווירקט?

יאָ, איך בין געווען דערדריקט פון אַלעם, וואָס איך האָב געזען, און בפרט פון מיין אַבסאָלוטן נישט פאַרשטיין די פילאָ־זאָפישע ווערטער. איך האָב באַ אים געבעטן אַ דערלויבעניש אַריינ־צוקומען צו אים.

— מיטן גרעסטן כבוד! — האָט ער געזאָגט.

געוואָרן: אין יאָר פון זיין טויט, האָט דער פאַרברענטער טאָל־סטאָיאַנער נ. אילאין אָפּגעדרוקט זיין — ביז נישט אָנשטענדי־קייט — שרייעוודיק „טאָגבוך", אַ ביסל שפּעטער האָט איינער פון די הויפּט־פריידיקער פון „טאָלסטאָיאַניזם" מ. נאָוואָסעלאָוו אָנגע־הויבן אָנפאַלן אויף ליעוו ניקאָלאַיעוויטשן אין „פּראַוואָסל. אָבזאָר". און אַ גאַנצע ריי געוועזענע פריידיקער פון „נישט טוען" און „נישט קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס" זענען אַרויסגעטרעטן מיט דער שאַרפסטער קריטיק פון דער „נייער עוואַנגעליע".

איך האָב באַ אים געזען ביכער פון ספּענסער, וואונדט האַרטמאַן אין קאָזלאָווס באַאַרבעטונג און „וועגן פרייהייט פון ווילן" פון שאָפּענהויער; קומענדיק צו אים אויפן צווייטן טאָג, האָב איך טאַקע אָנגעהויבן דערפון, וואָס איך האָב געבעטן צו געבן מיר איינס פון דידאָזיקע ביכער, וועלכעס ס'איז „גרינ־גער".

אַלס תשובה דערויף האָט ער געמאַכט אַ קאָמיש ווילד פּנים, ער האָט זיך צעשויבערט די באָרד און געזאָגט:

— נאָר דאַסדאָזיקע האָט אייך נאָך טאַקע צוגעפּעלט!

און נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן פּאַטערלעך איבער־צייגן:

— נו, נאָכוואָס דאַרפט איר עס? דאָס וועט איר דערנאָך, אין פרייער צייט לייענען. און אַצינד, כדי צו באַקענען זיך מיט פילאָזאָפיע, וועט גענוג זיין, אַז איר וועט איבערלייענען כעמני־צערס פּאַבל „דער מעטאַפיזיקער" — דאָרטן איז אַלץ קלאָר. ס'איז נאָך פּאַר אונדז אַלע — צו פרי צו פילאָזאָפירן, מיר האָבן נישט קיין שטאָף דערצו; פילאָזאָפיע איז דאָך דער סך־הכל פון אַלע ידיעות וועגן לעבן, און וואָס ווייסן דען מיר ביידע? בלויז איינס: אָט, ס'וועט באַלד קומען אַ פּאָליציאַנט און אַוועקפירן אין אַרעסט. ער וועט אַוועקפירן און אפילו נישט זאָגן — פאַרוואָס? ווען מען ווייסט — פאַרוואָס, מילא, קען מען דאַן פילאָזאָפירן אויף דער טעמאַ: צי איז ריכטיק געווען דאָס אַוועקפירן אין אַרעסט אָדער נישט? נאָר אויב אפילו דאָס איז נישט דערלויבט צו וויסן — וואָס זשע פאַר אַ פילאָזאָפיע איז שוין דאַן מעגלעך? נישטאָ דאָ קיין אָרט פאַר פילאָזאָפיע...

ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער מיט לאַנגע שפּרייז, אַ פריילעכער, אַ ליצנותדיקער, ווי, ער וואָלט איבער דער נאַכט גע־זונטער געוואָרן, און אין זיינע אויגן האָט געלויכטן אַ ווייכע פרייד.

— רוסן פילאָזאָפירן תמיד זייער שלעכט, הגם אייניקע פון זיי האָבן זיך אפילו געלערנט אין סעמינאַרן, אָבער, אַפּנים, די פעיקייט צו פילאָזאָפירן גייט נישט אַריין אין אונזערע נאַציאָנאַלע

איינגעשאפטן. „פאנטאזירן האבן מיר ליב, ווי באשקירן, און מיר פילאזאפירן — ווי סאמאיעדן“, כאטש די סאמאיעדן פארנעמען זיך מסתמא נישט מיט קיין נארישקייטן, אבער — לאמיר מאכן א „סאמאיעד“*) פון — סאם סעביא יעסט**). דאס וועט זיין ריכ-טיק: אונזער דעוויז איז נישט „דערקען זיך אליין“, נאר פרעס אויף זיך אליין. מיר פרעסן. נעמט א דייטש: בא אים איז פילא-זאפיע — דער סך הכל פון קענטעניש און מעשים, און בא אונז ווערט זי פארשטאנען, ווי א פלאן פון לעבן, א פראגראם אויפן מארגנדיקן טאג. דאס טויג נישט — איר פארשטייט? ניין, איר פארנעמט זיך בעסער מיט עפעס אן ארבעט, אט — שטייט אייך פאר מיליטער-דינסט — הארבסט ווערט איר דאך גערופן?

איך האב געזאגט, אז די מיליטער-דינסט שרעקט מיך נישט, אדרבא — איך לייג דערויף גרויסע האפנונגען. כ'האב א צוזאג, אז מען וועט מיך נעמען אין א טאפאגראפישער קאמאנדע און מיך אוועקשיקן קיין פאמיר, און דארטן וועל איך...

— גוט מארגן! — האט ער א זאג געטון, אפשטעלנדיק זיך קעגן מיר און זיך פארבויגנדיק. — סארא פלאנטער ס'איז בא אייך אין קאפ: א קאלאניע, פאמיר, שטודירן פילאזאפיע — מערקווירדיק, כלעבן! יינגערמאן, איר דארפט זיך היילן פון די-דאזיקע פיבערן... אדער — גייט שוין בעסער אין א קאלאניע, אט, א שטייגער, אין דער סימבירסקער...

ס'איז אריינגעקומען עפעס א געלער מאנסביל, אנגעטון ווי א שטאטסמאן אין א סוקמאנע מיט הויכע שטיוול, — ניקאלאי יעלפידאפאראוויטש האט אייפגעשיינט, אויפגעפלאטערט און איז ענלעך געווארן צו א קינד, וואס ווייסט נישט, וואס צו טון פון שמחה: אנשטאט אפצולייזיקן אייגע פון די שטולן, וואס זענען

---

*) סאמאיעדן — א ווילדער שבט; דער טייטש פון סאמאַ-יעד איז — זעלבסטפרעסער. — איבערז.

**) סאם סעביא יעסט — עסט זיך אליין. — איבערז.

פארדייגט געווען מיט ביכער און צייטונגען, האט ער אנגעהויבן פלייסיק אראפצונעמען די ביכער פון טיש.

דער גאסט האט אנגענומען א שטול באם אגלען, האט אראפגעווארפן פון איר די צייטונגען אויף דער פאדלאגע און זיך אוועקגעזעצט; ער האט שווייגנד און ביין געווארפן אויף מיר בליקן, באוועגנדיק מיט די גרויסע באקנביינער.

איך האב מיך געזעגנט מיט קאראנינען און אים מער נישט געטראפן.

די באקאנטשאפט מיט אים — איז איינער פון די באדייטנדסטע איינדרוקן פון מיין יוגנט, און איך בין צופרידן, וואס מיר איז אזוי לייכט געווען צו דערמאנען זיך זיינע ווערטער, גלייך איך וואלט זיי געהערט אינגאנצן מיט א יאר צוריק.

וואונדערלעך ליכטיק איז געווען דערדאזיקער מענטש, איינער פון די שעפער פון דער „הייליקער שריפט" וועגן רוסישן פויער. איינער פון יענע, וואס האבן אויפריכטיק געגלייבט אין דעם אומבאגרענעצטן כוח פון פאלק, אין דעם כוח, וואס איז מסוגל צו שאפן וואונדער.

אבער בא קאראנינען איז דערדאזיקער גלויבן נישט געווען אזוי פאנאטיש און בלינד, ווי בא אנדערע שרייבער „פאלקיסטן", אנגעשטעקטע מיט סלאוויאנאפילישער מיסטיק און, ס'וואלט זיך נעדאכט, מיט א פרעמדער פאר זיי שטימונג פון „בעל־תשובהדיקע" אדללייט. איבעריקנס דידאזיקע אנגעשטעקטקייט איז נאטירלעך פאר מענטשן, אויסגעפייניקטע פון זייער איינזאמקייט, פון מענטשן, וועלכע ס'איז אויסגעקומען צו לעבן „צווישן האמער און קאוואדלע", — צווישן דער האלבווילדער רעגירונג און דעם אומגעהייער גרויסן, פארווילדעטן דארף.

קאראנינס גלויבן איז געווען א קלאר זעעוודיקער:

— מען דארף פונדעסטוועגן געדענקען דאס קלוגע געדיכטל פון אלעקסיי טאלסטאי, כאטש טאלסטאי איז א פריץ...

ער האָט אויפגעהויבן דעם פינגער און מיט אַ געוויסער פאַרלעגנהייט ציטירט דאָס „געדיכטל״:

— „ס׳איז פאַרהאַן — אַ פויער און — אַ פויער,
אויב ער פאַרשכורט נישט זיין ערד,
איז ער דאַן מיין אַכטונג ווערט״.

— דעם פויער דאַרף מען ערשט מאַכן פאַר אַ פאַרשטאַנדיקן מענטש, וואָס איז מסוגל צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון זיין שליחות אין לעבן, צו דערפילן די גאַנצע צוגויפגעבונדנקייט זיינע מיט דער גאַנצער מאַסע זיינס גלייכן, וואָס זענען צו־נויפגעדריקט געוואָרן דורך דער אייזערנער פויסט פון דער מלוכה.

ער האָט אַ סך פאַרגעזעען און מאַנכע מיינונגען זיינע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נביאישע. איינמאָל נאָך אַ הייסן שמועס אויף דער געוויינלעכער טעמאַ „וואָס טוען״, האָט ער געזאָגט מרה־שחורהדיק:

— עך, ווען זיך פאַרפּלאָנטערן די מענטשן אין דעם־דאָזיקן זוכן אַן אָרט אין לעבן און ווען פאַרזינקען אין זומפּ פון אזא עגאָיזם, אַז אַלע רוחות וועט אַ חלשות אַרומנע־מען!

געלעבט האָט ער בלויז פון ליטעראַרישער אַרבעט, נישט זעלטן געהונגערט; אים איז אָפט אויסגעקומען אַרומצולויפן אי־בער דער שטאָט, כדי זיך צו שאַפן באַ באַקאַנטע אַ רובל גמילות־חסד.

אין איינעם פון אַזעלכע טעג האָב איך אים דערזעען אויף באַטשונג, ער האָט פאַרקויפט אַן אַלטוואַרג־הענדלער אַ לעדערנעם פּאַס און אַ וועסט. איינגעהויקערט, הוסטנדיק, איז ער געשטאַנען פאַר עפּעס אַ זשוליק אין ברילן, אָנם רעקל, אין דער בלויזער בלוזע און איבערצייגנד געטענהט.

— אָבער, הערט, חשובער, — וואָס זשע וועל איך דען מאַכן מיט זיבעצן קאָפּיקעס?

— נו, דאָס ווייס איך שוין נישט. .

— מיט זיבעצן קאָפּיקעס ווערסטו קיין טאָג נישט דורכ־לעבן. . .

— מען לעבט פּאַר ווינציקער אויך, — האָט גלייכגילטיק געזאָגט דער זשוליק.

קאַראַגין האָט אַ קלער געטון און אײַנגעשטימט:

— אמת, — מען לעבט! גיט אַהער געלט!

ווען איך האָב זיך באַגריסט מיט אים, האָט ער געזאָגט, אַנטוויענדיק דאָס רעקל:

— און איך, זעט איר, האָב פאַרקויפט אַ טייל פון מיין פעל. אַזוי־אַזוי, פריץ! כדי צו אַרבעטן — מוז מען עסן. . .

ער האָט אָפט גערעדט וועגן מענטשן, וועלכע ס'איז שווער אויף דער וועלט, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון אים באַקלאָגן זיך אויף זיין האַלב־הונגעריקן לעבן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער באַמערקט גאָרנישט, וויאַזוי ער לעבט, איינגאַנצן אַ פאַרשלונגענער מיטן זוכן „אמת און גערעכטיקייט". און, ווי אַלע מענטשן פון זיין געדאַנקען־ליניע, האָט ער געגלייבט, אַז דערדאָזיקער אמת עקזיסטירט דאָרט, אין דאָרף, צווישן די „פּראָס־טע" מענטשן.

מיר דאַכט זיך, ער האָט זעלטן באַנוצט דאָס צייטוואָרט לעבן, — אָפטער האָט ער געזאָגט אַרבעטן. און זעלטן האָט מען דעמאָלט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט מענטש, מען האָט געזאָגט — פאָלק.

„מיר מוזן אינגאַנצן זיך אויסברענגען לטובת דעם פאָלק, דערמיט וועלן געלעזט אַלע פראַגן" — די ווערטער האָט ער מיר אַרויסגעלייענט פון עפּעס אַ בריוו און, פויקנדיק מיט די פינגער איבערן בויגן פּאַפּיר, האָט ער פאַרטראַכט צוגעגעבן:

— געוויס. נו, געוויס! וואָרים אַנדערש — וואוהין? נאָכ־וואָס זענען מיר?

ער איז אויפגעשטאַנען פון שטול, האָט זיך אַרומגע־קוקט.

— דאָס שרייבט אַ געוויסע וואילע פרוי פון סיביר.

האַלב צומאַכנדיק די אויגן, קוקנדיק אויף דער נאַקעטער וואַנט פון צימער, האָט ער מיר שטילערהייט דערציילט די געשיכטע פון דעם מיידל: זי האָט פיקטיוו חתונה געהאַט מיט אַ פולשטענדיק פרעמדן מענטש, אַ שכור, זי האָט זיך באַפרייט פון דער משפחה און איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַן אויסוואורף. לאַנג האָט זי געקעמפט מיט אים פאַר איר פרייהייט, און אַן אויסגעפייניקטע אַוועק אין דאָרף „לערנען דאָס פאָלק", און אַצינד פרירט זי אין סיביר.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און טרויעריק צוגעגעבן:

— אַ קרבן. ס'איז אָבער שווער. איך ווייס, — ס'איז שווער! נאָר — קיין אַנדער וועג איז נישט געווען, פריץ!

אין יענע טעג, ווען מיר האָט זיך באַזונדער שלעכט געלעבט, האָט ער מיר אַן עצה געגעבן:

— איר זענט אַ מאָדנע נאַטור. אַלץ איז בײַ אײַך קאַנטיק און עפּעס אַזוי אַבסטראַקט. מעגלעך, איך וועט נוצלעך זיין צו לעבן אַ ביסל אין אַ קאָלאָניע, מיט טאָלסטאָיאַנער, זיי וועלן אייך עטוואָס אַרומהאַקן...

זיין אינטערעס צו די „באָסיאַקעס" איז געוואַקסן, אַ מאָל דריי האָב איך געזען קאַראָנינען אין די וואוין-לעכער פון דער „מיליאָנען"-גאַס און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אים ברענגט אין אַ געוויסער פאַרלעגנהייט דידאָזיקע פאַראינטערעסירונג, וואָס איז פרעמד דעם גלויבן אינם דאָרף.

— אַ שאַרפער המון, — האָט ער געזאָגט. — זייער אינטערעסאַנטע טיפּן זענען דאָ. געוויס איז דאָס — אָפּגעאַרבעטער דאַמף, נאָר מאַנכע — טראַכטן פונדעסטוועגן... און דאָס איז שוין — עפּעס.

געלעבט האָט ער אין כסדרדיקן אומרו וועגן גורל פון פאָלק, אין אומאויפהערלעכע דאגות וועגן ברויט און דאָסדאָזיקע אָנגעשטרענגטע, נערוועישע לעבן האָט שטאַרק געהאָלפן דער קראַנקייט, חרוב מאַכנדיק דעם קערפּער, וואָס איז אויסגעפייניקט געוואָרן פון תפיסה, עטאַפּן, פאַרשיקונג. אַלץ פיבערדיקער האָבן געברענט זיינע אויגן, טרוקענער האָט געקלונגען דער הוסט.

ער איז אַוועקגעפאָרן פון ניזשני און אינגיכן געשטאָרבן.

עמעצער האָט מיר דערציילט, אַז אין טאָג פון טויט האָט קאַראַנין טרויעריק זיך מודה געווען:

— ס'ווייזט זיך אַרויס, שטארבן איז אַ סך פשוטער, ווי לעבן.

א. פּ. טשעכאָוו

איינמאָל האָט ער מיך איינגעלאַדן צו זיך אין דאָרף קו טשוק-קוי, וואו ער האָט פאַרמאָגט אַ קליין שטיקל ערד און אַ ווייס איינשטאָקיק הייזל. ווייזנדיק מיר דאָרטן זיין „גוט”, האָט ער זיך לעבהאַפט צערעדט:

— ווען איך וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איך דאָ איינגעאָרדנט אַ סאַנאַטאָריע פאַר קראַנקע דאָרפס-לערער. איך וואָלט, ווייסט איר, אויפגעבויט אַזאַ ליכטיקע געביידע — זייער אַ ליכטיקע, מיט גרויסע פענצטער און הויכע סופיטן. ס'וואָלט באַ מיר געווען אַ הערלעכע ביבליאָטעק, פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, בינשטאָקן, אַ גאָרטן, אַן אויבסט-סאָד; מען וואָלט געקענט האַלטן פאָרלעזונגען איבער אַגראָנאָמיע, מעטעאָראָלאָגיע, אַ לערער באַדאַרף אַלץ ויסן, באַטיענקאַ, אַלץ!

ער איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן, אָפּגעהוסט, האָט אַ קוק געטון אויף מיר פון דער זייט און אַ שמייכל געטון מיט זיין ווייכן, ליבן שמייכל, וואָס האָט תמיד אַזוי כשופדיק צוגעצויגן צו אים און געוועקט אַ באַזונדער שאַרפע אויפמערקזאַמקייט צו זיינע ווערטער.

— אייך איז לאַנגווייליק צו הערן מיינע פאַנטאַזיעס? און איך האָב ליב צו רעדן וועגן דעם. ווען איר וואָלט געוווּסט, ווי נייטיק ס'איז דעם רוסישן דאָרף אַ גוטער, קלוגער, געבילדעטער לערער! באַ אונז אין רוסלאַנד דאַרף מען אים אַוועקשטעלן אין אַזעלכע באַזונדערע באַדינגונגען, און דאָס מוז מען טון וואָס

שנעלער, איב מיר פֿאַרשטייען, אַז אַן אַ ברייטער פֿאָלקס־בילדונג וועט די מלוכה איינפֿאַלן, ווי אַ הויז, וואָס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן פֿון שלעכט געברענטע ציגל! דער לערער דאַרף זיין אַן אַרטיסט, אַ קינסטער, אַ הייס פֿאַרליבטער אין זיין אַרבעט, און באַ אונדז — איז ער אַ שוואַרץ־אַרבעטער, אַ שלעכט געבילדעטער מענטש, וואָס גייט אין דאָרף אַריין לערנען קינדער מיט אַזאַ חשק, ווי ער וואָלט געגאַנגען קיין סיביר. ער איז הונגעריק, דערשלאָגן, אָנגעשראָקן פֿון דער מעגלעכקייט צו פֿאַרלירן דאָס שטיקל ברויט. און מען דאַרף, אַז ער זאָל זיין דער ערשטער מענטש אין דאָרף, אַז ער זאָל קענען ענטפֿערן דעם פּויער אויף אַלע זיינע פֿראַגן, אַז די פּויערן זאָלן אין אים אָנערקענען אַ קראַפֿט, וואָס איז ווערט אויפֿמערקזאַמקייט און דרך ארץ, אַז קיינער זאָל נישט די העזה האָבן צו ריטשען אויף אים... צו דערנידעריקן זיין פּערזענלעכקייט, ווי עס טוען באַ אונדז אַלע: דער פּאָליציי־באַאַמטער, דער רייכער קרעמער, דער פּאָפּ, דער וואַכמייסטער, דער שול־אויפֿזעער, דער וואָיט, און יענער באַאַמטער, וואָס טראָגט דעם טיטול פֿון שול־אינספּעקטאָר, נאָר זאָרגט נישט וועגן בעסער אַוועקשטעלן די בילדונג, נאָר בלויז וועגן פּינקטלעכן אויספֿירן די קרייז־צירקולאַרן. ס'איז דאָך אַן אומזין צו צאָלן פּרוטות אַ מענטש, וואָס איז באַרופֿן צו דערציִען דאָס פֿאָלק, — איר פֿאַרשטייט? — צו דערציִען דאָס פֿאָלק! מען טאָר דאָך נישט דערלאָזן, אַז דערדאָזיקער מענטש זאָל אַרומגיין אין לאַכעס, זאָל ציטערן פֿון קעלט אין נאַסע, לעכערדיקע שולן, זאָל פֿאַרטשאַדעט ווערן, זאָל זיך פֿאַרקילן, באַקומען צו דרייסיק יאָר לאַרינגיט, רעוומאַטיזם, טובערקולאָז... דאָס איז דאָך אַ חרפּה פֿאַר אונדז! אַכט, ניין חדשים אין יאָר לעבט אונזער לערער ווי אַ נזיר, ער האָט נישט מיט וועמען קיין וואָרט צו רעדן, ער ווערט טעמפּ אין דער איינזאַמקייט, אָן ביכער, אָן פֿאַרוויילונג. און זאָל ער אַמאָל צונויפֿרופֿן צו זיך חברים — וועט מען אים באַשולדיקן אין אַנטימלוכהשקייט — אַ נאַריש וואָרט, מיט וועלכן כיטרע מענטשן שרעקן נאַראָנים!.... העסלעך איז דאָס אַלץ... עפּעס אַ חוזק איבערן מענטש, וואָס טוט אַ גרויסע, מוראדיק וויכטיקע

אַרבעט. איר ווייסט, — ווען איך זע אַ לערער, ווערט מיר איבער דער טבע פאַר אים, און פאַר זיין אָפּהענטיקייט, און פאַר דעם, וואָס ער איז געמיין אָנגעטון, מיר דאַכט זיך, אַז אין דער נע־בעכדיקייט פונם לערער בין איך אַליין אויך מיט עפּעס שולדיק... ערנסט!

ער איז פאַרשוויגן געוואָרן, זיך פאַרקלערט און, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט האָט ער שטיל געזאָגט:

— אַזאַ משונהדיק, אומגעלומפּערט לאַנד — דאָס רוסלאַנד אונזערס.

אַ שאָטן פון טיפן טרויער האָט באַדעקט זיינע הער־לעכע אויגן, דינע שטראַלן פון קנייטשן האָבן זיי אַרומגערינגלט, טיפער מאַכנדיק זיין בליק. ער האָט אַ קוק געטון אַרום און אַ שפּאַס געטון פון זיך.

— איר זעט, — אַ גאַנץ לייט־אַרטיקל פון אַ ליבעראַלער צייטונג האָב איך אייך אַוועקגעלייגט. קומט, — איך וועל אייך געבן טיי, דערפאַר, וואָס איר זענט אַזאַ געדולדיקער...

דאָס פלעגט אָפט פאָרקומען בא אים: — ער רעדט אַזוי וואַרעם, ערנסט, אויפריכטיק און פלוצלינג גיט ער אַ לאַך פון יד און פון זיינע רייד. אין דעמדאָזיקן ווייכן, טרויעריקן לאַך האָט זיך געשפּירט אַ פיינער סקעפּטיציזם פון אַ מענטש, וואָס ווייסט דעם ווערט פון ווערטער, דעם ווערט פון טרוימערייען. און נאָך האָט פונם דאָזיקן שמייכל אַרויסגעשטראַלט: אַ באַחנטע עניוות, אָן עמפינדלעכע סובטעלקייט...

מיר זענען פּאַמעלעך און שווייגנד אַריינגעגאַנגען אין הויז. ס'איז דעמאָלט געווען אַ לויטערער, הייסער טאָג; שפּילנדיק זיך מיט די העלע שטראַלן פון דער זון, האָבן גערוישט די כוואַ־ליעס; אונטערן באַרג האָט ליבלעך אונטערגעקוויטשעט פון עפּעס אַ צופרידענער הונט. טשעכאָוו האָט מיך גענומען אונטער דער האַנט און, אונטערהוסטנדיק, פּאַמעלעך געזאָגט:

— דאָס איז שענדלעך און טרויעריק, נאָר ריכטיק: ס'זענען דאָ אַ סך מענטשן, וואָס זענען מקנא הינט...

און תיכף זיך צעלאַכנדיק, האָט ער צוגעגעבן:

— איך רעד היינט בלויז אַזעלכע צעבראָכענע רייד... משמעות, — כ'ווער אַלט!

אָפּט איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון אים:

— ס'איז דאָ, ווייסט איר, געקומען צופאָרן אַ געווויסער לערער... אַ קראַנקער, אַ באַווייבטער, — איר האָט נישט עפּעס אַ מעגלעכקייט אים צו העלפן? ביז אַצינד האָב איך אים שוין איינגעאָרדנט...

אָדער:

— הערט, גאָרקי, — דאָ איז פאַרהאַן אַ געווויסער לערער, וואָס וויל זיך מיט אייך באַקענען. ער גייט נישט אַרויס, ער איז קראַנק. איר וועט אַריינגיין צו אים, — גוט?

אָדער:

— אָט, בעטן די לערערינס צו שיקן זיי ביכער...

טיילמאָל האָב איך בײַ אים געטראָפן דעמדאָזיקן „לערער": געוויינלעך איז דער לערער, אַ רויטער פונם באַוואוסטזיין פון זיין אומגעשיקטקייט, געזעסן אויפן ראַנד פון דער שטול און שוויצנדיק צוגעקליבן ווערטער, פלייסנדיק זיך צו רעדן גלאַטיקער און „געבילדעטער", אָדער, מיט דער פרייהייט פון אַ קרענקלעך שעמעוודיקן מענטש, האָט ער זיך אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויפן פאַרלאַנג נישט אויסצווייזן זיך נאַריש אין שרייבערס אויגן און באַשאָטן אַנטאָן פּאַוולאָוויטשן מיט אַ האָגל שאלות, וועלכע זענען אוודאי נישט געקומען אים אין קאָפּ אַריין ביז דעמדאָזיקן מאָמענט.

אַנטאָן טשעכאָוו האָט אויפמערקזאַם געהערט די נישטגעבוידענע רייד; אין זיינע טרויעריקע אויגן האָט געפינקלט אַ שמייכל, ס'האָבן געציטערט די קנייטשן אויף ד שלעפן, און אָט האָט ער אַליין מיט זיין טיפער, ווייכער, ממש מאַטער שטימע אָנגעהויבן צו רעדן פשוטע, קלאָרע, נאָענטע צום לעבן ווערטער, — ווערטער, וואָס האָבן אַזוי ווי מיטאַמאָל איינפאַכער געמאַכט דעם מיטשמועסער: ער האָט אויפגעהערט זיך פלייסן צו זיין אַ חכם, פון

וואָס ער איז מיטאַמאָל געוואָרן סיי קלוגער, סיי אינטערעסאַנ־טער...

איך געדענק, איין לערער — אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ געל, הונגעריק פּנים און אַ לאַנגער האַרבאַטער נאָז, פאַרבויגן מעלאַנכאָליש צו דער גאָמבע, איז געזעסן קעגן אַנטאָן פּאַוולאָ־וויטשן און, אומבאַוועגליך קוקנדיק אים אין פּנים אַריין מיט זיינע שוואַרצע אויגן, האָט ער גערעדט מרהשחורהדיק מיט אַ כּאַס:

— פון ענליכע לעבנס־איינדריקן אין משך פון אַ פּעדאַגאָ־גישן סעזאָן שאַפט זיך אַזאַ פּסיכישער קאָנגלאָמעראַט, וואָס דער־שטיקט אַבסאָלוט יעדע מעגלעכקייט פון אָביעקטיווער באַציונג צו דער אַרומיקער וועלט. געוויס, די וועלט איז נישט מער, ווי בלויז אונדזער פאָרשטעלונג וועגן איר...

דאָ האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין געביט פון פילאָזאָ־פיע און גענומען שפּריַיזן אין איר, דערמאַנענדיק אַ שכּורן אויף אייז.

— זאָגט זשע, — האָט נישט הויך און ליבלעך גע־פרעגט טשעכאָוו, — ווער שלאָגט עס אין אייער קרייז די קינ־דער?

דער לערער איז אויפגעשפּרונגען פון דער שטול און אויס־געבראַכט אַ פּאָר געטון מיט די הענט:

— וואָס רעדט איר? איך? קיינמאָל נישט! שלאָגן?

און האָט באַליידיקט אַ פאָרסקע געטון.

— איר רעגט זיך נישט אויף, — האָט פאַרגעזעצט אַנטאָן פּאַוולאָוויטש, באַרויקענד שמייכלענדיק, — איך זאָג דען וועגן אייך? אָבער איך געדענק — כ׳האָב געלייענט אין די צייטונ־גען — עמעצער שלאָגט, טאַקע אין אייער קרייז...

דער לערער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אָפּגעווישט דאָס פאַר־שוויצטע געזיכט און, לייכטער אָפּזיפצנדיק, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אַ געדעמפּטן באַס:

— אמת. געווען איין פאַל. דאָס איז — מאַקאַראָוו. ס׳איז, פאַרשטייט איר, נישט קיין וואונדער! ס׳איז ווילד, נאָר — פאַר־

שטענדלעך. ער האָט אַ ווייב מיט פיר קינדער, דאָס ווייב איז קראַנק, ער אַליין אויך — אין שווינדזוכט, געהאַלט — 20 רובל... און די שולע — אַ קעלער. און פאַרן לערער — איין צימער, בײַ אַזעלכע באַדינגונגען — וועסטו אַ געטלעכן מלאך אויך אַנהרגע־נען אָן שום שולד. און די שילער — זיי זענען ווייט נישט קיין מלאכים, גלייבט מיר!

און דערדאָזיקער מענטש, וואָס האָט אָקאָרשט אומרחמנות־דיק איבערראַשט טשעכאָוון מיט זיין זאַפּאַס קלוגע ווערטער, האָט פלוצלינג, האָפנונגסלאָז צושאָקלענדיק מיט דער האָרבאַטער נאָז, אָנגעהויבן רעדן מיט איינפאַכע, שווערע, ווי די שטיינער, ווער־טער, העל באַלייכטנדיק דעם פאַרשאָלטענעם, גרויזאַמען אמת פון דעם לעבן, מיט וועלכן ס׳לעבט דאָס רוסישע דאָרף...

געזעגנענדיק זיך מיטן באַלעבאָס, האָט דער לערער אָנגע־נומען מיט ביידע הענט זיין קליינע מאָגערע האַנט מיט די דינע פינגער און, טרייסלענדיק זי, האָט ער געזאָגט:

— איך בין געקאַנגען צו אייך, אַזויווי צו נאַטשאַלסטווע, — מיט פחד און ציטערניש, כ׳האָב מיך אָנגעבלאָזן, ווי אַן אינדיק, כ׳האָב אייך געוואָלט ווייזן, אַז, נישקשה, איך בין אויך נישט אַבי ווער... און איך גיי אַוועק אַט — ווי פון אַ גוטן, נאָענטן מענטש, וואָס פאַרשטייט אַלץ. דאָס איז אַ גרויסע זאַך — אַלץ צו פאַרשטיין! אַ דאַנק אייך! איך גיי. איך טראָג אַוועק מיט זיך אַ שיינעם, אַ גוטן געדאַנק: די גרויסע מענטשן זענען פשוטער און פאַרשטאַנדיקער, און זענען מיט דער נשמה נענטער צו אונ־זערס אַ מענטש, ווי די אַלע קבצנים, צווישן וועלכע מיר לעבן. זייט געזונט! איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן...

די נאָז האָט בײַ אים אַ ציטער געטון, די ליפּן האָבן זיך צונויפגעלייגט אין אַ גוטן שמייכל און ער האָט אומגעריכט צוגע־געבן:

— אייגנטלעך זענען אפילו די פּאַדליעצעס — אויך אומ־גליקלעכע מענטשן, — דער טייוול זאָל זיי נעמען!

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט אים אַנטאָן פּאַוולאָוויטש נאָכגעקוקט, האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— אַ וואוילער בחור. ער וועט נישט לאַנג לערנען...

— פאַרוואָס?

— מען וועט אים דערגיין די יאָרן... פאַריאָגן...

— ער האָט זיך פאַרקלערט און צוגעגעבן נישט הויך און ווייך:

— אין רוסלאַנד אַן ערלעכער מאַן — איז ענלעך צו אַ קוימענקערער, מיט וועלכן די גיאַניעס שרעקן קליינע קינדער.

מיר דאַכט זיך, אַז איטלעכער מענטש האָט אין אַנטאָן פּאַוולאָוויטשס אָנוועזנהייט געהאַט דעם פאַרלאַנג צו זיין פּשוטער, וואָרהאַפטיקער, נאַטירלעכער, און איך האָב נישט איין מאָל באַאָבאַכטעט, ווי מענטשן האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די בונטע שלייערן פון ביכער־פראַזן, מאָדערנע ווערטער און אַלע איבעריקע ביליקע שמאָכטעס, מיט וועלכע אַ רוסישער מענטש, וועלנדיק זיך מאַכן פאַר אַן אייראָפּעער, באַפּוצט זיך, ווי אַ ווילדער מיט מושלען און פיש־ציין. אַנטאָן פּאַוולאָוויטש האָט נישט ליב געהאַט קיין פיש־ציין און הענערישע פעדערן; דאָס בונטע קלימפּערדיקע און פרעמדע, וואָס דער מענטש ציט אַרויף אויף זיך צוליב „גרעסערער חשיבות", האָט בא אים אַרויסגערופן אַ פאַרלעגנהייט, און איך האָב באַמערקט, אַז יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזעען פאַר זיך אַן אויסגעשלייערטן מענטש, האָט אים באַהערשט אַ פאַרלאַנג צו באַפרייען אים פון דעמדאָזיקן קוועלנדיקן און נישט נייטיקן שעך, וואָס האָט מיאוסער געמאַכט דאָס אמתע פּנים און די לעבעדיקע נשמה פון מענטש. דאָס גאַנצע לעבן האָט טשעכאָוו דורכגעלעבט בלייבנדיק געטריי דער אייגענער נשמה, ער איז תמיד געווען אַזוי, ווי ער איז, ער איז געווען אינערלעך פריי און זיך קיינמאָל נישט גערעכנט דערמיט, וואָס איינע — האָבן פון אַנטאָן טשעכאָוו דערוואַרט, די אַנדערע, גראָבערע, האָבן געפאָדערט. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין שמועסן אויף „הויכע" טעמעס, — די שמועסן, מיט וועלכע דער ליבער רוסישער מענטש טרייסט זיך אַזוי גערן,

פאַרגעסנדיק," אַז ס'איז קאַמיש, און שוין גאָרנישט שאַרפזיניק צו חקירהן וועגן סאַמעטענע קליידער אין דער צוקונפט. נישט האָבנדיק אין דער קעגנוואַרט אפילו קיין פּאָר אָנשטענדיקע הויזן.

א שיין-פשוטער, האָט ער ליב געהאַט אַלץ, וואָס איז פשוט, עכט, אויפריכטיק, און פאַרמאָגט האָט ער אַן אייגנאַרטיקן מאַניר פשוטער צו מאַכן מענטשן.

איינמאָל האָבן אים באַזוכט דריי רייך געקליידטע דאַמען: אָנפילנדיק דאָס צימער מיטן רויש פון זייערע זיידענע קליידער און מיט אַ ריח פון שטאַרקע פאַרפומען, האָבן זיי זיך חשיבותדיק אַוועקגעזעצט אַקעגן דעם באַלעבאָס, געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זיי וואָלט כלומרשט געוואַלטיק אינטערעסירט פּאָליטיק און — אָנגע-הויבן „שטעלן פראַגן".

— אַנטאָן פּאַוולאָוויטש! ווי מיינט איר, מיט וואָס וועט זיך ענדיקן די מלחמה?

אַנטאָן פּאַוולאָוויטש האָט אַ הוסט געטון און ווייך, מיט אַן ערנסטן, ליבלעכן טאָן געענטפערט:

— מסתמא, — מיט שלום...

— נו, יאָ, געוויס! — אָבער ווער וועט זיגן? די גריכן אָדער די טערקן?

— מיר דאַכט זיך, — ס'וועלן זיגן די, וואָס זענען שטאַר-קער...

— און ווער איז, לויט אייער מיינונג, שטאַרקער? — האָבן איינע נאָך דער אַנדערער געפרעגט די דאַמען.

— די, וואָס דערנערן זיך בעסער און זענען מער גע-בילדעט...

— אַך, ווי שאַרפזיניק דאָס איז! — האָט אויסגעשריגן איינע.

— און וועמען האָט איר מער ליב — די גריכן אָדער די טערקן? — האָט געפרעגט די אַנדערע.

אַנטאָן פּאַוולאָוויטש האָט ליבלעך אַ קוק געטון אויף איר און געענטפערט מיט אַ מילדן, העפלעכן שמייכל:

— איך האָב ליב — מאַרמעלאַד... און איר — האָט ליב

— זייער! — האָט הייטער אויסגעשריגן די דאַמע.

— ער פאַרמאָגט אַזאַ אַראָמאַט! — האָט סאָליד באַשטע־טיקט די צווייטע.

און אַלע דריי האָבן לעבהאַפט זיך צערעדט, אַרויסווייזנדיק אין דער פראַגע וועגן מאַרלעלאַד אַ גרויסע ערודיציע און אַ פיי־נע זאַכקענטניש. ס'איז געווען באַשיינפּערלעך — זיי זענען זייער צופרידן דערמיט, וואָס מען דאַרף נישט אָנשטרענגען דעם מוח און זיך מאַכן ערנסט פאַראינטערעסירט מיט די טערקן און גריכן, וועגן וועלכע זיי האָבן ביז איצט אפילו נישט קיין קלער געטון.

אוועקגייענדיק, האָבן זיי פריילעך צוגעזאָגט אַנטאָן פּאַוולאָ־וויטשן:

— מיר וועלן אייך צושיקן מאַרמעלאַד!

— איר האָט פיין געשמועסט! — האָב איך באַמערקט, ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען.

אַנטאָן פּאַוולאָוויטש האָט זיך שטיל צעלאַכט און גע־זאָגט:

— מען דאַרף זעען, אַז יעדער מענטש זאָל רעדן מיט זיין שפּראַך.

אַ צווייט מאָל האָב איך בא אים געטראָפן אַ יינגן, שיינעם געהילף־פּראָקוראָר. ער איז געשטאַנען פאַר טשעכאָוון און, אַ שאָקל געבנדיק אַלע מאָל מיטן געקרייזלטן קאָפּ, האָט ער ענער־גיש גערעדט:

— מיט דער דערציילונג „פאַרשווערער" שטעלט איר, אַנ־טאָן פּאַוולאָוויטש, פאַר מיר אַ זייער פאַרוויקלטע פראַגע. אויב איך שטעל פעסט אין דעניס גריגאָריעוון אַ בייזן ווילן, וואָס האָט געהאַנדלט באַוווּסטזיניק, דאַן מוז איך אָן שום תירוצים, אַריינ־פּאַקן דעניסן אין תפיסה, ווי עס פאָדערן די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט. אָבער ער איז אַ ווילדער, ער האָט נישט אָפּגעשאַצט די פאַרברעכערישקייט פון טאַט, ער איז מיר אַ שאָד. אויב אָבער

איך וועל זיך צו אים באַציען, ווי צו אַ סוביעקט, וואָס האָט גע-האַנדלט אָן איבערלייגונג, און וועל זיך אונטערגעבן דעם געפיל פון רחמנות, — מיט וואָס זשע גאַראַנטיר איך דער געזעלשאַפט, אַז דעניס וועט ווידער נישט אָפּדרייען די שרייפלעך פון די רעלסן און נישט איינאָרדנען קיין באַן-קאַטאַסטראָפע? אָט איז די פראַגע! וואָס זשע טון מען?

ער איז פאַרשוויגן געוואָרן, האָט אַהינטערגעבויגן דעם אויבערשטן טייל קערפּער, און זיך אָנגעשטעלט אויף אַנטאָן פּאַוולאָוויטשס געזיכט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. דאָס מונדירל איז בײַ אים געווען ניי, און די קנעפּ אויף דער ברוסט האָבן געגלאַנצט פּונקט מיט אַזאַ זעלבסטזיכערקייט און טעמפּקייט, ווי די אייגלעך אויפן ציכטיקן פּנימל פון דעם יינגן באַשיצער פון גערעכטיקייט.

— ווען איך וואָלט געווען אַ ריכטער, — האָט ערנסט געזאָגט אַנטאָן פּאַוולאָוויטש — וואָלט איך פרייגעשפּראָכן דעניסן...

— אויף וואָסערן סמך?

— איך וואָלט אים געזאָגט: דו, דעניס, ביסט נאָך נישט דערוואַקסן צום טיפּ פון אַ באַוווסטזיניקן פאַרברעכער, גיי — און דערוואַקס!

דער יוריסט האָט זיך צעלאַכט, נאָר באַלד איז ער אויפסניי געוואָרן פייערלעך ערנסט און האָט פאָרגעזעצט:

— ניין, חשובער אַנטאָן פּאַוולאָוויטש, — די פראַגע, וואָס איר האָט אויפגעשטעלט, קאָן נאָר געלעזט ווערן אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, וואָס איר לעבן און אייגנטום בין איך באַרופן צו באַשיצן. דעניס — איז אַ ווילדער, יאָ, אָבער ער איז — אַ פאַרברעכער, אַזוי איז דער אמת!

— אייך געפעלט אַ גראַמאָפאָן? — האָט פּלוצלינג ליבלעך אַ פרעג געטון אַנטאָן פּאַוולאָוויטש.

— אָ, יאָ! זייער! אַ וואונדערבאַרע דערפינדונג! — האָט הייטער זיך אָנגערופן דער יונגערמאַן.

— און איך קען נישט ליידן קיין גראַמאָפאָנען! — האָט טרויעריק זיך מודה געווען אַנטאָן פּאַוולאָוויטש.

— פאַרוואָס?

— זיי רעדן דאָך און זינגען גאָרנישט פילנדיק. און אַלץ קומט בײַ זיי אַרויס קאַריקאַטורמעסיק, טויט... און מיט פאָטאָגראַפיע פאַרנעמט איר זיך נישט?

— ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יוריסט איז אַ ליידנשאַפטלעכער פאַרערער פון פאָטאָגראַפיע; ער האָט גלייך מיט עקזאַלטאַציע אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, נישט אינטערעסירנדיק זיך מער אינגאַנצן מיטן גראַמאָפאָן, נישט געקוקט אויף זיין ענלעכקייט צו דערדאָזיקער ווונדערבאַרער דערפינדונג, וואָס טשעכאָוו האָט אַזוי פיין און ריכטיק אויפגעכאַפּט. ווידער האָב איך געזעען, ווי פונם מונדיר האָט אַ בליק אַרויס געטון אַ לעבעדיק און גענויג קאָמיש מענטשל, וואָס האָט זיך נאָך דערוייל געפילט אינם לעבן, ווי אַ יינג הינטל אויפן יאַגד.

נאָכן אַרויסבאַגלייטן דעם יינגנמאַן, האָט אַנטאָן פּאַוולאָוויטש מרה־שחורהדיק געזאָגט:

— אָט אַזוינע שנעקעס אויף דעם... געזעס פון גערעכטיקייט — האָבן די דעה איבערן גורל פון מענטשן.

און נאָך אַ פּויזע האָט ער צוגעגעבן.

— פּראָקוראָרן האָבן זייער ליב צו כאַפּן פיש. באַזונדערס — אָקונעס!

ער האָט פאַרמאָגט די אינטויציע אומעטום צו געפינען און אויסטיילן די באַנאַלקייט — די אינטויציע, וואָס איז צוגענגלעך נאָר אַ מענטש מיט הויכע פאָדערונגען צום לעבן, וועלכע ווערט געשאַפן בלויז דורכן הייסן באַגער צו זעען די מענטשן אַלס פּשוטע, שיינע, האַרמאָנישע. די באַנאַלקייט האָט שטענדיק געהאַט אין אים אַ גרויזאַמען און שטרענגן ריכטער.

ס'האָט עמעצער דערציילט אין זיין אָנוועזנהייט, אַז דער אַרויסגעבער פון אַ פאָפּולערן זשורנאַל, אַ מענטש, וואָס האָט כּסדר

גערעדט וועגן דער נויטוועגדיקייט פון ליבע און בארמהאַרציקייט צו מענטשן — האָט אינגאַנצן אומבאַגרינדעט באַליידיקט אַ קאָנ־דוקטאָר אויף דער באַן, און אַז בכלל פאַרהאַלט זיך דערדאָזיקער מענטש זייער גראָב צו מענטשן, אָפּהענגיקע פון אים.

— נו, פאַרשטייט זיך, — האָט געזאָגט אַנטאָן פּאַוולאָוויטש מיט אַ פאַרכמורעטן שמייכל, — ער איז דאָך עפּעס אַן אַריסטאָ־קראַט, אַ געבילדעטער... ער האָט זיך דאָך געלערנט אין אַ סע־מינאַר! זיין פאָטער איז געגאַנגען אין לאַפּטשעס, און ער טראָגט לאַקירטע שיך...

און אינם טאָן פון דידאָזיקע ווערטער איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיטאַמאָל געמאַכט דעם „אַריסטאָקראַט" פאַר אַ בישטיקן און קאָמישן מענטש.

— ער איז זייער אַ טאַלענטירטער מענטש! — האָט ער גע־זאָגט וועגן אַ געוויסן זשורנאַליסט. — ער שרייבט תמיד אַזוי איידל, הומאַניש... לימאָנאַדיש. דאָס ווייב זיינס זידלט ער פאַר מענטשן אַלס בהמה. דאָס צימער פאַר דער דינערשאַפט איז בא אים נאַס, און די דינסטן קריגן דאָרט כסדר רעוומאַטיזם...

— אייך, אַנטאָן פּאַוולאָוויטש, געפעלט נ. נ.?

— יאָ... זייער. אַן אָנגענעמער מענטש — האָט אונטער־הוסטנדיק מסכים געווען אַנטאָן פּאַוולאָוויטש, — ער ווייסט אַלץ. — לייענט אַ סך. בא מיר האָט ער דריי ביכער אַוועקגעלייענט. אַ צעשטרייטער איז ער, היינט וועט ער אייך זאָגן, אַז איר זענט אַ הערלעכער מענטש, און מאָרגן וועט ער עמעצן דערציילן, אַז איר האָט בא אייער געליבטערס מאַן צוגעגנבעט זיידענע שקאַרפּעטן, שוואַרצע, מיט בלאָע שטרייפּעלעך...

ס'האָט עמעצער אין זיין אָנוועזנהייט זיך באַקלאָגט אויף דער לאַנגווייליקייט און שווערקייט פון די „ערנסטע" רובריקן אין די דיקע זשורנאַלן.

— לייענט נישט דידאָזיקע אַרטיקלען, — האָט מיט איבער־צייגונג געעצהט אַנטאָן פּאַוולאָוויטש. — דאָס איז דאָך אַ פריינד־לעכע ליטעראַטור... אַ ליטעראַטור פון גוטע ברידער. זי ווערט צונויפגעשטעלט פון די ה"ה קראַסנאָוו, טשערנאָוו און ביעלאָוו,

איינער שרייבט אָן אַן אַרטיקל, דער אַנדערער אָפּאָנירט, און דער דריטער גלייכט אויס די חלוקי דעות פון די ערשטע. ס׳מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געשפּילט אין ווייסט מיט אַ גולם, און נאָכוואָס דאָס אַלץ איז נייטיק דעם לעזער, — ווען דעם פרעגט זיך נישט קיין איינער פון זיי.

איינמאָל איז צו אים געקומען עפּעס אַ דיקע דאַמע, אַ געזונטע, אַ שיינע, שיין אָנגעטוענע און אַנג׳דוי-ן רעדן „טשע-באָוומעסיק".

— ס׳איז אומעטיק צו לעבן, אַנטאָן פּאַוולאָוויטש! אַלץ איז אַזוי גרוי: די מענטשן, דער הימל, דער ים, אפילו די בלומען ווייזן זיך מיר אויס גרוי. און נישטאָ קיין פאַרלאַנגען. . דאָס געמיט איז אין מרה־שחורה. אַקוראַט ווי עפּעס אַ קראַנקייט. . .

— דאָס איז — אַ קראַנקייט! — האָט איבערצייגט געזאָגט אַנטאָן פּאַוולאָוויטש. דאָס איז אַ קראַנקייט. אויף לאַטייניש הייסט זי Morbus pritworialis. — די דאַמע האָט, צו איר גליק, נישט געקענט, אפנים, קיין לאַטייניש, און אפשר האָט זי געמאַכט אַ שווייג, אַז זי קען.

— די קריטיקער זענען ענלעך צו די פליגן, וואָס שטערן דעם פערד צו אַקערן די ערד, — האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיק מיט זיין קלוגן שמייכל. — דאָס פערד אַרבעט, אַלע מוסקולן זע-צן אָנגעצויגן, ווי די סטרונעס אויף אַ קאָנטרבאַס און דאָ באַ-עצט זיך אויפן האַלז אַ פליג און בייסט, און זשוזשעט. מען מוז — וואַרפן מיט דער פעל און פאָכן מיטן ווידל. וועגן וואָס זשוזשעט זי? דאָס איז איר אַליין אוודאי נישט פאַרשטענדלעך. פשוט — אַן אומרויקער כאַראַקטער באַ איר און ס׳ווילט זיך צו וויסן געבן וועגן זיך, — כ׳לעב, הייסט עס אויף דער וועלט! אָט וועט איר, — איך קען אפילו זשוזשען. וועגן אַלץ קען איך זשוזשען. איך לייען שוין פינף און צוואַנציק יאָר קריטיקעס אויף מיינע דערציילונגען, און קיין איין וויכטיקן אָנווייז געדענק איך נישט, קיין איין גוטע עצה האָב איך נישט געהערט. בלויז סקאַביטשעווסקי האָט איינמאָל געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, ער האָט

אָנגעשריבן, אַז איך וועל שטאַרבן שכורערהייט אונטער אַ פּלויט. . .

אין זייגע גראָע, טרויעריקע אויגן האָט כמעט שטענדיק געפינקלט אַ פייגע איראָניע. נאָר צייטנווייז זענען דידאָזיקע אויגן געוואָרן קאַלט, שאַרף, האַרט; אין אַזעלכע מינוטן האָט זיין וויב־רירנדע, האַרציקע שטימע געקלונגען אַנטשלאָסענער, און דע־מאָלט — האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דערדאָזיקער באַשיידענער, ווייכער מענטש קאָן, אויב ער וועט האַלטן פאַר נייטיק, אויפשטיין קייגן דער אים פיינדלעכער קראַפט פעסט, אַנטשלאָסן, און וועט נישט אָפּטרעטן פאַר איר.

צייטנווייז ווידער, האָט זיך מיר געדאַכט, — אַז אין זיין באַציונג צו מענטשן איז געווען אַ געפיל פון עפּעס אַ האָפנונגס־לאָזיקייט, נאָנט צו קאַלטן, שטילן יאוש.

— אַ מאָדנע באַשעפעניש — איז דער רוסישער מענטש! — האָט ער איינמאָל געזאָגט. — ווי אין אַ זיפּ, אַזוי פאַרהאַלט זיך נישט אין אים גאָרנישט. אין דער יוגנט זאַמלט ער דורשטיק אָן אין דער נשמה אַלץ, וואָס קומט אים אונטער דער האַנט, אָבער נאָך דרייסיק יאָר בלייבט אין אים עפּעס אַ גרויז פּסולת. בכדי צו לעבן פיין, מענטשלעך — דאַרף מען דאָך אַרבעטן! אַרבעטן מיט ליבע, מיט גלויבן. און בײַ אונז קען מען דאָס נישט. אַן אַרכי־טעקט, וואָס האָט אויפגעבויט צוויי־דריי אָנשטענדיקע הייזער, זעצט זיך שפּילן אין קאָרטן, שפּילט דאָס גאַנצע לעבן, אָדער פּלאָנטערט זיך הינטער די קוליסן פון טעאַטער. אַ דאָקטאָר, אויב ער האָט פּראַקטיק, הערט אויף צו אינטערעסירן זיך מיט דער וויסנשאַפט, לייענט נישט גאָרנישט, אַ חוץ „נייעס פון טעראַפּיע“, און בײַ פערציק יאָר איז ער ערנסט איבערצייגט, אַז אַלע קרענק שטאַמען פון פאַרקילונג. איך האָב נישט באַגעגנט קיין איין באַ־אַמטן, וואָס זאָל כאָטש אַ ביסעלע פאַרשטיין די באַדייטונג פון זיין אַרבעט: ער זיצט געוויינלעך אין דער רעזידענץ אָדער אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, שרייבט פּאַפּירן און שיקט זיי אַוועק קיין זמיעוו און סמאָרגאָן צום אויספירן. אָבער בײַ וועמען דידאָזיקע פּאַפּירן וועלן צונעמען די פרייהייט פון באַוועגונג אין זמיעוו און

אין סמאָרגאָן, — וועגן דעם טראַכט דער באַאמטער אַזוי ווינציק, ווי אַן אַטעיסט וועגן די ענויים אין גיהנום. נאָכדעם ווי אַן אַד־וואָקאַט האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט אַ געלונגענער פאַרטיי־דיקונג, הערט ער שוין אויף צו זאָרגן וועגן פאַרטיידיקן דעם אמת, נאָר פאַרטיידיקט בלויז דאָס רעכט פון אייגנטום, ער נעמט אָנטייל אין פערד־געיעג, עסט אָסטריגעס און שפּילט אַ ראָלע פון אַ ראַ־פינירטן מבין פון אַלע קונסטן. אַן אַקטיאָר, האָבנדיק געשפּילט דערטרעגלעך צוויי־דריי ראָלן, לערנט שוין מער נישט קיין ראָלע, נאָר טוט אָן אַ צילינדער און מיינט, אַז ער איז אַ גאון. גאַנץ רוסלאַנד איז אַ לאַנד פון עפּעס אַזויגע גיריקע און פוילע מענטשן: זיי עסן אָן אַ שיעור, שכורן, האָבן ליב צו שלאָפן בײַטאָג און שנאָרכן אין שלאָף. זיי האָבן חתונה, כדי ס'זאָל זיין אָרדנונג אין שטוב, און געליבטע שאַפן זיי זיך איין פונוועגן פּרעסטיזש אין דער געזעלשאַפט. די פּסיכאָלאָגיע בײַ זיי — איז אַ הינטישע: מען שלאָגט זיי — קוויטשען זיי שטילינקערהייט און באַהאַלטן זיך אין זייערע לעכער, מען לאַשטשעט זיי — לייגן זיי זיך אויפן רוקן, די פיסלעך אַרויף און דרייען מיט די ווידעלעך...

אַ צערפולע און קאַלטע פאַראַכטונג האָט געקלונגען אין דידאָזיקע רייד. אָבער פאַראַכטנדיק, האָט ער באַדויערט, און ווען ס'פלעגט זיך מאַכן, אַז מען האָט עמעצן אַ זידל געטון אין זיין אָנוועזנהייט, פלעגט אַנטאָן פּאַוולאָוויטש זיך באַלד אָנ־נעמען:

— נו, נאָכוואָס? ער איז דאָך אַ זקן, ער איז דאָך שוין זעכציק יאָר אַלט...

אָדער:

— ער איז דאָך נאָך יונג, דאָס איז דאָך אויס נאַריש־קייט...

און ווען ער האָט אַזוי גערעדט, — האָב איך נישט געזעען אין זיין פּנים קיין פאַראַכטונג...

אין דער יוגנט ווייזט זיך אויס די באַנאַלקייט קאָמיש און לישטיק, אָבער ביסלעכווייז ריגלט זי אַרום דעם מענטש מיט איר גראָען נעפּל, דרינגט אַריין אין מוח און אין בלוט, ווי סם אָדער אַ טשאַד, און דער מענטש ווערט ענלעך צו אַן אַלטער שילד, וואָס איז דורכגעגעסן פון זשאַווער: ס'איז עפּעס מכּלומרשט אויפגעצייכנט אויף איר, נאָר וואָס? — איז זיך נישט פונאַנדערצוקלייבן.

אַנטאָן טשעכאָוו האָט שוין אין די ערשטע דערציילונגען זיינע באַוויזן צו אַנטדעקן אינם טריבן ים פון באַנאַלקייט אירע טראַגיש-מרה-שחורהדיקע שפּאָסן; מען דאַרף בלויז אויפמערקזאַם איבערלייענען זיינע הומאָריסטישע דערציילונגען, כּדי זיך איבערצוצייגן, וויפיל אכזריותדיקס אין איבלדיקס — הינטער די קאָמישע ווערטער און לאַגעס — האָט מיט צער געזעען און שעמעוודיק פאַרבאָרגן דער מחבר.

ער איז געווען עפּעס אַזוי צניעותדיק באַשיידן, ער האָט זיך נישט דערלויבט הויך און אָפן צו זאָגן די מענטשן:

— זייט-זשע ענדלעך. . . אַ ביסל אָרנטלעכער! — אומזיסט האָפנדיק, אַז זיי וועלן זיך אַליין אָנשטויסן וועגן דער אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט פאַר זיי צו זיין אָרנטלעכער. האַסנדיק אַלץ, וואָס באַנאַל און שמוציק, האָט ער באַשריבן די נבלות פון לעבן מיט דער איידעלער שפּראַך פון אַ פּאָעט, מיט אַ ווייכן שמייכל פון אַ הומאָריסט, און הינטער דער הערלעכער אויסערלעכקייט פון זיינע דערציילונגען איז ווייניק קענטיק זייער אינערלעכער זינען, וואָס איז פול מיט ביטערן פאָרוואורף.

דאָס געשעצטע פּובליקום לאַכט בשעתן לייענען „די טאָכטער פון אַלביאָן" און זעט קוים גאָרנישט אין דעדראָזיקער דערציילונג דעם געמיינסטן חוזק פון אַ זאַטן פּריץ איבער אַן עלנדן מענטש, וואָס איז פאַר אַלץ און אַלעמען פרעמד. און אין יעדער הומאָריסטישער דערציילונג אַנטאָן פּאַוולאָוויטשס הער איך אַ שטילן, טיפן זיפץ פון אַ ריין, אמתדיק-מענטשלעך האַרץ, אַ האָפנונגסלאָזער זיפץ פון מיטלייד צו די מענטשן, וועלכע קענען נישט שעצן זייער מענטשלעכע ווערדע און, אונטערגעבנדיק זיך אָן שום ווידערשטאַנד דער

ברוטאַלער קראַפט, לעבן זיי, ווי קנעכט, גלייבן נישט אין גאָר־נישט, אַ חוץ אין דער גויטוועגדיקייט צו זיפן יעדן טאָג אַ וואָס פעטערע גריץ, און פילן נישט גאָרנישט, אַ חוץ דער מורא, אַז עמעצער אַ שטאַרקער און חוצפּהדיקער זאָל זיי נישט אָנהאַר־געגען.

קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען אַזוי קלאָר און פיין, ווי אַנטאָן טשעכאָוו, דעם טראַגיזם פון די קליינקייטן פונם לעבן, קיינער האָט ביז אים נישט געקענט אַזוי אומרחמנותדיק וואָרהאַפ־טיק אויסמאָלן פאַר די מענטשן דאָס שענדלעכע און אומעטיקע בילד פון זייער לעבן אין דעם טריבן כאַאָס פון קליינבירגערלע־כער אַלטעגלעכקייט.

זיין שונא איז געווען די באַנאַלקייט; ער האָט דאָס גאַנצע לעבן געקעמפט מיט איר, האָט זי אויסגעלאַכט און זי געמאָלט מיט אַן אָביעקטיווער, שאַרפער פעדער, קענענדיק געפינען דעם שימל פון באַנאַלקייט אפילו דאָרט, וווּ אויפן ערשטן בליק האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז איינגעאָרדנט פיין, באַקוועם, אפילו — מיט גלאַנץ... און די באַנאַלקייט האָט זיך דערפאַר נוקם געווען אָן אים מיט אַ מיאוס שפיצל, אַריינלייגנדיק זיין טויטן קערפּער — דעם קערפּער פונם דיכטער — אין אַ וואַגאָן צום איבערפירן „אָסטריגעס”.

דער ברודיק־גרינער פלעק פון דעמדאָזיקן וואַגאָן ווייזט זיך מיר אויס טאַקע אַלס גרויסער, טריאומפירנדער שמייכל פון דער באַנאַלקייט איבערן פאַרמאַטערטן שונא, און די אומציילבאַרע „זכרונות” פון די גאַסן־צייטונגען — ווי אַ צביעותדיקער טרויער, הינטער וועלכן איך פיל דעם קאַלטן, שאַרפן אָטעם אַלץ פון דער־זעלביקער באַנאַלקייט, וואָס איז אין געהיים צופרידן פונם טויט פון איר פיינד.

בשעת מען לייענט טשעכאָווס דערציילונגען, פילט מען זיך אַזויווי אין אַ טרויעריקן טאָג פון שפּעטן האַרבסט, ווען די לופט איז אַזוי דורכזיכטיק און אין איר צייכענען זיך שאַרף די נאַקע־

טע ביימער, ענגע הייזער, גרוילעכע מענטשן. אַלץ איז אַזוי מאָד־נע — איינזאַם, אומבאַוועגלעך און אָנמעכטיק. די טיפע בלויע ווייטן — זענען ליידיק און, צונויפגיסנדיק זיך מיטן בלייכן הימל, עטעמען זיי אַראָפּ מיט אומעטיקער קעלט אויף דער ערד, וואָס איז באַדעקט מיט געפרוירענער בלאָטע. דעם מחברס שכל, ווי די האַרבסטיקע זון, באַלייכט די צעהאַקטע וועגן, די קרומע גאַסן, די ענגע און שמוציקע הייזער, אין וועלכע ס'שטיקן זיך פון לאַנגוויי־ליקייט און פוילקייט קליינטשיקע נעבעכדיקע מענטשן, אָנפילנדיק זייערע הייזער מיט אַ זינלאָזער, האַלבשלעפעריקער האַוועניש. אומ־רויִק, ווי אַ גרוי מייזל, לויפט דורך „דושעטשקאַ", — אַ ליבע, גוטע פרוי, וואָס קען אַזוי קנעכטיש, אַזוי פיל ליב האָבן. מען מעג איר אַ פּאַטש טון אין דער באַק און זי וועט אַפילו נישט וואַגן הויך אַ קרעכץ צו טון, אַ הכנעהדיקע שקלאַפין. לעבן איר שטייט טרויעריק אָלגאַ פון „דריי שוועסטערן": זי פאַרמאָגט אויך אַ סך ליבע און גיט זיך אונטער אָן טענות די קאַפּריזן פון דער אויסגע־לאַסענער פרוי פון איר פוילן ברודער; פאַר אירע אויגן ווערט צעבראָכן דאָס לעבן פון אירע שוועסטערן, און זי ווייבט און קאָן קיינעם מיט גאָרנישט העלפן, און קיין איין לעבעדיק, שטאַרק וואָרט פון פּראָטעסט קייגן דער באַנאַלקייט געפינט זיך נישט אין איר ברוסט.

אָט איז די טרערנגיסערין ראַניעווסקאַיאַ און אַנדערע גע־וועזענע באַלעבאַטים פון „קערשן גאָרטן", — עגאָיסטישע, ווי קינ־דער, און שברי־כּלים, ווי די זקנים. זיי האָבן פאַרשפּעטיקט צו שטאַרבן אינדערצייט און יאָכצן, נישט זעענדיק גאָרנישט אַרום זיך, נישט פאַרשטייענדיק גאָרנישט, — פּאַראַזיטן, וואָס האָבן אָנגע־ווארן דעם כּוח זיך צוריק איינצוזייגן אין לעבן. דער נישטיקער סטודענט טראָפימאָוו רעדט מליצהדיק וועגן דער נויטווענדיקייט צו אַרבעטן און — גייט אַרום ליידיק, פון לאַנגווייליקייט אַמיזירנדיק זיך מיטן נאַרישן אָפּחוזקן פון וואַריען, וועלכע אַרבעט אָן אָפּרו לטובת די ליידיקגייערס.

ווערשינין טרוימט וועגן דעם, ווי גוט ס'וועט זיין דאָס לעבן אין דריי הונדערט יאָר אַרום, און לעבט, נישט באַמערקנדיק, אַז

אַרום אים צעפּאַלט זיך אַלץ, אַז פּאַר זיינע אויגן איז סאָליאָני פוּן לאַנגווייליקייט און נאַרישקייט גרייט צוּ דערהרגענען דעם נעבעכדיקן באַראָן טוּזענבאַך.

ס׳גייט דוּרך פאַר די אויגן אַ לאַנגע שערענגע פון שקלאַפן און שקלאַפינס פוּן זייער ליבע, פוּן זייער נאַרישקייט און פוילקייט, פוּן זייער גיריקייט צוּ ערדיש גליק; ס׳גייען שקלאַפן פוּן פינצטערער אימה פאַרן לעבן, גייען אין פאַרנעפּלטער אומרויקייט און פילן־אָן דאָס לעבן מיט אומגעלומפּערטע רייד וועגן דער צוּקונפט, פילנדיק, אַז אין דער קעגנוואַרט האָבן זיי נישט קיין אָרט. . .

טיילמאָל קנאַלט אָפּ אין זייער גרויער מאַסע אַ שאָס, דאָס האָט איוואַנאָוו אָדער טרעפּליעוו זיך משער געווען, וואָס זיי דאַרפן טוּן און — זענען געשטאָרבן.

אַ סך פוּן זיי פאַנטאַזירן וועגן דעם, ווי גוּט ס׳וועט זיין דאָס לעבן אין צוויי הוּנדערט יאָר אַרום, און קיינעם קוּמט נישט אין קאָפּ אַריין די פּשוּטע פראַגע: אָבער ווער וועט עס מאַכן דאָס לעבן גוּט, אויב מיר וועלן בלויז פאַנטאַזירן?

פאַרביי דעמדאָזיקן גאַנצן עולם אָנמעכטיקע מענטשן איז דוּרכגעגאַנגען אַ גרויסער, קלוּגער, צוּ אַלעם אויפמערקזאַמער מענטש; ער האָט אַ קוּק געטוּן אויף דידאָזיקע אוּמעטיקע באַוואוינער פוּן זיין היימלאַנד און מיט אַ טרויעריקן שמייכל, מיט אַ טאָן פוּן אַ ווייכן, נאָר טיפן פאָרוואוּרף, מיט האָפנוּנגלאָזן צער אויפן פּנים און אין האַרץ, האָט ער מיט אַ שיינער אויפריכטיקער שטימע געזאָגט:

— איר לעבט מיאוּס, מיינע הערן!

שוין דעם פינפטן טאָג איז אַ געהעכערטע טעמפּעראַטוּר, און ליגן ווילט זיך נישט. אַ גרויער פינלענדישער רעגן נעצט די ערד מיט נאַסן שטויב. אויפן פאָרט איגאָ פויקן די האַרמאַטן, מען „שיסט זיי אונטער״. אין די נעכט לעקט די וואָלקנס אַ לאַנגע

צונג פון אַ פּראָזשעקטאָר, אַן עקלדיק בילד, וואָרים ס׳לאָזט נישט פאַרגעסן אָן דעם טײַוולאָנישן מבול — דער מלחמה.

כ׳האָב געלייענט טשעכאָוון. ווען ער וואָלט נישט געשטאָרבן מיט צען יאָר צוריק, וואָלט די מלחמה מסתמא אים דערהרגעט, פריער פאַרגיפטנדיק אים מיט דער שנאה צו מענטשן. איך האָב מיך דערמאַנט אָן זיין לוויה.

דער ארון פונם שרייבער, וועלכן מאָסקווע האָט אַזוי „צערט־לעך ליב געהאַט", איז געבערענגט געוואָרן אין עפּעס אַ גרינעם וואַגאָן מיט אַן אויפשריפט, אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות אויף די טירן „פאַר אָסטריגעס". אַ טייל פון דעם נישט גרויסן עולם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן וואָקזאַל לכבוד דעם שרייבער, איז אַוועקגעגאַנגען נאָכן ארון פון דעם גענעראַל קעלער, וועלכער איז געבערענגט געוואָרן פון מאַנדזשוריע, און האָט זיך געוואונ־דערט, וואָס מען באַגלייט טשעכאָוון מיט אַ מיליטערישן אָרקעס־טער. ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן דער טעות, האָבן אייניקע פריילעכע מענטשן אָנגעהויבן זיך וויצלען און לאַכן. נאָך טשע־כאָווס ארון איז נאָכגעגאַנגען אַ מאַן הונדערט, נישט מער; באַ־זונדער אין זכרון זענען מיר פאַרבליבן צוויי אַדוואָקאַטן, ביידע אין נייע שיך און בונטע קראַוואַטן — חתנים. גייענדיק הינטער זיי, האָב איך געהערט, אַז איינער, וו. א. מאַקלאַקאָוו, רעדט וועגן דעם שכל פון הינט, דער אַנדערער, אַן אומבאַקאַנטער, האָט גע־רומט די באַקוועמלעכקייטן פון זיין זומערוואוינונג און די שיינ־קייט פון פּייזאַזש אין איר אומגעגנט. און עפּעס אַ דאַמע אין אַ לילע קלייד, גייענדיק אונטער אַ געהאַפּטענעם שירם, האָט גערעדט צו אַן אַלטן אין ביינערנע ברילן:

— אַך, ער איז געווען אַ וווּנדערלעך ליבער און אַזאַ שאַרפ־זיניקער...

דער אַלטער האָט אַן צוטרוי אונטערגעהוּסט. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ שטויביקער. פאַר דער פּראָצעסיע איז חשיבות־דיק געריטן אַ דיקער וואַכמייסטער אויף אַ דיק, ווייס פערד. דאָס אַלץ און נאָך אַ סך אַנדערס איז געווען אכזריותדיק באַנאַל און

נישט צוגעפּאַסט צום אָנדענק וועגן דעם גרויסן און איידעלן קינסטלער.

אין איינעם פון די בריוו צום אַלטן אַ. ס. סוואָרינען, האָט טשעכאָוו געזאָגט:

„ס'איז נישטאָ עפּעס מער אומעטיקס און נישטפּאָעטישס, אַזוי צו זאָגן, ווי דער פּראָזאַישער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, וועלכער נעמט צו די פרייד פון לעבן און טרייבט אַריין אין אַפּאַטיע."

מיט די דאָזיקע ווערטער איז שטאַרק אויסגעדריקט געוואָרן די רוסישע שטימונג, וועלכע איז, לויט מיין מיינונג, כּלל נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ. פּ. אין רוסלאַנד, וואו אַלץ איז פאַרהאַן אַ סך, נאָר באַ די מענטשן איז נישטאָ קיין ליבע צו אַרבעט, דענקט אַזוי די מערהייט. אַ רוס כאַפּט התפּעלות פון ענערגיע, נאָר — גלייבט שוואַך אין איר, אַ שרייבער פון אַקטיווער שטימונג — למשל דזשעק לאָנדאָן — איז אוממעגלעך אין רוסלאַנד. כאָטש לאָנדאָנס ביכער ווערן באַ אונדז גערן געלייענט, נאָר איך זע נישט, אַז זיי זאָלן וועקן דעם ווילן פונם רוסישן מענטש צו טעטיקייט, זיי רייצן נאָר די פאַנטאַזיע. אָבער טשעכאָוו — איז נישט שטאַרק רוסיש אין דעם זינען. פאַר אים האָט נאָך אין דער יוגנט „דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ" זיך פונאַנדערגעוויקלט אין אַ פיינלעכער, פאַרבלאָזער פאָרם פון טאָג-טעגלעכע קליינע דאגות וועגן שטיקל ברויט נישט נאָר פאַר זיך, — וועגן אַ גרויס שטיק ברויט. אויף די דאָזיקע דאגות, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין פרייד, האָט ער אַוועקגעגעבן אַלע יוגנט-כּוחות און מען דאַרף זיך פּשוט וואונדערן: ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אויפהיטן זיין הומאָר? ער האָט געזען דאָס לעבן, בלויז ווי אַן אומעטיק שטרעבן פון די מענטשן צו זאַטקייט, רו, די גרויסע דראַמעס און טראַגעדיעס פון לעבן זענען געווען פאַרהוילן פאַר אים אונטערן דיקן שיכט פון אַלטעגלעכקייט, און ערשט ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַפרייט פון דער זאָרג צו זעען אַרום זיך זאַטע מענטשן, האָט ער מיט

אַ שאַרף אויג אַ קוק געטון אין דעם תּוך פון דידאַזיקע דראַ־מעס.

איך האָב נישט געזעען נאָך אַ מענטש, וואָס זאָל פילן די באַדייטונג פון אַרבעט, אַלס קולטור־יסוד, אַזוי טיף און אַלזייטיק, ווי א. פ. דאָס האָט זיך באַ אים אויסגעדריקט אין אַלע קליינ־קייטן פון הויזלעכער באַלעבאַטישקייט, אין דעם צוקלייב פון זאַכן און אין יענער איידעלער ליבשאַפט צו זאַכן, וועלכע איז פריי פון דער שטרעבונג זיי צו זאַמלען, נאָר הערט נישט אויף נתפּעל צו ווערן פון זיי, ווי פון אַ פּראָדוקט, געשאַפן דורכן מענטשלעכן גייסט. ער האָט ליב געהאַט צו בויען, פלאַנצן סעדער, באַפּוצן די ערד, ער האָט געפילט די פּאָעזיע פון אַרבעט. מיט וואָס פאַר אַ רירנדער זאָרגפולקייט האָט ער נאָכגעקוקט, ווי אין זיין סאָד וואַקסן די דורך אים פאַרזעצטע אויבסט־ביימער און די דעקאָראַ־טיווע ביימלעך. בשעת ער האָט זיך פאַרנומען מיטן בוי[illegible] דאָס הויז אין אוטקע האָט ער געזאָגט:

— ווען יעדער מענטש וואָלט אויף זיין שטיקל ערד גע־מאַכט אַלץ, וואָס ער קאָן, ווי הערלעך וואָלט דאַן געווען אונזער ערד.

ווען איך האָב פאַרטראַכט צו שרייבן דאָס טעאַטער־שטיק „וואַסקאַ בוסלאַיעוו", האָב איך אים איבערגעלייענט וואַסקעס כוואַט־סקע מאָנאָלאָג:

— עך־מאַ, כּוחות ווען איך האָב אַ ביסל מער!
כ'וואָלט הייס אָן אָטעם געטון — אַלע שנייען צעשמאָלצן,
די גאַנצע ערד־קויל מיטן אַקער דורכגעשניטן,
טעג און נעכט געגאַנגען — שטעט געבויט,
צערקווס געשטעלט — גערטנער אָן אַ שיעור געפלאַנצט!
די ערד די גאַנצע, ווי אַ מיידל אויסגעצירט,
ארומגענומען זי, ווי אַ כּלה אָן אייגענע,
צו דער ברוסט צו מיינער אויפגעהויבן זי,
אויפגעהויבן און צו גאָט געבראַנגט:
— זע נאַר, גאָט, די ערד, ווי שיין זי איז,

ווי הערלעך ס'האָט זי וואַסקאַ אויסגעצירט!
דו האָסט ווי אַ שטיין אין רוים געוואָרפן זי,
איך, אָבער, האָב פון איר אַן אבן־טוב געמאַכט!
זע נאָר, גאָט, און פריי דיך נחתדיק,
ווי גרין זי ברענט אין העלן זונען־ליכט!
כ'וואָלט זי אַ מתנה דיר אָפּגעשענקט,
נאָר — אַ שאָד — זי איז צו טייער מיר!

טשעכאָוו איז געפעלן געוואָרן דערדאָזיקער מאָנאָלאָג; אויפ־געגעגט צוהויסטנדיק, האָט ער געזאָגט צו מיר און צום דאָקטאָר א. נ. אַלעקסינען:

— דאָס איז גוט... זייער עכט, מענטשלעך! טאַקע אין דעם איז דער „זינען פון דער גאַנצער פילאָזאָפיע". דער מענטש האָט געמאַכט, די ערד זאָל באַוואוינט זיין, און ער וועט זי אויך מאַכן באַקוועם פאַר זיך. — אַ שאָקל געטאָן עקשנותדיק מיטן קאָפּ, האָט ער איבערגעחזרט:

— ער וועט מאַכן!

ער האָט פאָרגעלייגט איבערצולייענען וואַסקעס באַרימע־ריי נאָכאַמאָל, האָט אויסגעהערט, קוקנדיק אין פענצטער און גע־עצהט:

— די לעצטע צוויי שורות — דאַרף מען נישט, דאָס איז וואוילייבגערישקייט. איבעריק...

וועגן זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן האָט ער גערעדט ווייניק, נישט גערן, ס'ווילט זיך זאָגן — צניעותדיק און, אפשר, מיט דער זעלבער פאָרזיכטיקייט, ווי ער האָט גערעדט וועגן ליעוו טאָלסטאָי. בלויז פון צייט צו צייט, אין אַ פריילעכע שעה, פלעגט ער לאַכנ־דיק דערציילן אַ טעמאַ — תמיד אַ הומאָריסטישע.

— איר ווייסט, — כ'וועל אָנשרייבן וועגן אַ לערערין, זי איז אַן אַטעיסטקע, — פאַרגעטערט דאַרווינען, איז איבערצייגט אין דער נויטווענדיקייט צו קעמפן מיט די פאָרורטיילן און אַבער־

גלויבעגישן פון פאָלק, און זי אַליין קאָכט אַרום צוועלף באַנאַכט אין אַ באָד אַ שוואַרצן קאָטער, כדי צו באַקומען דאָס האַרץ־ביינדל, — אַ ביינדל, וואָס ציט־צו אַ מאַנסביל און וועקט אין אים ליבע, — פאַרהאַן אַזאַ ביינדל... — וועגן זיינע טעאַטער־שטיק האָט ער גערעדט, ווי וועגן „פריילעכע" און איז, דאַכט זיך, געווען אויפריכטיק איבערצייגט, אַז ער שרייבט טאַקע „פריילעכע פּיעסן". מסתּמא פון זיינע רייד האָט עס סאַוואַ מאַראַזאָוו עקשנותדיק אויפגעוויזן:

— „טשעכאָווס טעאַטער־שטיק באַדאַרף מען שטעלן ווי ליִרישע קאָמעדיעס".

אָבער בכלל צו ליטעראַטור האָט ער זיך באַצויגן זייער אויפמערקזאַם, באַזונדער אָבער רירנד — צו „שרייבער־אָנפאַנגער". ער האָט מיט אַ וואונדערלעך געדולד געלייענט די שפּאָרע כתב־ידן פון ב. לאַזאַרעווסקין, נ. אָליגער און פיל אַנדערע.

— מיר דאַרפן האָבן מער שרייבער — האָט ער געזאָגט. — די ליטעראַטור אין אונדזער לעבן איז נאָך אַלץ עפּעס אַ לוקסוס און „פאַר אויסדערוויילטע". אין נאָרוועגיע איז אויף איטלעכע 220 מענטשן פון דער באַפעלקערונג — איין שרייבער, און בא אונדז איז איינער אויף אַ מיליאָן...

די קראַנקייט פלעגט טיילמאָל בא אים שאַפן אַ שטימונג פון אַ מעלאַנכאָליקער און אפילו אַ מיזאַנטראָפּ. אין אַזעלכע טעג איז ער געווען קאַפּריזיש אין זיינע מיינונגען און שווער אין דער באַציִונג צו מענטשן.

איינמאָל, בעת ער איז געלעגן אויף דער סאָפע, טרוקן אונטערהוסטנדיק, זיך שפּילנדיק מיטן טערמאָמעטער, האָט ער געזאָגט:

— לעבן דערויף, כדי צו שטאַרבן, איז בכלל נישט פרייִלעך, נאָר לעבן, וויסנדיק, אַז וועסט שטאַרבן פריצייטיק — דאָס איז שוין גאָר נאַריש...

— אַ צווייט מאָל, זיצנדיק באַם אָפענעם פענסטער און וואַרפנ־דיק בליקן אין דער ווייטקייט, אין ים אַריין, האָט ער אומגעריכט, בייז אַ זאָג געטון:

— מיר זענען געוואוינט צו לעבן מיט האָפנונגען אויף אַ שיין וועטער, אויף אַ גערעטעניש, אויף אַן אָנגענעמען ראָמאַן, מיט האָפנונגען רייך צו ווערן אָדער באַקומען אַ שטעלע פון אַ פּאָליצמייסטער, נאָר אָט קיין האָפנונג קלוגער צו ווערן באַמערק איך נישט באַ די מענטשן. מיר קלערן: באַ אַ נייעם קייזער וועט בעסער זיין, און אין צוויי הונדערט יאָר אַרום — נאָך בעסער און קיינער זאָרגט נישט דערפאַר, אַז דערדאָזיקער בעסער זאָל קומען מאָרגן. אין אַלגעמיין — ווערט דאָס לעבן מיט יעדן טאָג אַלץ קאָמפּליצירטער און באַוועגט זיך ערגעץ וואו־אָט אַזוי זיך, און די מענטשן — ווערן בפירוש נאַרישער און אַלץ מער מענטשן בלייבט איבער אין דער זייט פונם לעבן.

ער האָט אַ טראַכט געטון און, פאַרקנייטשנדיק דעם שטערן, צוגעגעבן:

— אַקוראַט, ווי בעטלערס־קאַליקעס בשעת אַ רעליגעזער פּראָצעסיע.

ער איז געווען אַ דאָקטאָר, און די קראַנקייט באַ אַ דאָק־טאָר איז שטענדיק שווערער פון דער קראַנקייט פון זיינע פּאַ־ציענטן; די פּאַציענטן שפּירן בלויז, אָבער דער דאָקטאָר ווייסט נאָך אַחוץ דעם אויך עפּעס וועגן דעם, ווי ס'ווערט חרוב זיין אָרגאַניזם. דאָס איז איינער פון יענע פאַלן, ווען מען קאָן רעכנען, אַז דאָס וויסן איילט צו דעם טויט.

שיין זענען געווען זיינע אויגן, בעת ער האָט געלאַכט, — עפּעס אַזוינע פרויאיש־ליבלעכע און צערטלעך ווייכע. און זיין גע־לעכטער, כמעט אָן שום קלאַנג, איז געווען עפּעס אַזאַ באַזונדער שיינס. לאַכנדיק, האָט ער פּשוט זיך געקוויקט מיטן געלעכטער,

ער האָט געשטראַלט; איך ווייס נישט, ווער נאָך ס'וואָלט געקענט אַזוי לאַכן — כ'וועל זאָגן — „גייסטיק".

גראַבע אַנעקדאָטן האָבן אים קיינמאָל נישט געמאַכט לאַכן.

לאַכנדיק אַזוי ליב און האַרציק, האָט ער מיר דער־ציילט:

— ווייסט איר, פאַרוואָס טאָלסטאָי באַציט זיך צו אייך אַזוי נישט גלייך? ער איז אייפערזיכטיק, ער מיינט, אַז סולערזשיצקי האָט אייך ליבער, ווי אים. יאָ, יאָ. נעכטן האָט ער מיר געזאָגט: איך קאָן מיך נישט פאַרהאַלטן צו גאָרקין אויפריכטיק, כ'ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר איך קאָן נישט. ס'איז מיר נישט אָנ־גענעם אפילו, וואָס סולער וואוינט בא אים. פאַר סולערן איז דאָס שעדלעך. גאָרקי — איז אַ שלעכטער מענטש. ער איז ענ־לעך צו אַ סעמינאַריסט, וואָס מען האָט אים מיט געוואַלט גע־מאַכט פאַר אַ מאָנאַך און דערמיט אים שלעכט געמאַכט. ער האָט אַ נשמה פון אַן אויסשפּירער, ער איז געקומען פון ערגעץ אין אַ פרעמד פאַר אים כנעניש לאַנד, קוקט זיך צו צו אַלעם, באַמערקט אַלץ און טיילט וועגן אַלעם מיט עפּעס זיינס אַ גאָט. און דער גאָט בא אים — איז אַ פאַרזעעניש, אַ שטיי־גער, ווי דער וואַלד־שד אָדער וואַסער־שד בא די דאָרפישע פויער־טעס.

דערציילנדיק, האָט טשעכאָוו געלאַכט ביז טרערן און אָפּ־ווישנדיק די טרערן האָט ער פאָרגעזעצט:

— איך זאָג: גאָרקי איז אַ גוטער. און ער: ניין, ניין, איך ווייס. ער האָט אַ נאָז פון אַ קאַטשקע, אַזעלכע נעז זעען נאָר בא אומגליקלעכע און שלעכטע מענטשן. און פרויען האָבן אים נישט ליב, און בא פרויען, ווי בא הינט, איז פאַרהאַן אַ חוש צו אַ גוטן מענטש. אָט סולער — ער פאַרמאָגט באמת די זעלטענע פעיקייט פון אומאייגננוציקער ליבע צו מענטשן. אין דעם איז ער — געניאַל. קענען ליב האָבן הייסט — אַלץ קענען...

אָפּרוענדיק זיך אַ ביסל, האָט טשעכאָוו איבערגעחזרט:

— יאָ, דער אַלטער איז אייפערזיכטיק... סאַראַ וואונדער־לעכער...

וועגן טאָלסטאָיען האָט ער תמיד גערעדט מיט עפּעס אַזאַ באַזונדער, קוים באַמערקבאַר, צערטלעך און שמעוודיק שמייכע־לע אין די אויגן, גערעדט מיט אַ שטילער קול, ווי וועגן עפּעס וויזיאָנערישס, סודותדיקס, וואָס פאָדערט ווערטער פאַרזיכטיקע, ווייכע.

נישט איינמאָל פלעגט ער באַדויערן, וואָס לעבן טאָלסטאָיען איז נישטאָ קיין עקערמאַן, אַ מענטש, וואָס זאָל פלייסיק פאַר־שרייבן די שאַרפע, אומגעריכטע און אָפטמאָל, זיך סותרדיקע גע־דאַנקען פון דעם אַלטן חכם.

— אָט איר וואָלט געדאַרפט זיך פאַרנעמען דערמיט — האָט ער איינגערעדט סולערזשיצקין — טאָלסטאָי האָט אייך אַזוי ליב, ער רעדט אַזוי פיל און גוט מיט אייך.

וועגן סולערן האָט טשעכאָוו מיר געזאָגט:

— דאָס איז — אַ חכם־אַ קינד...

זייער גוט געזאָגט.

טאָלסטאָי האָט אַמאָל אין מיין אָנוועזנהייט זיך אַנטציקט מיט טשעכאָווס אַ דערציילונג, דאַכט זיך — מיט „דושענקאַ״. ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז עפּעס אַזוי ווי שפּיצן, געהאָפטענע דורך אַ צניעותדיק מיידל; ס'זענען געווען פאַרצייטנס אַזעלכע מיידלעך העפטערינס, „פאַרזעסענע״, זיי האָבן זייער גאַנץ לעבן, אַלע טרוימען וועגן גליק אַריינגעלייגט אינם העפטן. זיי האָבן געטרוימט מיט מוסטער־צייכנונגען וועגן דעם סאַמע ליבסטן, די גאַנצע אומ־קלאָרע, ריינע ליבע זייערע האָבן זיי אַריינגעפלאָכטן אין די שפּיצן. — טאָלסטאָי האָט גערעדט אין שטאַרקער אויפגערעגט־קייט, מיט טרערן אין די אויגן. און באַ טשעכאָוון איז אין דעם טאָג געווען אַ העכערע טעמפּעראַטור, ער איז געזעסן מיט רויטע

פלעקן אויף די באַקן און, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ, פּלייסיק אויסגעווישט די פענסנע, ער האָט לאַנג געשוויגן, ענדלעך אָפּזיפצנדיק, האָט ער אַ זאָג געטון שטיל און זשעגירט:

— ס'זענען דאָרט דאָ — דרוק-פעלערן...

ווען טשעכאָוון קען מען אָנשרייבן אַ סך, אָבער מען דאַרף שרייבן וועגן אים דראָבנע און דייטלעך, וואָס איך קען נישט! ס'וואָלט גוט געווען אָנצושרייבן וועגן אים אַזוי, ווי ער אַליין האָט אָנגעשריבן „סטעפּ", אַ דערציילונג, אַ דופטיקע, אַ לייכטע און אַזאַ, רוסישמעסיק, פּאַרטראַכט-טרויעריקע. אַ דערציילונג — פאַר זיך.

ס'איז גוט זיך צו דערמאָנען אָן אַזאַ מענטש, באַלד קומט צוריק אין דיין לעבן די מונטערקייט, אויפסניי גיסט זיך אַריין דערין אַ קלאָרער זינען.

דער מענטש — איז די אַקס פון דער וועלט.

און וועט מען זאָגן — די שוואַכקייטן, און די חסרונות זיינע?

מיר אַלע זענען הונגעריק אין ליבע צום מענטש, און באַ אַ הונגער האָט שלעכט אויסגעבאַקן ברויט אויך — אַ זיסן טעם.

לעוו טאָלסטאָי

דאָסדאָזיקע ביכל איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון פראַגמענטאַרישע נאָטיצן, וועלכע איך האָב געשריבן, וואוי־נענדיק אין אָליעז, בעת ליעוו ניקאָלאַיעוויטש האָט גע־וואוינט אין גאַספּראַ, פריער — אַלס שווער קראַנקער, דערנאָך — שוין האָבנדיק בייגעקומען די קראַנקייט. איך האָב געדעכנט, אז דידאָזיקע נאָטיצן, אָנגעשריבענע כּל־אחר יד אויף פאַרשידענע שטיקלעך פּאַפּיר, זענען פאַר־לוירן געגאַנגען, אָבער נישט לאַנג האָב איך געפונען אַ טייל פון זיי. נאָכדעם גייט דאָ אַריין אַ נישט־פאַרענדיק־טער בריוו, וועלכן איך האָב געשריבן אונטערן איינ־דרוק פון ליעוו ניקאָלאַיעוויטשס „אַוועקגאַנג“ פון „יאַס־נאַיאַ פּאָליאַנאַ“ און זיין טויט. איך דריק דעם בריוו, נישט פאַרריכטנדיק אין אים קיין וואָרט, אַזוי, ווי ער איז דעמאָלט אָנגעשריבן געוואָרן. און איך פאַרענדיק אים נישט; דאָס דאַרף מען איבער עפּעס נישט טון.

מ. גאָרקי.

נ אָ ט י צ ן.

I.

דער געדאַנק, וואָס באַגט, קענטיק, אָפּטער פון אַלע אַנדע-
רע זיין האַרץ, — איז דער געדאַנק וועגן גאָט. טיילמאָל דאַכט
זיך, אַז דאָס איז גאָרנישט קיין געדאַנק, נאָר אַן אָנגעשטרענגטער
ווידערשטאַנד קעגן עפּעס, וואָס ער פילט איבער זיך. ער רעדט
וועגן דעם וויניקער, ווי ער וואָלט געוואָלט, אָבער טראַכט —
שטענדיק. דאָס איז אוודאי נישט קיין צייכן פון זקנה, קיין פאַר-
געפיל פון טויט, ביין, איך מיין, דאָס איז בא אים פון שיינעם
מענטשלעכן שטאָלץ. און אַ ביסעלע פון באַליידיקונג, וואָרים,
זייענדיק ליעוו טאָלסטאָי, איז באַליידיקענד משועבד צו מאַכן דעם
אייגענעם ווילן צו עפּעס אַ מין סטרעפּטאָקאָק. ווען ער וואָלט גע-
ווען אַ נאַטורפאָרשער, וואָלט ער געוויס געשאַפן געניאַלע היפּאָטעזן,
געמאַכט גרויסע אַנטדעקונגען.

II.

ער האָט וואונדערלעכע הענט, — נישט קיין שיינע, קניפּנ-
אַרטיקע פון די אָנגעבלאָזענע אָדערן און דאָך איז אין זיי פאַר-
האַן אַ באַזונדער אויסדריקלעכקייט און שעפערישע קראַפט. אַזעלכע
הענט האָט מסתמא געהאַט לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. מיט אַזעלכע

הענט קאָן מען אַלץ מאַכן. טיילמאָל, בעת ער רעדט, באַוועגט ער מיט די פינגער, ביסלעכווייז קוועטשט ער זיי צונויף אין אַ פויסט, דערנאָך עפנט ער זי פּלוצלינג אויף און זאָגט גלייכצייטיק אַרויס אַ שיין, וואָגיק וואָרט. ער איז ענלעך צו אַ גאָט, נישט צו קיין אל צבעות אָדער אָלימפּן־גאָט, נאָר צו אַזאַ רוסישן גאָט, וועלכער „זיצט אויף אַ כסא הכבוד פון קלאָנען־האָלץ אונטער אַ גאָלדענער ליפּע" און הגם ער איז נישט זייער מאַיעסטעטיש, איז אָבער, אפשר, ליטרער פון אַלע אַנדערע געטער.

III.

צו סוליערזשיצקין האָט ער זיך באַצויגן מיט צאַרטקייט פון אַ פרוי. טשעכאָוון האָט ער ליב געהאַט פּאָטערלעך, אין דערדאָזיקער ליבע פילט זיך דער שטאָלץ פון אַ באַשעפער, אָבער סוליער רופט בײַ אים נעמלעך אַרויס צאַרטקייט, אַ כסדרדיקן אינטערעס און אַנטציקונג, וועלכע מידט, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט אין דעם מכשף. מעגלעך, אַז אין דעמדאָזיקן געפיל איז פאַרהאַן עטוואָס — אַ ביסעלע קאָמיש, ווי די ליבע פון אַן אַלטער מויד צו אַ פּאָפּוגאַי, צו אַ הינטל, צו אַ קאַץ. סוליער — איז עפּעס אַ מין אַנטציקנדער פרייער פויגל פון אַ פרעמד, אומבאַקאַנט לאַנד. הונדערט אַזעלכע מענטשן, ווי ער, וואָלטן געקענט ענדערן הן דעם פּרצוף, הן די נשמה פון אַ וועלכער ס'איז פּראָווינץ־שטאָט. דעם פּרצוף אירן וועלן זיי צעהאַקן, און די נשמה וועלן זיי אָנפילן מיט ליידנשאַפט צו שטורמישער, טאַלענטירטער וואָיליינגערישקייט. ליב צו האָבן סוליערן איז לייכט און פריילעך, און ווען איך זע, ווי נאַכלעסיק ס'באַציען זיך צו אים פרויען, וואונדערן זיי מיך און רופן אַרויס בײַ מיר פאַריבל. איבעריקנס, אפשר איז אונטער דערדאָזיקער נאַכלעסיקייט קונציק באַהאַלטן אַ פאָרזיכטיקייט. אויף סוליערן איז נישט אויסצורעכנען. וואָס וועט ער טון מאָרגן? ס'קאָן זיין, ער וועט וואַרפן אַ באָמבע, און אפשר וועט ער — אַוועקגיין אין אַ כאָר פון טראַקטיר־זינגער. ענערגיע איז אין אים

פאַרהאַן — פאַר דריי דורות, לעבנס־פייער אַזוי פיל, אַז ער שוויצט, דאַכט זיך, מיט פונקען, ווי אַן איבערגעבערענט אייזן.

אָבער איינמאָל האָט ער זיך שטאַרק צעבייזערט אויף סוליערן, — דער געגויגטער צו אַנאַרכיזם לעאָפּאָלד פּלעגט אָפט און הייס רעדן וועגן פרייהייט פון פערזענלעכקייט, און ל. ב. האָט תמיד אין אַזעלכע פאַלן חוזק געמאַכט פון אים.

איך געדענק, סוליערזשיצקי האָט ערגעץ וואו געקריגן עפּעס אַ מאָגערע בראָשורקע פון פירשט קראַפּאָטקין, האָט זיך אַנגעצונדן פון איר און אַ גאַנצן טאָג נישט אויפגעהערט דערציילן וועגן דער חכמה פון אַנאַרכיזם, ברויזנד פילאָזאָפירנדיק.

— אַך, ליעוואושקאַ, הער אויף, האָסט דערעסן, — האָט מיט פאַרדראָס געזאָגט ל. ב. — חזרסט איבער, ווי אַ פּאָפּוגיי, איין וואָרט — פרייהייט, פרייהייט. אָבער וואו, אין וואָס איז זיין תמצית? אויב דו וועסט דערגרייכן פרייהייט אין דיין זינען, ווי דו מאָלסט דיר אויס — וואָס וועט זיין? אין פילאָזאָפישן זינען — אַן אומענדלעכע פוסטקייט, און אין לעבן, אין דער פּראַקטיק — וועסטו ווערן אַ פוילענצער, אַ שלעפּער. וואָס וועט דיך, דעם פרייען אין דיין זינען טאַקע, בינדן מיטן לעבן, מיט די מענטשן? אָט — די פייגל זענען פריי, און פלעכטן פונדעסטוועגן נעסטן. דו אָבער וועסט קיין נעסט אויך נישט פלעכטן, באַפרידיקנדיק דעם געשלעכטלעכן אינסטינקט, וואו ס׳וועט אויסקומען, ווי אַ קאָבעל. פאַרקלער זיך ערנסט, וועסטו דערזעען, וועסט דערפילן, אַז אין ענדגילטיקן זינען איז פרייהייט — פוסטקייט, גרעניצלאָזיקייט.

ער האָט זיך ביז אָנגעכמורעט, געשוויגן אַ ווײַלע און צוגעגעבן שטילער:

— קריסטוס איז געווען פריי, בודאַ — דעסגלייכן, און ביידע האָבן גענומען אויף זיך די זינד פון דער וועלט, זענען גוטוויליק געגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט פון ערדישן לעבן און ווייטער פון דעם — איז קיינער נישט אַוועקגעגאַנגען, קיינער נישט. און דו, און מיר — נו, וואָס דאַרטן! מיר אַלע זוכן צו באַפרייען זיך פון די פליכטן צום נאָענטן, בעת גראָד דאָס פילן דידאָזיקע

פליכטן, מאַכט אונדז פאַר מענטשן, און וואָלט נישט געווען דאָס־דאָזיקע פילן, וואָלטן מיר געלעבט, ווי חיות...

ער האָט אַ לאַך געטון:

— און אַצינד חקירהן מיר פונדעסטוועגן, ווי אַזוי מען דאַרף בעסער לעבן. קיין גרויסע פעולה איז נישטאָ דערפון, אָבער שוין אויך נישט גאָר קיין קליינע. דו, למשל, שפּאַרסט זיך מיט מיר און בייזערסט זיך אַזוי, אַז די נאָז ווערט דיר בלוי, אָבער דו שלאָגסט מיך נישט, זידלסט אפילו נישט. ווען אָבער דו וואָלסט זיך ווירקלעך געפילט פריי, וואָלסטו מיך דערממיתט — און פּטור אַן עסק.

און ווידער שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן:

— פרייהייט — דאָס איז, ווען אַלץ און אַלע זענען איינשטימיק מיט מיר, אָבער דעמאָלט עקזיסטיר איך נישט, ווײַל מיר אַלע שפּירן זיך בלויז אין די צוזאַמענשטויסן, אין די קאָנטראַסטן.

IV.

גאָלדענווייזער האָט געשפּילט שאָפּענען, וואָס ס'האָט אַרויסגערופן בײַ ליעוו ניקאָלאַיעוויטשן אַזעלכע געדאַנקען: — איין קליינטשיק דײַטשיש קייזערל האָט געזאָגט: — „דאָרט, וואו מען וויל האָבן קנעכט, דאַרף מען וואָס מער מוזיק פאַרפאַסן". דאָס איז אַ ריכטיקער געדאַנק, אַ ריכטיקע באַאָבאַכטונג, — מוזיק פאַרטעמפּט דעם שכל. בעסער פון אַלע פאַרשטייען דאָס די קאַטאָליקן. — אונזערע פּאָפּן וועלן נאַטירלעך נישט אײַנגיין אויף מענדעלסאָנען אין קירכע. אַ געוויסער טולסקער פּאָפּ האָט מיך פאַרזיכערט, אַז אפילו קריסטוס איז נישט געווען קיין ייִד, הגם ער איז דער זון פון ייִדישן גאָט, און זײַן מוטער איז געווען אַ ייִדין; דאָס האָט ער אָנערקענט, אָבער פונדעסטוועגן זאָגט ער: „דאָס האָט נישט געקענט זײַן". איך פרעג: „נאָר ווי אַזוי זשע איז דאָרט?" ער האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען און געזאָגט: „דאָס איז פאַר מיר אַ סוד!"

V.

„אַן אינטעליגענט — דאָס איז דער גאַלישער פּירשט וואָ־דימירקאָ; ער האָט נאָך אין 12 יאָרהונדערט געזאָגט „העכסט עזותדיק": „אין אונזער צייט איז קיין נסים נישטאָ". פון יענער צייט אָן איז אַוועק זעקס הונדערט יאָר, און אַלע אינטעליגענטן הערן נישט אויף איבערצוחזרן איינער פאַרן אַנדערן: „נישטאָ קיין נסים, נישטאָ קיין נסים". און דאָס גאַנצע פאָלק גלייבט אין נסים פונקט אַזוי, ווי ס'האָט געגלייבט אין 12־טן יאָרהונדערט".

VI.

„די מינדערהייט נייטיקט זיך אין גאָט, ווייל אַלעס איבע־ריקע האָט זי, און די מערהייט דערפאַר — וואָס זי האָט גאָר־נישט".

איך וואָלט געזאָגט אַנדערש: די מערהייט גלייבט אין גאָט אויס נשמה־קנאַפּקייט, און נאָר געציילטע — אויס פולקייט פון נשמה.

— איר האָט ליב אַנדערסענס מעשהלעך? — האָט ער גע־פרעגט אַ פאַרטראַכטער. — איך האָב זיי נישט פאַרשטאַנען, בעת זיי זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער איבערזעצונג פון מאַרקאָ וואָווטשעק, אָבער מיט אַ צען יאָר שפּעטער האָב איך גענומען דאָס ביכל, האָב איבערגעלייענט און פלוצלינג דערפילט מיט אַזאַ קלאָרקייט, אַז אַנדערסען איז געווען זייער איינזאַם. זייער. איך קען נישט זיין לעבן; דאַכט זיך, ער האָט געלעבט נישט לייטיש, אַ סך געררייזט, אָבער דאָס באַשטעטיקט נאָר מיין געפיל, — ער איז געווען איינזאַם. טאַקע דעריבער האָט ער זיך געווענדט צו קינדער, הגם ס'איז אַ טעות, אַז קינדער באַדויערן כלומרשט מער אַ מענטש, ווי דערוואַקסענע. קינדער באַדויערן גאָרנישט, זיי קע־נען נישט באַדויערן.

VII.

ער האָט מיר געעצהט איבערצולייענען דעם בודיסטישן קאַטעכיזם. וועגן בודיזם און קריסטוסן רעדט ער שטענדיק סענטימענטאַל; וועגן קריסטוסן באַזונדער שלעכט — נישטאָ קיין ענטוזיאַזם, קיין פּאַטאָס אין זיינע ווערטער און קיין איין פונק פון אינערלעכן פייער. איך מיין, אַז ער האַלט קריסטוסן פאַר אַ באַיוון, וואָס איז ווערט רחמנות און כאָטש ער איז — טיילמאָל — נתפּעל פון אים, אָבער — ליב האָט ער אים מסתמא נישט. און ווי ער וואָלט כלומרשט מורא געהאַט: זאָל קריסטוס קומען אין אַ רוסיש דאָרף, — וועלן אים די מיידלעך אויסלאַכן.

VIII.

הייַנט איז דאָרט געווען דער גרויספירשט ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש, אַפּנים זייער אַ קלוגער מענטש. האַלט זיך זייער באַשיידן, קנאַפּ-רעדעוודיק. ער האָט סימפּאַטישע אויגן און אַ שיינע פיגור. רויקע זשעסטן. ל. נ. האָט ליבלעך געשמייכלט צו אים און גערעדט דאָ פראַנצויזיש, דאָ ענגליש: אויף רוסיש האָט ער געזאָגט:

קאַראַמזין האָט געשריבן פאַרן קייזערס וועגן, סאָלאָוויאָוו — צעצויגן און לאַנגווייליק, און קליוטשעווסקי, פאַר אייגענער הנאה. אַ כיטרער: די לייענסט — לויבט ער כלומרשט, און דרינגסט אַריין טיפער — האָט ער אָנגעזידלט.

עמעצער האָט דערמאַנט וועגן זאַבעלינען.

— זייער אַ ליבער. אַ קאַנצעלאַריסט אַזעלכער. אַ ליבהאָבער פון אַלטע אַנטיקן, קלייבט צונויף אַלץ, וואָס מען דאַרף און מען דאַרף נישט. עסן באַשרייבט ער אַזוי, גלייך ער אַליין וואָלט קיינמאָל נישט געגעסן צו דער זעט. אָבער — זייער, זייער אַן אַמיזירנדער.

IX.

ער דערמאַנט יענע גייערס מיט די שטעקעלעך, װאָס דאָס גאַנצע לעבן מעסטן זיי אויס די ערד, דורכגייענדיק טויזנטער וויאָרסטן פון מאָנאַסטיר צו מאָנאַסטיר, פון רעליקוויעס צו רעליקוויעס, ביז גרויל היימלאָזע און פאַר אַלץ און אַלעמען פרעמדע. די וועלט — איז נישט פאַר זיי, גאָט — דעסגלייכן. זיי זענען מתפלל צו אים פון געוואוינהייט, נאָר אין געהיים באַ זיך האַסן זיי אים: — נאָכוואָס טרייבט ער איבער דער ערד פון עק צו עק, נאָכוואָס? די מענטשן — זענען פּניאַקעס, וואָרצלען, שטיינער אויפן וועג, — שלאָגסט זיך אָן אָן זיי און פּילסט טיילמאָל פון זיי אַ וויטיק. מען קאָן זיך באַגיין אפילו אָן זיי, אָבער מאַנכעס מאָל איז אָנגענעם איבערצוראַשן דעם מענטש מיט דער אייגענער נישטענלעכקייט צו אים, צו ווייזן די אייגענע נישטאייגשטימיקייט מיט אים.

X.

„פרידריך דער פרייסישער האָט זייער גוט געזאָגט: „יעדער דאַרף זיך ראַטעווען à sa façon“. ער האָט אויך געזאָגט: „קלערט, ווי איר ווילט, נאָר פאָלגט“. אָבער, שטאַרבנדיק, האָט ער זיך מודה געווען: „איך בין מיד געוואָרן צו הערשן איבער קנעכט“. די אַזוי גערופענע גרויסע מענטשן זענען תמיד שרעקעדיק ווידערשפּרעכיק. דאָס איז מען זיי מוחל צוזאַמען מיט כלערליי אַנדערע נאַרישקייטן. כאָטש ווידערשפּרוך — איז נישט קיין נאַרישקייט. . . אַ נאַר איז אײַנגעשפּאַרט, אָבער ווידערשפּרעכן קען ער נישט. — יאָ — פרידריך איז געווען אַן אויסטערלישער מענטש: ער האָט פאַרדינט דעם שם פון בעסטן קייזער באַ די דייטשן, אָבער ער האָט זיי נישט געקאָנט לײַדן, אפילו געטען און ווילאַנדן האָט ער נישט ליב געהאַט. . .“

„ראָמאַנטיזם — דאָס איז די מורא אַ קוק צו טון דעם אמת

אין די אויגן אַריין", — האָט ער געזאָגט געכטן אין אָוונט אין צוזאַמענהאַנג מיט באַלמאָנטס לידער. סאָליער האָט נישט איינגעשטימט מיט אים, און פאַרהאַקנדיק זיך כּסדר פון אויפרעגונג, האָט ער שטאַרק פּאַטעטיש איבערגעלייענט נאָך לידער.

דאָס איז נישט, ליעוואושקאַ, קיין לידער, נאָר שאַרלאַטאַניזם, פּלוידעריי, — אַן אומזיניקער געפּלעכט פון ווערטער, פּאָעזיע איז אומגעקינצלט; ווען פּעט האָט געשריבן:

— איך ווייס נישט אַליין, וואָס כ׳וועל זינגען,
אָבער אַ געזאַנג ווערט רייף —

האָט ער דערמיט אויסגעדריקט אַן עכט פאָלקס-געפיל פון פּאָעזיע. דער פויער ווייסט אויך נישט, וואָס ער זינגט, — אָך, דאַ-אוי, דאַ-איי, — און ס׳קומט אַרויס אַן עכט געזאַנג, גלייך ווי בײַ אַ פויגל, דידאָזיקע נײַע אייערע טראַכטן אַלץ אויס. ס׳זענען פּאַראַנען אַזעלכע נאַרישקייטן פראַנצויזישע „אַרטיקל דע פּאַרי", אַט דאָס זעלבע איז דאָ בײַ דײַנע גראַמענפּלעכטער, ניעקראַסאָוו האָט אויך כּסדר אויסגעטראַכט זײַנע לידלעך.

— און בעראַנזשע? — האָט געפרעגט סאָליער.

— בעראַנזשע — איז עפּעס אַנדערש! וואָסער געמיינזאַמס האָבן מיר דען מיט די פראַנצויזן? זיי זענען ערָאָטיקער; דאָס לעבן פון גייסט איז פאַר זיי נישט אַזוי וויכטיק, ווי דער קערפּער. פאַר אַ פראַנצויז איז פריער פון אַלעם — די פרוי. זיי זענען אַן אָפּגענוצט, אויסגעריבן פאָלק. דאָקטוירים זאָגן, אַז אַלע שווינדזיכטיקע זענען ערָאָטיקער.

סאָליער האָט זיך אָנגעהויבן שפּאַרן מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער גראַדליניקייט, נישט איבערקלייבעריש אַרויסוואַרפנדיק אַן אַ שיעור ווערטער. ל. נ. האָט אויף אים אַ קוק געטון און געזאָגט, ברייט שמייכלענדיק:

— דו קאַפּריזעוועסט הײַנט, ווי אַ פריילין, וועלכע דאַרף שוין חתונה האָבן, נאָר זי האָט נישט קיין חתן...

XI.

די קראַנקייט האָט אים נאָך מער צוגעטרוקנט, האָט אויס־געבדרענט אין אים עפּעס, ער איז אינערלעך אויך געוואָרן אַזוי ווי לייכטער, דורכזיכטיקער, לעבנס־אויפנעמבאַרער. די אויגן — נאָך שאַרפער, דער בליק — דורכדרינגענדער. ער הערט אויפ־מערקזאַם און גלייך ער וואָלט זיך דערמאַנט עפּעס פאַרגעסנס אָדער ער וואַרט בטחונדיק אויף עפּעס נייעס, נאָך נישט באַקאַנטס. אין יאַסנאַיאַ האָט ער זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַ מענטש, וועלכן ס'איז אַלץ באַוואוסט און ער האָט שוין נישט מער וואָס צו וויסן, — אַ מענטש מיט געלעזטע פראַגן.

XII.

ווען ער וואָלט געווען אַ פיש, וואָלט ער באַטירלעך גע־שוואומען בלויז אין אָקעאַן, קיינמאָל נישט אַריינשווימענדיק אין די אינעווייניקסטע ימים, און בפרט אין די אומגעזאַלצענע וואַסערן פון די ערדישע טייכן. דאָ טוליען זיך אַרום אים, שמייען אַרום אַזוינע קליינטשיקע פישעלעך; דאָס, וואָס ער זאָגט, איז זיי נישט אינטערעסאַנט, נישט נייטיק, און זיין שווייגן שרעקט זיי נישט, קימערט נישט. און ער שווייגט סו־געסטירנד און פאַכמעניש, ווי אַן אמתער נזיר פון עולם הזה. כאָטש ער רעדט אַ סך אויף זיינע ספּעציעלע טעמעס, אָבער ס'פילט זיך, אַז ער שווייגט נאָך מער, מאַנכעס — קען מען קיינעם נישט זאָגן. באַ אים זענען זיכער דאָ געדאַנקען, פאַר וועלכע ער האָט מורא.

XIII.

ס'האָט אים עמעצער צוגעשיקט אַ שיינעם וואַריאַנט פון דער מעשה וועגן קריסטוסעס טויפזון. ער האָט מיט הנאה געלייענט די

מעשה פאַר סוליערן, טשעכאָוון, — געלייענט וואונדערלעך! באַ
זונדער האָט ער זיך געוויילט דערמיט, ווי די שדים פייניקן ד
גוטבאַזיצער, און אָט אין דעם איז מיר עפּעס נישט געפעלן גע
וואָרן. ער קאָן נישט זיין אויפריכטיק, נאָר אויב דאָס איז
אויפריכטיק, איז נאָך ערגער.
דערנאָך האָט ער געזאָגט:
— אָט ווי שיין ס'פאַרפאַסן פויערן. אַלץ איז אייגפאַך,
קנאַפּ ווערטער, און אַ סך געפיל. אמתע קלוגשאַפט איז נישט
פילווערטערדיק, ווי אַ שטייגער — גאָספּאָדי פּאָמילוי*)
נאָר דאָס מעשהלע — איז אַ רוצחישס.

XIV.

זיין אינטערעס צו מיר איז אַן עטנאָגראַפישער אינטערעס.
איך בין אין זיינע אויגן עפּעס אַן אייגנאַרט פון אַ שבט, וואָס
איז אים ווינציק באַקאַנט, — מער נישט.

XV.

איך האָב אים געלייענט מיין דערציילונג „ביק“; ער האָט
שטאַרק געלאַכט און געלויבט דערפאַר, וואָס איך קען „די פּאָ-
קוסן פון שפּראַך“.
— אָבער איר באַגייט זיך מיט די ווערטער נישט גערונ-
גען, — אַלע פויערן רעדן באַ אייך זייער קלוג. אין לעבן רעדן
זיי נאַריש, אומגעלומפּערט, — ווערסט נישט פאַרשטיין מיטאַמאָל,
וואָס ער וויל זאָגן. דאָס ווערט געטון בכיוון, — אונטער דער
נאַרישקייט פון די ווערטער איז באַ זיי שטענדיק פאַרבאָרגן דער

---

*) גאָט דערבאַרם דיך. — איבערז.

פארלאנג צו לאָזן דעם אַנדערן זיך אויסרעדן. אַ לייטישער פויער וועט אייך קיינמאָל באַלד נישט אַרויסווייזן זיין שכל, דאָס טויג נישט פאַר אים. ער ווייסט, אַז צו אַ נאַרישן מענטש גייט מען צו פשוט, אָן כיטרעקייט, און דאָס דאַרף ער טאקע! איר שטייט פאַר אים אָפן, זעט ער גלייך אַלע אייערע שוואַכע ערטער. ער איז נישט פאַרטרוילעך, ער האָט אפילו דעם ווייב מורא צו זאָגן אַ געהיימען געדאַנק. און באַ אייך — איז אַלץ צעכראַסטעט. און אין יעדער דערציילונג איז עפּעס אַ מין אַלגעמיינער „סאַבאַר“ פון פקחים. און אַלע רעדן מיט אַפאָריזמען, דאָס איז אויך נישט ריכטיק, — דער אַפאָריזם איז נישט איינגעבוירן אין דער רוסי־שער שפּראַך.

— און פאָלקסווערטער, גלייכווערטלעך?

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. דאָס איז נישט היינט געמאַכט געוואָרן.

— פונדעסטוועגן רעדט איר אַליין אָפט מיט אַפאָריז־מען.

— קיינמאָל נישט! אַ חוץ דעם באַפּוצט איר אַלץ: הן די מענטשן, הן די נאַטור, באַזונדער — די מענטשן. אַזוי האָט געטון ליעסקאָוו, אַ שרייבער אַ משונהדיקער, אַ פלאַפּלער, אים לייענט מען שוין לאַנג נישט. גיט זיך קיינעם נישט אונטער, פאַר קיינעם האָט נישט קיין מורא, — דעמאָלט וועט זיין גוט...

XVI.

אין דעם העפטל פונם טאָגבוך, וועלכעס ער האָט מיר גע־געבן צו לייענען, האָט מיך איבערראַשט אַן אויסטערלישער אַפאָ־ריזם: „גאָט איז מיין באַגער“.

היינט, בעת איך האָט אים אומגעקערט דעם העפט, האָב איך אים געפרעגט, וואָס דאָס באַטייט.

— אַ נישט פאַרענדיקטער געדאַנק, — האָט ער געזאָגט קוקנדיק אויפן זייטל מיט פאַרמרוזשעטע אויגן. ווייזט אויס, איך

האָב געוואָלט זאָגן: גאָט איז מיין באַגער צו דערקענען אים... גיין, נישט דאָס... — ער האָט זיך צעלאַכט און, צוגויפוויקלענ־דיק דעם העפט אין אַ ראָלעכל, האָט ער אים אַריינגערוקט אין דער ברייטער קעשענע פון זיין יאַקע. מיט גאָט זענען באַ אים אומבאַשטימטע באַציונגען, אָבער טיילמאָל דערמאַנען זיי מיר די באַציונגען „פון צוויי בערן אין איין נאָרע״.

XVII.

וועגן דער וויסנשאַפט.

— „די וויסנשאַפט — איז אַ שטאַנג פון גאָלד, אויסגע־פאַרטיקט פון אַ שאַרלאַטאַן — אַן אַלכימיסט. איר ווילט זי פאַר־איינפאַכן, מאַכן זי פאַרשטענדלעך פאַרן גאַנצן פאָלק, — דאָס הייסט: אָפגיסן אַ סך פאַלשע מטבעות. ווען דעם פאָלק וועט ווערן פאַרשטענדלעך דער אמתער ווערט פון דידאָזיקע מטבעות — וועט עס אונז נישט דאַנקען״.

XVIII.

מיר האָבן געשפּאַצירט אין יוסופּאָווער פּאַרק. ער האָט גרויסאַרטיק דערציילט וועגן די מנהגים פון מאָסקווער אַריסטאָ־קראַטיע. אַ גרויסע רוסישע פויערטע האָט געאַרבעט באַ אַ קלאָמבּ, זי איז געשטאַנען איינגעבויגן, אָפּדעקנדיק די העלפאַנט־פיס, אַלע־מאָל אַ שאָקל טוענדיק מיט די צען־פונטיקע ברוסטן. ער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף איר.

— אָט דורך אַזעלכע קאַריאַטידעס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן די דאָזיקע גאַנצע הערלעכקייט און וואַנזיניקייט. נישט בלויז דורך דער אַרבעט פון די פויערן און פויערטעס, נישט בלויז דורך זיי־ער שטייער, נאָר אין ריין פשוטן זינען דורכן בלוט פון זייער פאָלק. ווען דער אַדל וואָלט פון צייט צו צייט נישט געווען זיך צונויפ־

געפֿאָרט אָט מיט אַזעלכע פערד, וואָלט ער שוין לאַנג געהאַט אויסגעשטאָרבן. אַזוי פּטרן כוחות, ווי ס'האָט געפּטרט די יוגנט פֿון מיין צייט, קאָן מען נישט אומבאַשטראָפט. נאָר נאָכן אָפּוויל־דעווען האָבן פֿיל חתונה געהאַט מיט די הויפֿישע מיידלעך און האָבן געגעבן אַ גוטן צוצוכט. אַזוי, אַז אויך דאָ האָט געראַטעוועט דער פּויערישער כּוח. ער איז אומעטום אויפֿן אָרט. און ס'איז נייטיק, אַז תּמיד זאָל אַ העלפֿט פֿון מענטשלעכן געשלעכט אויסברענגען זיינע כּוחות אויף זיך, און די אַנדערע העלפֿט זאָל זיך פֿונאַנדערמישן אין געדיכטן דאָרפֿישן בלוט און עס אויך אַ ביסל צעמישן, דאָס איז נוצלעך.

XIX.

וועגן פּרייען רעדט ער גערן און אַ סך, ווי אַ פּראַנצויזישער ראָמאַניסט, אָבער שטענדיק מיט יענער גראָבקייט פֿון אַ רוסישן פּויער, וועלכע פּלעגט מיך פֿריער נישט אָנגענעם דערדריקן. היינט האָט ער אין מיינדאַלנעם וועלדל אַ פֿרעג געטון טשעכאָוון:

— איר האָט שטאַרק אויסגעלאַסן געלעבט אין דער יוגנט?

אַ. פּ. האָט צעמישט אַ לאַך געטון און, צופּנדיק מיטן בערדל, געזאָגט עפּעס נישט דייטלעכס, אָבער ל. נ. האָט, קוקנדיק אין ים אַריין זיך מודה געווען:

— איך בין געווען אַן אומדערמידלעכער...

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט צער, באַנוצנדיק אין סוף פֿון דער פֿראַזע אַ געפּעפּערט פּויעריש וואָרט. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז ער האָט דאָסדאָזיקע וואָרט אַרויסגעברענגט אַזוי איינפֿאַך, ווי ער וואָלט כּלומרשט נישט געוואוסט צו פֿאַרבייטן עס מיט קיין פֿיינערס. און אַלע ענלעכע ווערטער, וואָס גייען אַרויס פֿון זיין האָריק מויל, קלינגען פּשוט, געוויינלעך, פֿאַרלירנדיק ערגעץ וואו זייער זעלנערישע גראָבקייט און

שמוציקייט. ס׳דערמאַנט זיך מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אים, זיין שמועס וועגן „וואַרענקאַ אָליעסאָוואַ״, 26 און איינע״. פון געוויילעכן שטאַנדפּונקט איז זיין שפּראַך געווען אַ קייט פון „נישט אַנשטענדיקע״ ווערטער, איך בין דערפון געווען אין פאַרלעגנהייט און אפילו באַליידיקט; מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האַלט מיך פאַר נישט מסוגל צו פאַרשטיין אַן אַנדער לשון. אַצינד פאַרשטיי איך, אַז באַליידיקן זיך איז געווען אַ נאַרישקייט.

XX.

ער איז געזעסן אויף אַ שטיינערנער באַנק אונטער ציפּריסן, אַ מאָגערער, אַ קליינטשיקער, אַ גרויער און, דאָך ענלעך צו אַן אל צבאות, וועלכער איז עטוואָס מיד געוואָרן און פאַרווײַלט זיך, געפּרוּווונדיק באַכצופּייפן אַ פינק. דער פויגל האָט געזונגען אין געדיכטעניש פון טונקעלער גרינקייט, ער האָט געקוקט אַהין, פאַרמרוזשענדיק די שאַרפע אויגן, און, ווי אַ קינד, צונויפלייגנדיק די ליפּן אין אַ שנאָבעלע, שלעכט צוגעפייפט.

— ווי ס׳צעלאָזט זיך דאָס פּישטשערל! ס׳גאָרגלט זיך. אַ וואָסערס איז דאָס?

איך האָב דערציילט וועגן דעם פינק און וועגן געפיל פון אייפערזיכט, וואָס ס׳פאַרמאָגט דערדאָזיקער פויגל.

— אויפן גאַנצן לעבן איין ליד, און — אייפערזיכטיק. דער מענטש האָט הונדערטער לידער אין זיין נשמה, אָבער אים טאַדלט מען פאַר אייפערזיכטיקייט — איז דאָס יושרדיק? — האָט ער פאַרטראַכט און אַזוי ווי פאַר זיך אַליין געפרעגט. — ס׳זענען פאַרהאַנען אַזעלכע מינוטן, ווען אַ מאַנסביל זאָגט אַ פרוי מער, וויפיל זי דאַרף וועגן אים וויסן. ער האָט געזאָגט — און פאַרגעסן, אָבער זי געדענקט. ס׳קען זיין, אייפערזוכט קומט פון דער מורא צו דערנידעריקן די נשמה, פון דער שרעק צו זיין דערנידעריקט און קאָמיש? געפערלעך איז נישט יענע באַבע, וואָס האַלט באַ דעם..., נאָר וואָס — באַ דער נשמה.

ווען איך האָב געזאָגט, אַז אין דעם פּילט זיך אַ סתירה צו „קרייצער־סאָנאַטע", האָט ער צעלאָזט איבער דער גאַנצער באָרד אַ שטראַל פון אַ שמייכל און געענטפערט:

— איך בין נישט קיין פּינק.

אינאָוונט, בעתן שפּאַציר, האָט ער אומגעריכט אַ זאָג געטון:

— דער מענטש לעבט איבער ערד־ציטערנישן, עפּידעמיעס, די גרוילן פון קראַנקייטן און כּלערליי עינויים פון דער נשמה, נאָר אין אַלע צייטן איז פאַר אים די פּיינלעכסטע טראַגעדיע געווען, איז און וועט זיין — די טראַגעדיע פון שלאָפצימער.

זאָגנדיק דאָס, האָט ער געשמייכלט טריומפירנדיק, — בּאַ אים באַווייזט זיך טיילמאָל אַזאַ ברייטער, רויקער שמייכל פון אַ מענטש, וועלכער האָט מנצח געווען עפּעס געוואַלטיק שווערס, אָדער וועלכן ס'האָט לאַנג געמאַטערט אַ שאַרפער ווייטיק און פּלוצלינג — איז ער נישטאָ. יעדער מחשבה שטעכט זיך אַריין אין זיין האַרץ אַקוראַט ווי אַ קלעשטש. אָדער ער רייסט זי אָפּ מיט אַמאָל, אָדער ער לאָזט זי זיך אָנטרינקען מיט בלוט אײַבער געניג, און, ווערנדיק צייטיק, פאַלט זי אומבאַמערקט אַליין אַראָפּ.

דערציילנדיק מיט עקזאַלטאַציע וועגן סטאָיציזם, האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגעכמורעט, אַ סמאָטשק געטון מיט די ליפּן און שטרענג געזאָגט:

— סטעגאַנאָיע, אָבער נישט סטיעזשאַנאָיע; ס'זענען דאָ צייטווערטער סטיעגאַט און סטיאַזשאַט, אָבער קיין צייטוואָרט סטיעשאַט איז נישטאָ...

דידאַקטיק פראַזע האָט נאַטירלעך נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער פילאָזאָפיע פון די סטאָיקער. באַמערקנדיק, אַז איך גאַף, האָט ער איילִיק אַ זאָג געטון, אַ שאָקל געבנדיק מיטן קאָפּ אויף דער טיר פון דעם שכנותדיקן צימער:

— זיי זאָגן דאָרט: סטיעזשאַנאָיע אָדיעיאַלאָ!

און האָט פאַרגעזעצט:

— און דער לאַקריצדיקער פּלוידערזאַק רענאַן...

נישט זעלטן פלעגט ער מיר זאָגן:

— איר דערציילט שיין — מיט אייגענע ווערטער, שטאַרק, נישט ביכלמעסיק.

אָבער כמעט שטענדיק האָט ער באַמערקט נאַכלעסיקייטן פון דער שפּראַך און גערעדט מיט אַ האַלב קול, אַזוי ווי פאַר זיך:

— פּאָדאָבנאָ און דערלעבן — אַבסאָליוטנאָ, ווען מ׳קאָן זאָגן — סאָווערשענגאָ!

טיילמאָל ווידער האָט ער געהאַט פאַריבל:

— כליפּקי סוביעקט — צי קאָן מען שטעלן איבייבעם אַזעל־כע לויטן גייסט נישט ענלעכע ווערטער! נישט גוט...

זיין עמפּינדלעכקייט צו שפּראַך־פאָרמען האָט זיך מיר צייטנ־ווייז אויסגעוויזן אַלס אַ קרענקלעך־שאַרפע; איינמאָל האָט ער גע־זאָגט:

— בּאַ אַ געוויסן שרייבער האָב איך געטראָפן אין איין פראַזע קאָשקאַ און קישקאַ — העסלעך! ס׳האָט מיך שיער נישט אַ חלשות אָנגענומען.

טיילמאָל האָט ער געחקירהט:

— פּאָדאָזשדיאָם און פּאָד דאָזשדיאָם — סאַראַ צוזאַמענ־האַנג?

אָפטער פון אַלעם פלעגט ער רעדן וועגן דאָסטאָיעווסקיס שפּראַך:

— ער האָט געשריבן אומגעלומפּערטע און אפילו אומישנע נישט שיין, — איך בין זיכער, אַז אומישנע, פון קאָקעטעריי. ער האָט געמאַכט חנדלעך: אין „אידיאָט" איז בּאַ אים פאַרהאַן: „אין דעם חוצפּהדיקן צושטיין און אָפּישירן די באַקאַנטשאַפט" — איך מיין, ער האָט בכיוון פאַרדרייט דאָס וואָרט אָפּישירן, ווייל עס איז אַ פרעמדס פון מעריב. אָבער בּאַ אים קען מען געפינען אומפאַרציילעכע פעלערן: דער אידיאָט זאָגט: „דער אייזל איז אַ גוטער און נוצלעכער מענטש", אָבער קיינער לאַכט נישט, הגם דידאָזיקע ווערטער מוזן אומפאַרמיידלעך אַרויסרופן אַ געלעכטער אָדער עפּעס אַ באַמערקונג. ער זאָגט עס אין דער אָנוועזנהייט

פון די דריי שוועסטערן, און זיי האָבן אים ליב געהאַט אויסצו־לאַכן. בפרט אַגלאַיאַ. דאָסדאָזיקע בוך האָלט מען פאַר שלעכט, אָבער דער עיקר, וואָס דערין איז שלעכט, איז דאָס, וואָס דער פירשט מישקין איז — אַן עפּילעפּטיקער. וואָלט ער געווען גע־זונט — וואָלט זיין האַרציקע נאַיוויטעט, זיין ריינקייט אונז שטאַרק גערירט. אָבער אויף צו געבן אים אַ געזונטן, האָט דאָסטאָיעווסקין אויסגעפעלט מוט. און ער האָט גאָר נישט ליב געהאַט קיין גע־זונטע מענטשן. ער איז געווען זיכער, אַז אויב ער אַליין איז קראַנק — איז די גאַנצע וועלט קראַנק...

ער האָט געלייענט פאַר סוליערן און מיר אַ וואַריאַנט פון דער סצענע פון דעם „פאָטער סערגיס" פאַלן — אַן אומרחמנות־דיקע סצענע. סוליער האָט אָנגעבלאָזן די ליפּן און אויפגערעגט אָנגעהויבן זיך דרייען.

— וואָס איז דיר? ס'געפעלט נישט? — האָט גע־פרעגט ל. נ.

— שוין צו גרויזאַם, גלייך ווי באַ דאָסטאָיעווסקין. דאָסדאָ־זיקע צעפוילטע מיידל, מיט די ברוסטן, ווי די בלינצעס, און אַלץ. פאַרוואָס האָט ער נישט געזינדיקט מיט אַ שיינער פרוי, אַ געזונטער?

— דאָס וואָלט געווען אַ זינד אָן אַ פאַרענטפער, און אַזוי — קאָן מען זיך פאַרענטפערן מיט רחמנות צום מיידל — ווער ווער זי וועלן, אַזעלכע!

— איך פאַרשטיי דאָס נישט...

— דו פאַרשטייסט נישט אַ סך זאַכן, ליעוואושקאַ, דו ביסט נישט קיין פּיפּיקער...

ס'איז אַריינגעקומען אַנדרעי לוואָוויטשס פרוי, דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן, און ווען זי מיט סוליערן זענען אַוועק־געגאַנגען אין דער אָפיצינע אַריין, האָט ל. נ. מיר גע־זאָגט:

לעאָפּאָלד — דאָס איז דער ריינסטער מענטש, וואָס איך

קאָן. ער איז אויך אַזוי: אויב ער וועט טון שלעכטס, איז — פֿון רחמנות צו עמעצן.

XXI.

מער פֿון אַלץ רעדט ער וועגן נאָט, וועגן פֿויער און וועגן דער פֿרוי. וועגן ליטעראַטור — זעלטן און קנאַפּ, אַזויווי ליטעראַטור וואָלט פֿאַר אים געווען אַ פֿרעמדער ענין. צו דער פֿרוי באַציט ער זיך, לויט מיין מיינונג, ניט צום שלום מאַכן — פֿיינדלעך און האָט ליב צו באַשטראָפֿן זי, — אויב זי איז נישט קיטי און נישט נאַטאַשאַ ראָסטאָוואַ, דאָס הייסט, אַ נישט גענוג באַגרעניצט וועזן. איז דאָס אַ שנאה פֿון אַ מאַנסביל, וועלכער האָט נישט באַוויזן אויסצושעפּן אַזוי פֿיל גליק, וויפֿיל ער האָט געקענט, אָדער די פֿיינדשאַפֿט פֿון גייסט קייגן די „דערנידערנדיקע אימפּולסן פֿון קערפּער?” אָבער דאָס איז — אַ שנאה און — אַ קאַלטע, ווי אין „אַננאַ קאַרענינאַ”. וועגן די „דערנידערנדיקע אימפּולסן פֿון קערפּער” האָט ער פֿיין גערעדט זונטיק, שמועסנדיק מיט טשעכאָוון און יעלפּאַטיעווסקין אין צוזאַמענהאַנג מיטן „ווידוי” פֿון רוסאָ. סולייער האָט פֿאַרשריבן זיינע ווערטער, נאָר נאָכדעם, בעת ער האָט אויפֿגעקאָכט קאַווע, האָט ער אונטערגעצונדן דאָס צעטעלע אויף דער ספּירט=מאַשינקע. און אַ פֿריערדיק מאָל האָט ער פֿאַרברענט די מיינונג פֿון ל. נ. וועגן איבסענען און פֿאַרלוירן דאָס צעטעלע וועגן סימבאָליזם פֿון חתונה=צערעמאָניעס, און ל. נ. האָט געזאָגט וועגן זיי זייער אַפּיקורסישע זאַכן, צונויפֿטרעפֿנדיק זיך אין געוויסע פּונקטן מיט וו. וו. ראָזאַנאָוון.

XXII.

איגדערפֿרי זענען געווען שטודיסטן פֿון פֿעאָדאָסיע, און היינט אַ גאַנצן טאָג רעדט ער מיט התפּעלות וועגן די בויערז

באַם פּרישטיק, „זיי זענען געקומען, — בייז'ע אַזוינע שטאַר־קע, פּעסטנעבויטע; איינער זאָגט: „אַט זענען מיר געקומען אומ־געבעטן", און דער אַנדערער — „און מיר ווילן, מיט גאָטס הילף, אַוועקגיין נישט צעטרעטן". און ער האָט זיך צעגאָסן אין אַ קינ־דעריש געלעכטער, ער ציטערט אַזש איינגאַנצן.

נאָכן פּרישטיק, אויף דער טעראַסע:

— באַלד ווילן מיר אינגאַנצן אויפהערן צו פאַרשטיין די שפּראַך פון פאָלק: מיר זאָגן, למשל: „די טעאָריע פון פּראָגרעס". „די ראָלע פון דער פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע", „די עוואָלוציע פון דער וויסנשאַפט", „דיזענטעריע" און דער פּויער זאָגט: „אַן אָל אין אַ זאַק וועסטו נישט באַהאַלטן", און אַלע טעאָריעס, היסטאָריעס, עוואָלוציעס ווערן נעבעכדיק, קאָמיש, ווייל זיי זענען אומפאַרשטענדלעך און נישט נייטיק דעם פאָלק, — אָבער דער פּויער איז שטאַרקער פון אונז, ער איז לעבנספעיקער, און מיט אונז קאָן אפשר געשען דאָס אייגענע, וואָס ס'איז געשען מיטן שבט אַשור, וועגן וועלכן מען האָט געזאָגט עפּעס אַ געוויסן געלערנטן: „אַלע אַשורים זענען אויסגעשטאָרבן, אָבער דאָ איז פאַרהאַן אַ פּאָפּוגאַי, וואָס קען עטלעכע ווערטער פון זייער שפּראַך".

XXIII.

מיטן קערפּער איז די פרוי אויפריכטיקער פונם מאַנסביל, אָבער די געדאַנקען זענען בײַ איר פאַלשע. אָבער ווען זי זאָגט ליגנט — גלייבט זי זיך נישט, און רוסאָ האָט געזאָגט ליגנט — און געגלייבט".

XXIV.

דאָסטאָיעווסקי האָט אָנגעשריבן וועגן איינעם פון זיינע משוגענע פּערסאָנאַזשן, אַז ער לעבט, נעמענדיק נקמה אין זיך

און אין אַנדערע דערפֿאַר, וואָס ער האָט געדינט צו דעם, אין וואָס ער האָט נישט געגלייבט. דאָס האָט ער וועגן זיך גופא אָנגעשריבן, ד. ה. דאָס אייגענע וואָלט ער געקענט זאָגן וועגן זיך אַליין".

XXV.

ער האָט ליב צו שטעלן שווערע און פֿאַראינטריגירנדע פֿראַגן

— וואָס קלערט איר וועגן זיך?

— איר האָט ליב אייער ווייב?

— וויאַזוי איז אייער מיינונג, מיין זון ליעוו — איז טאַלענטירט?

— אייך געפעלט סאָפיאַ אַנדרעיעוונאַ?

זאָגן ליגנט פֿאַר אים קען מען נישט.

איינמאָל האָט ער געפרעגט:

— איר האָט מיך ליב, אַ. מ.?

דאָס איז וואוילייגערישקייט פֿון אַ גבור: אַזוינע שפּילן האָט געשפּילט אין זיין יוגנט וואַסקאַ בוסלאַיעוו, דער נאָווגאָראָדער וואוילערייונג. ער „פּאַרשט אויס" ער פּרוווט אַלץ עפּעס, גלייך ער וואָלט זיך געקליבן צו שלאָגן זיך. דאָס איז אינטערעסאַנט, פֿונדעסטוועגן, — נישט איינגאַנצן מיר צום האַרץ. ער איז — אַ שד, נאָר איך בין נאָך אַ קליין קינד, און ער דאַרף מיך נישט טשעפּען.

XXVI.

קען זיין, דער פּויער איז פֿאַר אים פּשוט אַ שלעכטער ריח, ער פֿילט אים שטענדיק און נישט ווילנדיק מוז ער רעדן וועגן אים.

נעכטן אינאָוונט האָב איך אים דערציילט וועגן מיין געשלעג מיט דער גענעראַלעכע קאָרנע, ער האָט געלאַכט ביז'ן טרערן, ביז ווייטיק אין דער ברוסט, האָט געקרעכצט און אַלץ צוגעשריגן דיניטשקע:

— מיט אַ לאָפּעטע! איבערן... מיט אַ לאָפּעטע, האַ! טאָקע איבערן סאַמע... און — אַ ברייטע לאָפּעטע?

דערנאָך, אָפּזיפצנדיק, האָט ער געזאָגט ערנסט:

— איר האָט נאָך גרויסמוטיק אַ קלאַפּ געטון, אַן אַנדערער — וואָלט איבערן קאָפּ אַ זעץ געטון דערפאַר. זייער גרויסמוטיק. איר האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אייך געוואָלט?

— איך געדענק נישט; איך מיין, כ'האָב נישט פאַרשטאַנען...

— נו, ווי דען! ס'איז קלאָר. געוויס אַזוי.

— נישט מיט דעם האָב איך דעמאָלט געלעבט...

— מיט וואָס געלעבט — איז אַלץ איינס! איר זענט, ווי ס'זעט אויס, נישט קיין גרויסער ווייבערניק. אַן אַנדערער וואָלט שוין פון דעם געמאַכט אַ קאַריערע, וואָלט געוואָרן אַ הויזאייגנטימער און זיך געוואַלגערט אין די רינשטאָקן צוזאַמען מיט איר.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן:

— איר זענט אַ קאָמישער. באַליידיקט זיך נישט, — זייער אַ קאָמישער! און ס'איז זייער מאָדנע, וואָס איר זענט פונדעסטוועגן אַ גוטער, האָבנדיק דאָס רעכט צו זיין שלעכט. יאָ, איר וואָלט געמעגט זיין אַ שלעכטער. איר זענט אַ שטאַרקער, דאָס איז גוט...

און דערנאָך, שווייגנדיק אַ ביסל, האָט ער צוגעגעבן פאַרטראַכט:

— אייער שכל פאַרשטיי איך נישט — זייער אַ פאַרפּלאָנטערטער שכל, נאָר אָט דאָס האַרץ איז בײַ אייך אַ קלוגס... יאָ, דאָס האַרץ איז אַ קלוגס!

אָנמערקונג. בעת איך האָב געוואוינט אין קאַזאַן, האָב איך אָנגענומען אַ שטעלע אַלס הויזוועכטער און גערטנער בײַ דער גענעראַלעכע קאָרנע. דאָס איז געווען אַן אַלמנה פון אַ גענעראַל, אַ יינגע פרוי, אַ דיקע, אויף פיצעלעך פיסעלעך פון אַ קליין מיידל; זי האָט געהאַט וואונדערלעך שיינע אויגן, אומרויִקע, תמיד גיריק אָפענע. איך מיין, אַז ביז דער חתונה איז זי געווען אַ הענדלערקע אָדער אַ קעכין, ס׳קאָן זיין, אפילו „אַ מיידעלע צום משמח זיין״. פונדערפרי אָן פלעגט זי זיך אָנשכורן און אַרויסגיין אויפן הויף אָדער אין סאָד אין בלויזן העמד, אין אַן אָראַנזש־שלאָפראָק פונאויוון, אין רויטע טאָטערישע סאַפיאַנען־שיכלעך, און אויפן קאָפּ אַ טשופּרינע פון געדיכטע האָר. נאַכלעסיק פאַרקעמטע, זענען זיי איר אַראָפּגעפאַלן אויף די ראָזע באַקן און אַקסלען. אַ יינגע מכשפה. זי איז אַרומגעגאַנגען איבערן סאָד, צוזינגענדיק פראַנצויזישע לידלעך, האָט געקוקט, ווי איך אַרבעט, און פון צייט צו צייט, צוגייענדיק צום פענצטער פון קיך, האָט זי נעבעטן:

— פּאָלין, גיט מיר עפּעס.

„עפּעס״ איז שטענדיק געווען דאָס זעלביקע — אַ גלאָז ווײַן מיט אייז...

אין פּאַרטער פון איר הויז האָבן געוואוינט דריי פריילינס — יתומות, די פירשטינס ד.—ג.; זייער פאָטער, אַן אינטענדאַנט — אַ גענעראַל איז ערגעץ וואו אַוועקגעפאַרן, די מוטער איז געשטאָרבן. די גענעראַלעכע קאָרנע האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף די פריילינס און זיך באַמיט זיי אַרויסצופּטרן פון דער דירה, טוענדיק זיי פאַרשידענע להכעיסן. רוסיש האָט זי גערעדט שלעכט, נאָר זיך געזידלט אויסגעצייכנט, ווי אַ גוטער לאַסט־באַלעגאָלע. מיר איז זייער נישט געפעלן איר באַציִונג צו די אומשולדיקע פריילינס, — זיי זענען געווען אַזעלכע טרויעריקע, פון עפּעס איבערגעשראָקענע, אומבאַשיצטע. איינמאָל אַרום מיטאָג־צייט האָבן צוויי פון זיי געשפּאַצירט אין סאָד, פּלוצלינג איז אָנגעקומען די גענעראַלעכע, ווי תמיד אַ שכורע, און אָנגעהויבן שרייען אויף זיי, אַרויסטרײַבנדיק פון סאָד. זיי האָבן שווײַגנד זיך געלאָזט גיין,

אָבער די גענעראַלעכע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין טירל, פאַר־שטאָפּנדיק עס מיט זיך, ווי מיט אַ קאָרק, און אָנגעהויבן זאָגן זיי יענע ערנסטע רוסישע ווערטער, פון וועלכע אַפילו פערד צי־טערן אויף. איך האָב זי אַ בעט געטון אויפצוהערן זידלען און דורכלאָזן די פריילינס, זי האָט אַ געשריי געטון:

— איך קען דיך! דו — זיי קריכסט פענצטער, ווען ס'איז נאַכט...

איך בין בייז געוואָרן, אָנגענומען זי בײַ דער פלייצע און אַוועקגעפירט פון טירל, אָבער זי האָט זיך אויסגעריסן, זיך אויס־געדרייט צו מיר מיטן פנים און, שנעל צעכראַסטנדיק דעם כאַ־לאַט, אויפהייבנדיק דאָס העמד, האָט זי אַ קוויטש געטון:

— איך בין שענער די שטשורעס!

דעמאָלט בין איך ענדגילטיק אין כעס געוואָרן, האָב זי אויסגעדרייט מיטן הינטן צו זיך און איר אַ קלאַפּ געטון מיט דער לאַפּעטע נידעריקער פונם רוקן, אַזוי, אַז זי האָט אַ שפּרונג געטון צום טירל און געגומען לויפן איבערן הויף, זאָגנדיק דריי מאָל מיט גרויס פאַרוואונדערונג:

— אָ! אָ! אָ!

נאָכדעם האָב איך אָפּגענומען דעם פּאַספּאָרט בײַ איר אַדיו־טאַנטין, פּאָלינע, אַ באַבע אויך אַ שכורע, נאָר זייער אַ כיט־רע, — האָב גענומען אונטערן אָרעם דאָס טלומעקל מיט מיין פאַרמעגן און בין אַוועקגעגאַנגען פון הויז; און די גענעראַלעכע, שטייענדיק באַם פענצטער מיט אַ רויט טיכל אין דער האַנט, האָט מיר נאָכגעשריגן:

— איך נישט רופן פּאָליץ — גאָרנישט — הער! קום נאָך צוריק... מען דאַרף נישט מורא האָבן...

XXVII.

איך האָב אים געפרעגט:

— איר זענט איינשטימיק מיט פּאַזנישעוון, ווען ער זאָגט,

אַז דאָקטוירים האָבן אומגעברענגט און ברענגען אום טויזנטער און הונדערטער טויזנטער מענטשן.

— און איך אינטערעסירט זייער דאָס צו וויסן?

— זייער.

— וועל איך נישט זאָגן!

און האָט אַ לאַך געטון, שפּילנדיק זיך מיט די גרויסע פינגער פון זיינע הענט.

ס'דערמאָנט זיך מיר, — אין איינער פון זיינע דערציילונגען איז דאָ אַזאַ פאַרגלייך צווישן אַ דאָרפישן רופא מיט אַ דאָקטאָר מעדיצין:

„די ווערטער „מערידן", „לאָזן בלוט" א. ד. גל. זענען דען נישט דיזעלביקע בערוון, רעוומאַטיזמען, אָרגאַניזמען א. אַז. וו".

און דאָס איז געזאָגט געוואָרן נאָך דזשענערן, בירינגן, פּאַסטערן. דאָס הייסט אַן עזותניק!

XXVIII.

די מאָדנע דאָס איז, וואָס ער האָט ליב צו שפּילן אין קאָרטן. ער שפּילט ערנסט, זיך היצנדיק. און די הענט ווערן באַ אים אַזעלכע נערוועזע, ווען ער נעמט די קאָרטן, גלייך ער וואָלט לעבעדיקע פייגל געהאַלטן אין די פינגער, און נישט קיין שטיקלעך טאָוול.

XXIX.

— דיקענס האָט זייער קלוג געזאָגט: „דאָס לעבן איז אונז געגעבן געוואָרן מיטן אומבאַדינגטן תנאי מוטיק עס צו פאַרטיידיקן ביז דער לעצטער מינוט". בכלל אָבער איז דאָס געווען אַ סענטימענטאַלער שרייבער, אַ פּלוידערזאַק, און נישט קיין קלוגער. איבריקנס, ער האָט געקענט אויפבויען אַ ראָמאַן, ווי קיינער,

און בעווייס שוין בעסער פון באַלזאַקן. ס'האָט עפּעס עמעצער געזאָגט: „די ליידנשאַפט צו שרייבן פאַרמאָגן אַ סך, אָבער נאָר זעלטענע שעמען זיך מיט איר דערנאָך". באַלזאַק האָט זיך נישט געשעמט און דיקענס — דעסגלייכן, אָבער ביידע האָבן אָנגעשריבן נישט ווייניק שלעכטס. און פונדעסטוועגן איז באַלזאַק — אַ גאון, ד. ה. דאָס זעלבע, וואָס מען קען עס אַנדערש נישט אָנרופן — אַ גאון...

עמעצער האָט געברענגט ליעוו טיכאָמיראָווס ביכל „פאַרוואָס בין איך געוואָרן אויס רעוואָלוציאָנער", — ליעוו ניקאָלאַיעוויטש האָט עס גענומען פון טיש און געזאָגט, פאָכענדיק מיטן ביכל אין דער לופט.

— דאָ איז גוט געזאָגט וועגן די פּאָליטישע מאָרדן, וועגן דעם, אַז דערדאָזיקער סיסטעם האָט נישט אין זיך קיין קלאָרע אידעע. אַזאַ אידעע, זאָגט אַן אויסגעניכטעטער מערדער, קאָן זיין בלויז די אַנאַרכישע אַלהערשאַפט פון דער פערזענלעכקייט און די פאַראַכטונג צו דער געזעלשאַפט, צו דער מענטשהייט. דאָס איז אַ ריכטיקער געדאַנק, אָבער די אַנאַרכיסטישע אַלהערשאַפט איז — אַ גרייז, מען האָט געדאַרפט זאָגן — די מאָנאַרכיסטישע. ס'איז אַ גוטע, ריכטיקע אידעע, אויף איר וועלן זיך אָנשלאָגן אַלע טעראָריסטן, איך רעד וועגן די ערלעכע. ווער ס'האָט פון דער נאַטור ליב צו דערהרגענען, — דער וועט זיך נישט אָנשלאָגן. פאַר אַזעלכן איז נישטאָ אויף וואָס זיך אָנצושלאָגן, נאָר ער איז פשוט אַ מערדער, און צופעליק אַריינגעפאַלן צווישן טעראָריסטן...

XXX.

טיילמאָל איז ער זעלבסטצופרידן און אומפאַרטראָגלעך, ווי אַ סעקטאַנט—אַ פאַנאַטיקער פון הינטער דער וואָלגע, און דאָס איז שרעקלעך אין אים, דעם אַזוי הילכיקן גלאָק פון דערדאָזיקער וועלט. נעכטן האָט ער מיר געזאָגט:

— איך בין מער פויער פון אייך און כ'פיל בעסער פויעריש ווי איר.

אָ, גאָט! ער דאַרף זיך נישט רימען דערמיט, ער דאַרף נישט!

XXXI.

כ'האָב אים איבערגעלייענט סצענעס פון דער דראַמע „אויפן דנאָ"; ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט, נאָכדעם געפרעגט:

— צוואָס שרייבט איר דאָס?

איך האָב דערקלערט, ווי אַזוי כ'האָב געקענט.

— אומעטום איז בײַ אייך צו באַמערקן דער העניכערישער ארויפשפרונג אויף אַלעם. און נאָך — איר ווילט אַלץ פאַרשמירן אַלע שפּאַרעס און שפּאַלטן מיט אייער פאַרב. געדענקט, אַנדערסען זאָגט: „די אָפּגעגילדקייט וועט זיך אָפּרייבן, די חזרשע פעל וועט בלייבן", און בײַ אונז זאָגן די פויערן: — „אַלץ וועט פאַרגיין, נאָר דער אמת וועט באַשטיין". ס'איז בעסער נישט צו פאַרשמירן, וואָרים פאַר אייך אַליין וועט דערנאָך שלעכט זיין. אחוץ דעם איז די שפּראַך זייער אַ גלאַטיקע, מיט פּאָקוסן, דאָס טויג נישט. מען דאַרף שרייבן איינפאַכער, דאָס פאָלק רעדט פּראָסט, אפילו אַזויוי נישט בינדיק, אָבער — גוט. אַ פויער וועט נישט פרעגן: „פאַרוואָס איז אַ דריטל מער פון אַ פערטל, ווען פיר איז שטענדיק מער פון דריי", ווי ס'האָט געפרעגט איין געבילדעטע פריילין. קיין פּאָקוסן — באַדאַרף מען נישט.

ער האָט גערעדט אומצופרידן, אַפּנים, אים איז זייער נישט געפעלן געוואָרן, וואָס איך האָב איבערגעלייענט. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, קוקנדיק פאַרביי מיר, האָט ער ברוגזדיק געזאָגט:

— דער אַלטער איז בײַ אייך — אַ נישט סימפּאַטישער, אין זיין גוטסקייט — גלייבט זיך נישט. דער אַקטיאָר, נישקשה, גוט. איר קענט די „פרוכטן פון בילדונג?" בײַ מיר איז דאָרט דער

קאָכער עָנלעך צו אייער אַקטיאָר. שרייבן דראַמען איז שווער! די פּראָסטיטוטקע איז אויך געלונגען, אַזעלכע דאַרפן זיין. איר האָט געזעען אַזעלכע?

— כ׳האָב געזעען.

— יאָ, דאָס באַמערקט זיך. דער אמת לאָזט זיך דערקענען אומעטום. איר רעדט זייער פיל פון זיך, דעריבער — איז בא אייך נישטאָ קיין כאַראַקטער, נאָר אַלע פערזאָנען — זענען איין פּער־זאָן. קיין פרויען פאַרשטייט איר, משמעות נישט, זיי געלונגען אייך נישט, קיין איינציקע. מען געדענקט זיי נישט...

ס׳איז אַריינגעקומען דאָס ווייב, א. ל., און איינגעלאַדן צו טיי; ער איז אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין אַזוי שנעל, ווי ער וואָלט זיך דערפרייט צו קענען פאַרענדיקן דעם שמועס.

XXXII.

— וואָס איז געווען דער סאַמע שרעקלעכסטער חלום, וועלכן איר האָט געהאַט?

איך זע זעלטן און געדענק שלעכט חלומות, נאָר צוויי חלומות זענען פאַרבליבן אין זכרון, מסתמא, אויפן גאַנצן לעבן.

איינמאָל האָב איך געזעען עפּעס אַ שקראָפלדיקן הימל, פון אַ גרינלעך-געלן קאָליר, שטערן זענען אין אים געווען קיי־לעכיקע, פלאַטשיקע, אָן שטראַלן, אָן אַ גלאַנץ, ענלעך צו בלאָ־טערן אויף דער הויט פון אַ בלוט-קראַנקען. צווישן זיי האָט איבערן פוילנדיקן הימל זיך געגליטשט, נישט אייליק, אַ רויטלעכער בליץ, זייער אָן ענלעכער צו אַ שלאַנג, און ווען ער האָט אָנגערירט אַ שטערן — איז דער שטערן, באַלד אויפבלאָזנדיק זיך, געוואָרן אַ באַלעם און האָט געפּלאַצט אָן אַ קלאַנג, איבערלאָזנדיק אויף זיין אָרט אַ טונקעלן פלעק — ממש אַ רויכל, — וועלכער איז שנעל פאַרשוואונדן אין דעם אייטערדיקן, שיטערן הימל. אַזוי האָבן איינער נאָכן אַנדערן געפּלאַצט און זענען פאַרשוואונדן אַלע שטערן,

דער הימל איז געוואָרן פינצטערער, שרעקלעכער, דערנאָך — האָטערזיך צונויפגעקנוילט, אויפגעקאָכט און ווערנדיק צעריסן אויף שטיקער, אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן מיר אויפן קאָפּ ווי אַ שיטערע מאַסע און אין די דורכגעריסענע ערטער צווישן די שטיקער האָט זיך באַוויזן אַ גלאַנציקע שוואַרצקייט פון דאַך־אייזן. ל. ב. האָט געזאָגט:

— נו, דאָס איז באַ אייך פון אַ געלערנט ביכל, איר האָט איבערגעלייענט עפּעס פון אַסטראָנאָמיע, האָר איר געהאַט אַ קאָש־מאַר. און דער צווייטער חלום?

דער צווייטער חלום איז: אַ שניי־פלאַך, אַ גלאַטיקע, ווי אַ בויגן פּאַפּיר, אין ערגעץ קיין בערגל, קיין בוים, קיין קוסט, בלויז, קוים צום באַמערקן, שטאַרן אַרויס פון אונטערן שניי אַפּער ריטלעך. איבערן שניי פון דער טויטער מדבר פּלאָסטערט זיך אין אַ געלן פּאַס אַ קוים אָנגעצייכנטער וועג, און איבערן וועג שפּרייזן לאַנגזאַם גרויע, פילצענע שטיוול — ליידי־קע.

ער האָט אויפגעהויבן די גראָבע נאָכהענגענדיקע ברעמען פון אַ וואַלד־שד, אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף מיר, אַ קלער געטון.

— דאָס איז שרעקלעך! איר האָט אינדערעמתן דאָס גע־זעען, איר האָט נישט אויסגעקלערט? דאָ איז אויך פאַרהאַן עפּעס ביכלדיקס.

און פּלוצלינג, ווי ער וואָלט בייז געוואָרן, האָט ער אָנגע־הויבן רעדן אומצופרידן, שטרענג, צוקלאַפּנדיק מיטן פינגער איבער דער קני.

— איר שכורט דאָך נישט? און ס'זעט נישט אויס, אַז איר זאָלט אַמאָל טרינקען אַ סך. און אין דידאָזיקע חלומות איז פאַנ־דעסטוועגן פאַרהאַן עפּעס שכורדיקס. ס'איז געווען אַ דייטשער שרייבער האָפמאַן, באַ אים זענען קאָרטן־טישן געלאָפן איבער די גאַסן, און אַלץ אויף אַזאַ שטייגער, איז ער געווען אַ שכור, — אַ „קאַלאָהאָליק", ווי ס'זאָגן די וואוילקענעוודיקע קוטשערס.

לײדיקע שטיוול גײען — דאָס איז, באמת, שרעקלעך! אויב איר האָט אפילו אויסגעקלערט — איז זײער גוט, שרעקלעך!

אומגעריכט האָט ער אַ שמײכל געטון אין דער גאַנצער באָרד אַרײַן, אַזוי, אַז אפילו די באַקן־בײנער האָבן אויפגעשײַנט.

— אָבער שטעלט אײַך נאָר פֿאָר: פלוצלינג לויפט איבער טווערסקי אַ קאַרטן־טיש, אַזעלכער — מיט אויסגעבויגענע פיסלעך, די ברעטער קלאַפּן באַ אים צו און שטויבן מיט קרײד, אפילו די ציפערן אויפן גרינעם טוך זעט מען נאָך אָן, — דאָס האָבן אויף אים אַקציז־באַאַמטע דרײַ מעת לעת נאָכאַנאַנד אין ווינט געשפילט, ער האָט מער נישט אויסגעהאַלטן און איז אַנטלאָפן.

ער האָט געלאַכט און, משמעות, באַמערקט, אַז איך בין זיך אַ ביסל מצער פון זײַן נישט גלײבן מיר:

— איר זענט באַלײדיקט, וואָס אײערע חלומות האָבן זיך מיר אויסגעוויזן ביכלדיקע? באַלײדיקט זיך נישט, איך ווײס, אַז טײלמאָל קען מען אומבאַמערקט אויסטראַכטן אַזעלכעס, וואָס מען קאָן נישט אָננעמען, מ׳קאָן בשום אופן נישט, און ס׳דאַכט זיך, אַז מען האָט עס געזען אין חלום, און לחלוטין נישט אַלײן אויסגעקלערט. אײן אַלטער גוטבאַזיצער דערצײלט, אַז ער איז אין חלום געגאַנגען דורך אַ וואַלד, איז אַרויסגעקומען אויף אַ סטעפּ און זעט: אויף דעם סטעפּ זענען דאָ צווײ בערגלעך און פלוצלינג זענען זײ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווײבערישע ציצקעס, און צווישן זײ הײבט זיך אויף אַ שוואַרץ געזיכט, אויפן אָרט פון אויגן איז דערויף דאָ צווײ לבנות, ווי אַ בעלמע, ער אַלײן שטײט צווישן די פיס פון דער פרוי, און פאַר אים — אַ טיפער שוואַרצער טאָל — זויגט אים אײַן אין זיך. ער האָט נאָכדעם אָנגעהויבן גראָ ווערן, די הענט האָבן זיך אים אָנגעהויבן צו טרײסלען, און ער איז אַוועקגעפאָרן קײן אויסלאַנד צום דאָקטאָר קנײפּ זיך היילן מיט וואַסער. דערדאָזיקער האָט געדאַרפט זעען עפּעס אַזוינס — ער איז געווען אַ נואף.

ער האָט מיר אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע.

— אָבער איר זענט נישט קיין שכור און נישט קיין נואף — ווי זשע קומען צו אייך אַזעלכע חלומות ?

— איך ווייס נישט.

— מיר ווייסן וועגן זיך גאָרנישט !

ער האָט אָפּגעזיפצט, פאַרמרוזשעט די אויגן, אַ קלער געטון און צוגעגעבן שטילער :

— מיר ווייסן גאָרנישט !

הייט אינגאָוונט אויפן שפּאַציר האָט ער מיך גענומען אונטער דער האַנט, זאָגנדיק :

— שטיוול גייען — אומהיימלעך, האַ ? אינגאַנצן לײדיקע — טיאָפּ, טיאָפּ, — און דער שניי סקריפּעט צו ! יאָ, גוט ! און פונדעסטוועגן זענט איר זייער אַ ביכלדיקער, זייער. זייט נישט בייז, נאָר דאָס איז שלעכט און ס׳וועט אייך שטערן.

איך בין זיכער נישט מער ביכל־מענטש, ווי ער, אָבער ער האָט מיר דאָס מאָל אויסגעוויזן אַ שרעקלעכער ראַציאָנאַליסט, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע אויסריידעלעך.

XXXIII.

„איך האָב נישט ליב קיין שכורים, אָבער איך קען מענטשן, וואָס ווערן נאָכן אויסטרינקען אינטערעסאַנט, באַקומען שאַרפזין, וועלכן זיי פאַרמאָגן נישט ניכטערנערהייט, זיי באַקומען שיינע געדאַנקען, געשיקטקייט און אַן עשירות פון ווערטער. דעמאָלט בין איך גרייט צו בענטשן דעם ווײַן“.

סולער האָט דערציילט : ער איז געגאַנגען מיט ליעוו ניקאָלאַיעוויטשן איבער טווערסקע, טאָלסטאָי האָט פונווייטנס באַמערקט צוויי קיראַסירן. לייכטנדיק אויף דער זון מיטן קופּער פון זייערע כלי־זין, קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, זענען זיי געגאַנגען אין טאַקט, ווי זיי וואָלטן געוווּן צונויפגעוואַקסן ביידע, זייערע

פנימער האָבן אויך געלויכטן מיט זעלבסטצופרידנקייט פון קראַפט און יוגנט.

טאָלסטאָי האָט זיי אָנגעהויבן טאַדלען:

— סאַראַ גאַווהדיקע נאַרישקייט! פולשטענדיקע חיות, וועלכע מען האָט אויסדרעסירט מיט אַ שטעקן...

אָבער, ווען די קיראַסירן האָבן זיך אויסגעגלייכט מיט אים, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און, באַגלייטנדיק זיי מיט אַ ליבלעכן בליק, געזאָגט מיט אַנטציקונג:

— ווי שיין זיי זענען! רוימער פּאַרצייטישע, האַ, ליעוואושקאַ? סאַראַ כוח, סאַראַ שיינקייט, — אַך, גאָט מיינער. ווי גוט דאָס איז, ווען אַ מענטש איז שיין, ווי גוט!

XXXIV.

אין אַ הייסן טאָג האָט ער מיך אָנגעיאָגט אויף דעם ניזשנער וועג; ער האָט געריטן אין דער ריכטונג צו ליוואַדיע; ער איז געזעסן אויף אַ קליין טאָטעריש, רויק פערדל. אַ גראָער, אַ צעפּאַטלטער, אין אַ לייכטן, ווייסן, פילצענעם שוואָמאַרטיקן הוט, איז ער ענלעך געווען צו אַ גנאָם.

איינהאַלטנדיק דאָס פערד, האָט ער גענומען רעדן מיט מיר: איך האָב אָנגעהויבן גיין דערלעבן, באַם ביגל און, צווישן אַנדערן, געזאָגט, אַז איך האָב דערהאַלטן אַ בריוו פון קאָראָלענקאָן. טאָלסטאָי האָט בייז אַ שאָקל געטון מיט דער באָרד:

— ער גלייבט אין גאָט?

— איך ווייס נישט.

— דעם עיקר ווייסט איר נישט. ער — גלייבט, נאָר שעמט זיך מודה צו זיין דערין פאַר די אַטעיסטן.

ער האָט גערעדט ברוגזדיק, קאַפּריזיש, בייז פאַרמרוזשענדיק די אויגן. ס'איז געווען קלאָר, אַז איך שטער אים, אָבער, ווען איך האָב געוואָלט אַוועקגיין, האָט ער מיך אָפּגעשטעלט:

— וואוהין זשע גייט איר? איך רייט פאמעלעך.

און ווידער אָנגעהויבן מיט אַ ברוגזדיקן טאָן:

— אַנדרעיעוו אייערער — שעמט זיך אויף פאַר די אַטעיסטן, אָר גלייבט אויך אין גאָט, און גאָט איז פאַר אים — שרעקלעך.

באַ דער גרעניץ פון גוט פונם גרויספירשט אַ. מ. ראָמאַנאָוו וענען אויפן וועג ענג איינער לעבן אַנדערן געשטאַנען און געשמועסט דריי ראָמאַנאָווס; דער באַלעבאָס אַי-טאָדאָראַ, געאָרגי, און נאָך איינער, — דאַכט זיך, פיאָטר ניקאָלאַיעוויטש פון דיולבער, — אַלע בראַווע, געוויקסיקע מענטשן. דער וועג איז פאַרשטעלט געווען מיט אַ ברישקע אויף איין פערד, קווער איבערן וועג איז געשטאַנען אַ רייט-פערד; ליעוו ניקאָלאַיעוויטשן איז נישט מעגלעך געווען דורכצופאָרן. ער האָט זיך אָנגעשטעלט אויף די ראָמאַנאָווס מיט אַ שטרענגן, פאָדערנדיקן בליק. אָבער זיי האָבן נאָך פריער זיך געהאַט אָוועקגעדרייט פון אים. דאָס רייט-פערד האָט זיך אַ ריר געטון פון אָרט און איז אָוועקגעגאַנגען אַ ביסל אין דער זייט, דורכלאָזנדיק טאָלסטאָיס פערד.

אָפּפאָרנדיק אַ צוויי מינוט שווייגנד, האָט ער געזאָגט:

— זיי האָבן דערקענט, די טפשים.

און נאָך אין אַ מינוט אַרום:

— דאָס פערד האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אָפּטרעטן דעם וועג טאָלסטאָיען.

XXXV.

„שוינט זיך קודם כל — פאַר זיך, דעמאָלט וועט פאַר מענטשן אויך אַ סך פאַרבלייבן".

XXXVI.

„וואָס הייסט — וויסן? אָט ווייס איך, אַז איך בין — טאָלסטאָי, אַ שרייבער, איך האָב — אַ פרוי, קינדער, גרויע האָר, אַ נישט שיין פּנים, אַ באָרד — דאָס אַלץ שרייבט מען אין פּעסער. אָבער וועגן דער נשמה שרייבט מען נישט אין די פּעסער, וועגן דער נשמה ווייס איך איינס: די נשמה וויל נאָענטקייט צו גאָט. און וואָס איז אַזוינס — גאָט? דאָס, וואָס אַ טייל דערפון איז מיין נשמה. אָט איז אַלץ. ווער ס'האָט זיך אויסגעלערנט דענקען, יענעם איז שווער צו גלייבן, און לעבן אין גאָט קאָן מען נאָר דורך גלויבן. טערטוליאַן האָט געזאָגט:

„דער געדאַנק איז — שלעכטס".

XXXVII.

נישט קוקנדיק אויף דער איינאַרטיקייט פון זיין לערע, — איז אָן אַ גרענעץ פאַרשידנאַרטיק דערדאָזיקער לעגענדאַרער מענטש.

הייבט, אין פּאַרק, שמועסנדיק מיטן מולאַ פון גאַספּראַ, האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ צוטרויפולער פּשוטער פויער, פאַר וועלכן ס'איז געקומען די צייט אַ קלער צו געבן וועגן סוף פון די טעג. אַ קליינטשיקער און אַזויווי ער וואָלט זיך אומישנע נאָך מער איינגעצויגן, האָט ער לעבן דעם פעסטן סאָלידן טאָטער אויסגעזעען אַ זקן, וואָס זיין נשמה האָט זיך צום ערשטן מאָל פאַרקלערט איבער דער פראַגע פון דאָזיין און — ער האָט מורא פאַר די פראַגן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין איר. פאַרוואונדערט אויפהייבנדיק די גראָבע ברעמען און, צעשראָקן פינטלענדיק מיט די שאַרפע אויגן, האָט ער אין זיי פאַרלאָשן דאָס אומפאַרטראָגלעכע, דורכדרינגלעכע פייערל. זיין לייענענדער בליק האָט אומבאַוועגלעך זיך איינגעשטאָכן אין דעם ברייטן געזיכט פון מולאַ, און די אַפּלען האָבן

אַנגעוואוירן די שאַרפקייט, וואָס צעטומלט מענטשן. ער האָט גע־שטעלט דעם מולאַ „קינדישע" פראַגן וועגן זיבען פון לעבן, וועגן דער נשמה און וועגן גאָט, מיט אַן אומגעווײנלעכער געשיקטקייט פאַרבײַטנדיק די פערזן פון קאָראַן מיט די פערזן פון עוואַנגעליע און נביאים. אינדעראמתן — האָט ער געשפּילט, אויספירנדיק דאָס מיט אַ וואונדערבאַרער מײַסטערשאַפט, וואָס איז צוגעגלעך באַר פאַר אַ גרויסן אַרטיסט און חכם.

און מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער, רעדנדיק מיט טאַניעיעוון און סוליערן וועגן מוזיק, זיך אַנטציקט פון איר שיינ־קייט, פונקט ווי אַ קינד, און ס'איז קענטיק געווען, אַז אים גע־פעלט זיין אַנטציקונג, — געגוויער: זיין פעיקייט צו אַנטציקן זיך. ער האָט געזאָגט, אַז וועגן מוזיק האָט בעסער און טיפער פאַר אַלע געשריבן שאָפּענהויער, דערציילט, אגב אורחה, אַ קאָמישן אַנעקדאָט וועגן פעטן און אָנגערופן די מוזיק „שטומע תפילה פון דער נשמה".

— פאַרוואָס זשע — אַ שטומע? — האָט געפרעגט סו־ליער.

— וואָרים — אָן ווערטער. אין קלאַנג איז דאָ מער נשמה, ווי אין געדאַנק. דער געדאַנק — איז אַ בײַטעלע, דערין זענען דאָ צענערלער, אָבער דער קלאַנג איז מיט גאָרנישט באַפלעקט, אינערלעך ריין.

מיט בולטער הנאה האָט ער גערעדט מיט באַחנטע, קינדי־שע ווערטער, דערמאַנענדיק זיך פלוצלינג די בעסטע, די צאַרט־סטע פון זיי. און אומגעריכט, אַרײַנשמייכלענדיק אין דער באָרד אַרײַן, האָט ער געזאָגט ווייך, ווי ער וואָלט גע־צערטלט:

— אַלע מוזיקער — זענען נאַרישע מענטשן, און וואָס טאַ־לאַנטירטער ס'איז דער מוזיקער, אַלץ באַגרענעצטער איז ער. מאָד־נע, וואָס כמעט אַלע זענען זיי רעליגיעז.

XXXVIII.

טשעכאָוון דורכן טעלעפאָן.

— היינט איז בא מיר אזא גוטער טאָג, ס'איז אזוי פריי־ליק אויף דער נשמה, אז מיר ווילט זיך, אז אייך זאָל אויך זיין פריידיק. באַזונדער — אייך! איר זענט זייער א וואוילער, זייער!

XXXIX.

ער הערט נישט און גלייבט נישט, ווען מען זאָגט נישט ראָס, וואָס אים איז נייטיק. אייגנטלעך — פרעגט ער נישט, נאָר — פאָרשט אויס. ווי א זאַמלער פון אַנטיקן, נעמט ער נאָר דאָס, וואָס קאָן נישט צעשטערן די האַרמאָניע פון זיין קאָלעקציע.

XL.

איבערקלייבנדיק די פאָסט.

— טומלען, שרייבן, און — כ'וועל שטאַרבן, וועט מען אין א יאָר אַרום פרעגן: טאָלסטאָי? אַך, דאָס איז דער גראַף, וואָס האָט געפרוווט נייען שטיוול און מיט אים האָט זיך עפּעס גע־טראָפן, — דער טאָקע?

XLI.

עטלעכע מאָל האָב איך געזען אויף זיין פנים, אין זיין בליק א כיטרען און צופרידענעם שמייכל פון א מענטש, וועלכער האָט, אומגעריכט פאַר זיך, געפונען עפּעס דורך אים באַהאַלטנס

ער האָט עפּעס באַהאַלטן און — פאַרגעסן, וואו ער האָט באַהאַלטן. לאַנגע טעג האָט ער געלעבט אין געהיימען אומרו, אַלץ קלערנדיק: וואוהין זשע האָב איך פאַרשטעקט דאָס, וואָס איז מיר נייטיק? און — מורא געהאַט, אַז מענטשן וועלן באַמערקן זיין אומרו, זיין אבידה, וועלן באַמערקן און — אים טון עפּעס נישט אָנגענעמס, נישט גוטס. פּלוצלינג — האָט ער זיך דערמאַנט, געפונען. ער האָט זיך איינגאַנצן איבערפולט מיט פרייד און, שוין נישט קימערנדיק זיך צו באַהאַלטן זי, קוקט ער אויף אַלע כיטרע, אַזוי ווי זאָגנדיק:

— איר וועט שוין מיט מיר גאָרנישט מאַכן.

אָבער וועגן דעם — וואָס ער האָט געפונען און וואו — שווייגט ער.

צו באַוואונדערן אים — קען מען קיינמאָל נישט מיד ווערן, אָבער פונדעסטוועגן איז שווער צו זעען אים אָפט, און איך וואָלט נישט געקענט לעבן מיט אים צוזאַמען אין איין הויז, כ׳זאָג שוין נישט — אין איין צימער. דאָס איז — פונקט ווי אין אַ מדבר, וואו אַלץ איז פאַרברענט פון דער זון, און די זון גופא ברענט זיך אויך אויס, דראָענדיק מיט אַן אומענדלעכער פינצטערער נאַכט.

דער בריוו.

איך האָב נאָרוואָס אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו אייך — זייענען אָנגעקומען טעלעגראַמען וועגן „טאָלסטאָיס אַנטלויפן". און אָט, — נאָך נישט צעשיידט אין די געדאַנקען מיט אייך, — שרייב איך אויפסניי.

דאָס אַלץ, וואָס מיר ווילט זיך זאָגן אין צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער נייעס, וועט, מסתמא, אַרויסגעזאָגט ווערן פאַרפּלאָנטערט, קען זיין, אפילו שאַרף און בייז, — איר וועט מיר שוין מוזן אַנטשולדיקן, — איך פיל זיך אַזוי, ווי מען וואָלט מיך אָנגענומען באַם האַלז און געוואָרגן.

ער פלעגט אָפטמאָל אין לאַנג שמועסן מיט מיר; ווען ער האָט געוואוינט אין קרים, אין גאַספּראַ, בין איך אָפט געווען בא אים, ער פלעגט אויך גערן מיך באַזוכן, איך האָב אויפמערקזאַם און מיט ליבשאַפט געלייענט זיינע ביכער, — מיר דאַכט זיך, איך האָב דאָס רעכט צו רעדן וועגן אים דאָס, וואָס איך טראַכט, זאָל דאָס זיין חוצפּהדיק און ווייט זיך פונאַנדערגיין מיט דער אַלגעמיינער באַציונג צו אים. מיר איז באַוואוסט נישט ערגער פון אַנדערע, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ מענטש, וואָס זאָל מער ווערט זיין דעם נאָמען זשעני, אַ מענטש אַ מער קאָמפּליצירטער, מער סתירותפולער און אין אַלעם הערלעכער, יאָ, יאָ, אין אַלעם. אַ הערלעכער אין עפּעס אַ מין באַזונדערן ברייטן זינען, נישט צום אויסדריקן מיט ווערטער; אין אים איז פאַרהאַן עפּעס, וואָס האָט שטענדיק געוועקט אין מיר דעם פאַרלאַנג צו שרייען צו אַלע און צו איטלעכן: זעט, סאַראַ וואונדערלעכער מענטש לעבט אויף דער ערד! ווייל ער איז, אַזוי צו זאָגן, אַלץ אַרומנעמענדיק און קודם-כל אַ מענטש, — אַ מענטש פון דער מענטשהייט.

אָבער מיך האָט שטענדיק אָפּגעשטויסן פון אים די דאָזיקע איינגעשפּאַרטע, דעספּאָטישע שטרעבונג צו פאַרוואַנדלען דאָס לעבן פון גראַף ליעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי אין „אַ לעבן פון אונזער פאָטער דעם גליקזעליקן פּריץ ליעוו, וואָס געפינט זיך שוין צווישן די הייליקע". איר ווייסט — ער האָט זיך שוין לאַנג געקליבן — „אָפּצוקומען"; ער האָט אַרויסגעזאָגט יעוגעני סאָלאָוויאָוון, סוליערן זיין באַדויערונג וועגן דעם, וואָס אים האָט זיך דאָס נישט איינגעגעבן, — נאָר ער האָט געוואָלט אָפּקומען נישט פּשוט, נישט פון באַטירלעכן פאַרלאַנג צו קאָנטראָלירן די שטייפקייט פון זיין ווילן, נאָר מיט אַ בפירושער און — כ'וועל איבערחזרן — מיט אַ דעספּאָטישער שטרעבונג צו פאַרשטאַרקן דעם דרוק פון זיינע רעליגעזע אידעען, די וואָג פון זיין לערע, צו מאַכן די תורה זיינע נישט צום אָפּוואַרפן, צו הייליקן זי אין די אויגן פון די מענטשן מיט זיין אָפּקומען און בייטן זיי אָנצונעמען זי, איר פאַרשטייט — בייטן! וואָרים ער ווייסט, אַז זיין תורה איז נישט גענוג איבערציגנד; אין זיין טאָגבוך וועט איר -- מיט דער

צייט — איבערלייענען פייגע מיסטערן פון סקעפטיציזם, וועלכן ער ווענדט אָן לגבי זיין תורה און פערזענלעכקייט. ער ווייסט, אַז „מאַרטירער און אָפּקומער זענען זעלטן נישט קיין דעספּאָטן און באַגוואַלטיקער״, — ער ווייסט אַלץ! און פונדעסטוועגן טענהט ער: — „ווען איך וואָלט געליטן פּאַר מיינע געדאַנקען, וואָלטן זיי געמאַכט אַן אַנדערן איינדרוק״. דאָס האָט מיך שטענדיק אָפּגעוואָרפן ווייט פון אים, ווייל איך קאָן נישט פילן דאָ אַ פּרווו צו איבערגוואַלטיקן מיך, אַ פאַרלאַנג צו באַצווינגען מיין געוויסן, צו פאַרבלענדן עס מיטן גלאַנץ פון צדיקיש בלוט, אָנטון מיר אויפן האַלז דעם יאָך פון אַ דאָגמאַט.

ער האָט תמיד שטאַרק גערומט די אומשטערבלעכקייט אויף יענער זייט לעבן, אָבער מער געפעלט זי אים אויף דער זייט. אַ נאַציאָנאַלער שרייבער אין דעם סאַמע אמתדיקסטן און אַלץ אַרומנעמענדיקן באַטייט פון דעמדאָזיקן באַגריף, האָט ער פאַרקערפּערט אין זיין ריזיקער נשמה אַלע חסרונות פון דער נאַציע, אַלע וואונדן, וועלכע ס'האָבן אונדז געבערענגט די פּרעניותן פון אונזער געשיכטע; זיין נעפּלהאַפטע תורה פון „נישט טון״, נישט אַקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס״ — די תורה פון פּאַסיוויזם, דאָס איז דאָס נישט געזונטע יורשן פון אַלטן רוסישן בלוט, וואָס איז פאַרסמט פון מאָנגאָלישן פאַטאַליזם און איז, אַזוי צו זאָגן, כעמיש פיינדלעך דעם מ ע ר י ב מיט זיין אומאויפהערלעכער שעפערישער אַרבעט, מיט דעם נישט בויגזאַמען אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן דעם שלעכטס פון לעבן. דאָס, וואָס מען רופט „טאָלסטאָיס אַנאַרכיזם״, דריקט אויס אין עצם און אין שורש זיינעם אונזער סלאַווישע אַנטימלוכהשקייט, — ווידעראַמאָל אַן אמת נאַציאָנאַלער שטריך, אַ שטרעבונג, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין אונזער בלוט פונפאַרצייטנס, „צו צעקריכן זיך באַזונדער״. עד היום גיבן מיר זיך ליידנשאַפטלעך איבער דערדאָזיקער שטרעבונג, ווי איר ווייסט עס און אַלע ווייסן. מען ווייסט — אָבער מען קריכט זיך פונאַנדער, און תמיד אויף דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד, מען זעט, אַז דאָס איז געפערלעך, און מען קריכט נאָך ווייטער איינער פון אַנדערן; דידאָזיקע טרויעריקע גרילן-נסיעות ווערן עס אָנגערופן:

„די געשיכטע פון רוסלאַנד", פון אַ מלוכה, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן כמעט צופעליק, ריין מעכאַניש, צו דער פאַרוואַונדערונג פונם רוב פון אירע ערלעך דענקענדיקע בירגער, מיט די כוחות פון וואַריאַגן, טאַטערן, אַסטזעעשע דייטשן און פּאָליציי־קאָמיסאַרן. צו דער פאַרוואונדערונג, וואָרים מיר זענען זיך אַלץ „צעקראָכן", און ערשט, ווען מיר זענען צוגעקומען צו ערטער, וואָס קיין ערגערע — איז נישט צו געפינען, ווייטער צו גיין — איז נישטאָ וואוהין, מילא — האָט מען זיך אָפּגעשטעלט צו באַזעצן זיך דאָרט: משמעות, אונזער מזל איז שוין אַזוינס, דער גורל אַזאַ, אַז מיר זאָלן זיצן אין שנייען און אויף בלאָטעס, אין שכנות מיט דער ווילדער ערזע, טשוד, מערע, וויעס און מוראָמע. אָבער ס'האָבן זיך באַוויזן מענטשן, וואָס האָבן דערשפּירט, אַז דאָס ליכט פאַר אונז איז נישט פון מזרח, נאָר פון מעריב, און אָט וויל ער, דער פאַרענדיקער פון אונזער אַלטער געשיכטע, — באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק — זיך אַוועקלייגן ווי אַ באַרג אויפן וועג פון דער נאַציע צו אייראָפּע, צום אַקטיוון לעבן, וואָס פאָדערט שטרענג פון מענטש די גרעסטע אָנשטרענגונג פון זיינע גייסטיקע כוחות. זיין באַציונג צו דער עקספּערימענטאַלער וויסנשאַפט איז אויך, נאַטירלעך, טיף נאַציאָנאַל, אין איר שפּיגלט זיך אָפּ אויפן בעסטן אופן דער דאָרפישער, אַלטרוסישער סקעפּטיציזם פון עם־הארצות. אין אים — איז אַלץ נאַציאָנאַל, און די גאַנצע זיינע תורה איז די רעאַקציע פון דעם עבר, דער אַטאַוויזם, וועלכן מיר האָבן שוין אָנגעהויבן פּטור ווערן, בייקומען.

דערמאָנט זיך זיין בריוו „אינטעליגענץ, מלוכה, פאָלק", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 905 יאָר, — סאַראַ באַליידיקענדע און בייזפריידיקע זאַך דאָס איז! אין דעם הילכט פשוט דאָס סעקטאַנטישע: „אַהאַ, איר האָט מיך נישט געפאָלגט!" איך האָב אים דעמאָלט אָנגעשריבן אַן ענטפער, געשטיצט טאַקע אויף זיינע אייגענע ווערטער צו מיר, אַז ער „האָט שוין לאַנג אָנגעוואוירן דאָס רעכט צו רעדן וועגן רוסישן פאָלק און אין זיין נאָמען", ווייל איך בין אַן עדות, ווי ער האָט נישט געוואָלט הערן און פאַרשטיין דאָס פאָלק, ווען עס איז געקומען צו אים זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ. מיין

בריוו איז געווען שאַרף, און איך האָב אים נישט געשיקט.

אָט מאַכט ער אַצינד זיין, וואַרשיינלעך, לעצטן שפּרונג, כּדי צוצוגעבן זיינע געדאַנקען אַ העכסטע באַדייטונג. ווי וואַסילי בוסלאַיעוו, האָט ער בכלל ליב געהאַט צו שפּרינגען, אָבער שטענדיק — אין דער ריכטונג פון פּאַרפעסטיקן די אייגענע הייליקייט און זוכן אַ נימבּ. דאָס איז — אינקוויזיטאָריש, הגם זיין לערע איז באַרעכטיקט דורך דער אַלטער רוסישער געשיכטע און די פּערזענלעכע מאַטערנישן פון דעם גאון. הייליקייט ווערט דערגרייכט אויפן וועג פון צאַצקען זיך מיט די זינד, פון אונטעריאָכן דעם ווילן צו לעבן. מענטשן ווילן לעבן, און ער רעדט זיי איין: דאָס איז באַרישקייט, דאָס ערדישע לעבן אונזערס. אַ רוסלענדישן מענטש איז זייער לייכט איבערצוצייגן אין דעם: ער איז פויל און האָט קיין שום זאַך נישט אַזוי ליב, ווי אָפּרוען פון דעם ליידיקגיין. אין אַלגעמיין איז ער, נאַטירלעך נישט פּלאַטאָן קאַראַטאַיעוו און נישט אַקים, נישט בעזוכי און נישט ניעקלודאָוו, — דידאָזיקע אַלע מענטשן זענען באַשאַפן געוואָרן דורך דער געשיכטע און דער נאַטור נישט אינגאַנצן טאָלסטאָי־מעסיק, ער האָט זיי ערשט פאַרריכט צוליב בולטער באַשטעטיקונג פון זיין תורה. אָבער — ס'איז נישט צום צווייפלען און צום אָפּפרעגן, אַז אינם גאַנצן איז רוסלאַנד — טיולין פון אונטן, און פון אויבן — אָבלאָמאָוו. אַז טיולין, זאָגט וועגן דעם עדות דאָס 905 יאָר, און אַז אָבלאָמאָוו — זעט באַ גר. ל. נ. טאָלסטאָי, באַ אי. בונינען און איבעראַל אַרום זיך. חיות און זשוליקעס — וועלן מיר איבערלאָזן אָן אַ זייט, הגם די חיה איז באַ אונז אויך געוואַלטיק נאַציאָנאַל, — גיט אַ קוק, ווי מיאוס־פּחדנותדיק זי איז באַ איר גאַנצער אכזריות. די זשוליקעס זענען נאַטירלעך אינטערנאַציאָנאַל.

אין ליעוו ניקאָלאַיעוויטשן איז פאַרהאַן אַ סך אַזעלכעס, וואָס האָט צייטנווייז אַרויסגערופן באַ מיר אַ געפיל, וואָס איז נאָענט געווען צו שנאה צו אים, און האָט זיך געלייגט אויף מיין געמיט ווי אַ דריקנדיקע משא. זיין איבערמעסיק צעוואַקסענע פּערזענלעכקייט — איז אַ דערשיינונג אַ ריזנהאַפטיקע, כמעט אַ נישטנאָרמאַלע, ס'איז אין אים דאָ עפּעס פון סוויאַטאָגאָר דעם גבור, וועלכן

די ערד דערהאַלט נישט. יאָ, ער איז גרויס! איך בין טיף איבער-
צייגט, אַז אויסער דעם אַלעם, וועגן וואָס ער רעדט, איז דאָ אַ כּך
אַזוינס, וועגן וואָס ער שווייגט תּמיד, — אפילו אין זיין [illegible]
בוך — שווייגט און וועט מסתּמא, קיינמאָל קיינעם נישט זאָגן. דע-
דאָזיקער „עפּעס" האָט נאָר צייטנווייז אין רמזים זיך דורכגעגליטשט
אין זיינע שמועסן, אין רמזים ווערט ער אויך באַגעגנט אין די צוויי
העפטן פון זיין טאָגבוך, וועלכע ער האָט געגעבן צו לייענען מיר
און סוליערזשיצקין; מיר ווייזט זיך עס אויס ווי עפּעס „אַן אָפּ-
לייקענונג פון אַלע יסודות", ווי דער טיפסטער, בייזסטער ניהיליזם,
וועלכער איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון אומענדלעכער נישט
אויסמיידלעכער פאַרצווייפלונג און איינזאַמקייט, וואָסערע ס'האָט
נאָך, מסתּמא, קיינער ביז דעמדאָזיקן מענטש נישט איבערגעלעבט
מיט אַזאַ מוראדיקער קלאָרקייט. ער האָט זיך מיר אָפּט אויסגעוויזן
אַלס מענטש, וואָס איז אומוואַקלהאַפטע — אין דער טיף פון זיין
נשמה — גלייכגילטיק צו מענטשן, ער איז אויף אַזוי פיל העכער,
מעכטיקער פון זיי, אַז זיי אַלע ווייזן זיך אים אויס ענלעך צו
פליגעלעך, און זייער האַווען — קאָמיש און נעבעכדיק. ער איז צו
ווייט אַוועקגעגאַנגען פון זיי אין אַ מין מדבּר אַריין און דאָרטן,
מיט דער גרעסטער געשפּאַנטקייט פון אַלע כּוחות פון זיין גייסט,
קוקט ער זיך איינזאַם איין אין „עיקר העיקרים" — אינם טויט.

דאָס גאַנצע לעבן האָט ער מורא געהאַט פאַרן טויט און
אים געהאַסט, דאָס גאַנצע לעבן האָט אַרום זיין נשמה געפלאַטערט
די „אַרזאַמאַסישע שרעק", קאָן ער, טאָלסטאָי, שטאַרבן? די גאַנ-
צע וועלט, די גאַנצע ערד קוקט אויף אים; פון כינע, אינדיע,
אַמעריקע — פון אומעטום ציען זיך צו אים לעבעדיקע, פלאַטערנ-
דיקע פעדים, זיין נשמה איז פאַר אַלע און — אויף שטענדיק!
פאַרוואָס זאָל עס די נאַטור נישט מאַכן קיין אויסנאַם אין איר גע-
זעץ און נישט געבן איינעם פון די מענטשן פיזישע אומשטערב-
לעכקייט, — פאַרוואָס? ער איז, נאַטירלעך, צופיל פאַרשטאַנדיק
און קלוג דערויף, כּדי צו גלייבן אין אַ נס, אָבער, פון דער צוויי-
טער זייט — איז ער אַן עזותניק, אַן אויספּרוווער און, ווי אַ ייני-
גער רעקרוט, ווילדעוועט ער משוגענערווייז, פון שרעק און פאַר-

צווייפלונג פאַר דער אומבאַקאַנטער קאַזאַרמע. איך געדענק — אין גאַספּראַ, נאָכן געזונט ווערן, איבערלייענענדיק דאָס ביכל פון ליעוו שעסטאָוו „גוטס און שלעכטס אין דער לערע פון ניטשע און גראַף טאָלסטאָי״, האָט ער געזאָגט, אַלס ענטפער אויף טשעכאָווס באַמערקונג, אַז „דאָס ביכל געפעלט אים נישט״:

— און מיר האָט עס זיך אויסגעוויזן אַמיזירנד. ס'איז אָנגעשריבן מיט חנדלען, אָבער — נישקשה, אינטערעסאַנט. איך האָב דאָך ליב ציניקער, אויב זיי זענען אויפריכטיק. אָט זאָגט ער: „דער אמת איז נישט נייטיק״, און — ריכטיק: נאָכוואָס דאַרף ער דעם אמת? אַלץ איינס — שטאַרבן.

און, אפנים, באַמערקנדיק, אַז זיינע ווערטער זענען נישט פאַרשטאַנען געוואָרן, האָט ער צוגעגעבן, שאַרף שמייכלענדיק:

— אויב אַ מענטש האָט זיך אויסגעלערנט טראַכטן, — איז וועגן וואָס ער זאָל נישט טראַכטן, — קלערט ער תמיד וועגן זיין טויט. אַזוי זענען אַלע פילאָזאָפן. און — וואָס־זשע טויגן אמתן, אויב ס'וועט זיין דער טויט.

ווייטער האָט ער אָנגעהויבן רעדן, אַז דער אמת איז איינציק פאַר אַלע — די ליבע צו גאָט, אָבער אויף דערדאָזיקער טעמאַ דאָט ער גערעדט קאַלט און מיד. און נאָכן פרישטיק, אויף דער טעראַסע, האָט ער אויפסניי גענומען דאָס ביכל און, געפינענדיק דאָס אָרט, וואו דער מחבר שרייבט: „טאָלסטאָ, דאָסטאָיעווסקי, ניטשע האָבן נישט געקענט לעבן אָן אַ תשובה אויף זייערע פראַגן, און פאַר זיי איז איטלעכער ענטפער געווען בעסער, ווי גאָרנישט״, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— אָט וואָס פאַר אַ דרייסטער פריזירער, זאָגט אַזוי גלייך, אַז איך האָב זיך אָפּגענאַרט, הייסט דאָס — אַנדערע אויך אָפּגענאַרט. אַזוי קומט דאָס דאָך בפירוש אויס...

סוליער האָט געפרעגט:

— אָבער פאַרוואָס — אַ פריזירער?

— אַזוי, — האָט ער פאַרטראַכטערהייט געענטפערט, —

איז געקומען אין קאַפּ אַריין, ער איז אַ מאָדישער, אַ שיקאַרנער — און ס'האָט זיך מיר דערמאַנט אַ פּריזירער פון מאַסקווע אויף אַ חתונה בײַ אַ פעטער — אַ פּויער אין אַ דאָרף. ער פאַרמאָגט די בעסטע מאַנירן, טאַנצט אפילו אַ ליאַנסיע, און דערפאַר פאַראַכטעט ער אַלעמען.

דעמדאָויקן שמועס ברענג איך כמעט וואָרטלעך, ער גע־רעגט זיך מיר זייער און איז אפילו דורך מיר פאַרשריבן געוואָרן, ווי פיל אַנדערס, וואָס האָט מיך איבערראַשט. איך און סוליער־זשיצקי האָבן אַ סך פאַרשריבן, אָבער סוליער האָט פאַרלוירן זיי־נע נאָטיצלעך אויפן וועג צו מיר קיין אַרזאַמאַס, — ער איז בכלל געווען נאַכלעסיק און כאָטש ער האָט פרויענהאַפט ליב געהאַט ליעוו ניקאָלאַיעוויטשן, אָבער ער האָט זיך באַצויגן צו אים עפּעס מאָדנע, אַזויווי אַ ביסל פון אויבן אַראָפּ. איך האָב אויך פאַר־שטעקט ערגעץ מײַנע נאָטיצן און קאָן זיי נישט געפינען, זיי זע־נען בײַ עמעצן אין רוסלאַנד. איך פלעג זיך אויפמערקזאַם צוקוקן צו טאָלסטאָיען, ווײַל איך האָב געזוכט, כ'זוך ביזן הײַנטיקן טאָג און וועל ביזן טויט זוכן אַ מענטש מיט אַ לעבעדיקן, ווירקלעכן גלויבן. און נאָך דעריבער, וואָס איינמאָל האָט טשעכאָוו, רעדנדיק, וועגן אונזער אומקולטורעלקייט, זיך געקלאָגט:

— אָט נאָך געטען איז יעדער וואָרט פאַרשריבן געוואָרן, און טאָלסטאָיס געדאַנקען גייען פאַרלוירן אין דער לופט. דאָס, באַטיעוקאַ, איז אומפאַרטראָגלעך רוסישמעסיק. נאָכדעם וועט מען זיך כאַפּן צום שכל, מען וועט אָנהייבן שרײַבן זכרונות און מען וועט אָנליגנערן.

נאָר ווייטער, אין צוזאַמענהאַנג מיט שעסטאָוון.

— מ'קאָן נישט, — זאָגט ער, — לעבן, קוקנדיק אויף די שרעקלעכע געשפּענסטער, פונוואַנען ווייסט ער עס, צי מ'קאָן, צי מ'קאָן נישט? ווען ער וואָלט געוואוסט, וואָלט ער דאָך געזעען גע־שפּענסטער, — וואָלט נישט געשריבן קיין נאַרישקייטן, נאָר זיך פאַרנומען מיט ערנסטעס, מיט וואָס ס'האָט זיך פאַרנומען דאָס גאַנ־צע לעבן בודאַ.

מען האָט באַמערקט, אַז שעסטאָוו איז אַ ייד.

— נו, געוויס נישט, — האָט אָן צוטרוי געזאָגט ל. נ.
גיין, ער איז נישט ענלעך צו קיין ייד; קיין אומגליקלעכע יידן
איז נישט פאַרהאַן, רופט אָן כאָטש איינעם... נישטאָ.

טייל מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דער דראַזיקער אַלטער מכשף
שפּילט זיך מיטן טויט, קאָקעטירט מיט אים און באַמיט זיך אַזוי
ווי אים אָפּצונאַרן: איך האָב נישט קיין מורא פאַר דיר, איך האָב
דיך ליב, איך וואַרט אויף דיר. און אַליין וואַרפט ער בליקן מיט
די שאַרפע אויגן: אָבער וואָסערער ביסטו? און וואָס איז הינטער
דיר, דאָרט ווייטער? וועסטו מיך אינגאַנצן פאַרניכטן, אָדער ס'וועט
נאָך עפּעס בלייבן לעבן.

אַ מאָדנעם איינדרוק האָבן געמאַכט זיינע ווערטער: — מיר
איז גוט, מיר איז שרעקלעך גוט, מיר איז צו גוט". און תּיכף
נאָכדעם: — „כ'דאַרף אָפּקומען". אָפּקומען — דאָס איז אויך זיין
אמת; אויף קיין רגע צווייפל איך נישט, אַז נאָך אַ האַלב קראַנ-
קער וואָלט ער אויפריכטיק צופרידן געווען אַרייגצופאַלן אין
תּפיסה, אויף פאַרשיקונג, בכלל — אָננעמען אַ מאַרטירער-קראַנץ.
דאָס מאַרטירערטום קאָן, מסתמא, עטוואָס פאַרענטפערן דעם טויט,
אפשר מאַכן אים מער פאַרשטענדלעך, אָנגענעמער, — פון דער
אויסערלעכער, פאָרמעלער זייט. אָבער קיינמאָל איז אים נישט גוט
געווען, קיינמאָל אין ערגעץ נישט, איך בין איבערצייגט: נישט
אין „די ביכער פון העכסטער קלוגשאַפט", נישט „אויפן רוקן פון
אַ פערד", נישט „אויף דער ברוסט פון אַ פרוי" האָט ער נישט
איבערגעלעבט אין פולסטע תּענוגים „דעם ערדישן גן-עדן". ער
איז צופיל פאַרשטאַנדיק דערויף און צופיל קען ער דאָס לעבן,
די מענטשן. אָט זענען נאָך זיינע ווערטער:

„דער קאַליף אַבדוראַכמאַן האָט געהאַט אין לעבן פערצען
גליקלעכע טעג, און איך האָב זיכער נישט געהאַט אַזוי פיל. און
אַלץ דערפאַר, וואָס כ'האָב קיינמאָל נישט געלעבט — כ'קען נישט
לעבן — פאַר זיך, פאַר דער נשמה, נאָר כ'לעב אויף צו ווייזן אַנדע-
רע, פאַר מענטשן".

אַ. פּ. טשעכאָוו האָט מיר געזאָגט, אַוועקגייענדיק פון אים:
איך גלייב נישט, אַז ער איז נישט געווען גליקלעך". און איך —

גלייב. ער איז נישט געווען, אָבער — נישט אמת אַז ער האָט געלעבט „צו ווייזן אַנדערע". יאָ, ער האָט אָוועקגעגעבן די מענטשן, ווי די בעטלערס, זיין איבעריקס; אים איז געפעלן צו גייטן זיי, בכלל — „צו נייטן" לייענען, שפּאַצירן, צו עסן נאָר גרינוואַרג, ליב האָבן דעם פּויער איז געבליבן אין דער אומפּעלערהאַפטיקייט פון די שכלדיק־רעליגיעזע סבֿרות פון ליעוו טאָלסטאָי. מען דאַרף עפּעס אונטערדריקן די מענטשן, וואָס אָדער ס'וועט פּרידיקן, אָדער פאַראינטערעסירן זיי, — און זאָלן זיי אָוועקגיין! גאָלן זיי איבערלאָזן דעם מענטש אין דער צוגעוואוינטער, פיינלעכער, און טיילמאָל אפילו געמיטלעכער איינזאַמקייט פאַר דעם ענדלאָזן תהום פון דער פראַגע וועגן „עיקר".

אַלע רוסישע פּריידיקער, מיטן אויסנאַם פון אַוואַקומען, און אפשר טיכאָן זאַדאָנסקין — זענען קאַלטע מענטשן, וואָרים קיין לעבעדיקן און אַקטיוון גלויבן האָבן זיי נישט פאַרמאָגט. ווען איך האָב געצייכנט לוקען אין „אויפן דנאָ", האָב איך געוואָלט אויס־מאָלן טאַקע אַזאַ אַלטיטשקען: אים אינטערעסירן „כּלערליי תשובות", אָבער נישט די מענטשן; אומפאַרמיידלעך צונויפשטויסנדיק זיך מיט זיי, טרייסט ער זיי, אָבער נאָר צוליב דעם, אַז זיי זאָלן אים נישט שטערן צו לעבן. און די גאַנצע פילאָזאָפיע, די גאַנצע תורה פון אַזעלכע מענטשן — איז אַ נדבה, וואָס זיי גיבן מיט באַהאַל־טענעם עקל, און ס'קלינגען אונטער דערדאָזיקער תורה ווערטער אויך בעטלערישע, באַקלאָגלעכע:

— טשעפּעט זיך אָפּ! האָט ליב גאָט אָדער דעם נאָענטן און טשעפּעט אייך אָפּ! פאַרשעלט גאָט, האָט ליב דעם וויטן און — טשעפּעט אייך אָפּ! לאָזט מיך אָפּ, ווייל איך בין אַ מענטש און אָט — בין פאַראורטיילט צום שטאַרבן!

אוי וויי, דאָס איז אַזוי, אויף לאַנג — אַזוי. און ס'האָט נישט געקאָנט, און ס'קאָן נישט זיין אַנדערש, וואָרים — ס'האָבן זיך איינגעמידט די מענטשן, זענען פאַרמאַטערט, שרעקלעך צע־טיילט און זענען אַלע געשמידט אין איינזאַמקייט, וואָס זייגט אויס די נשמה. ווען ל. נ. שליסט שלום מיט דער קירכע וואָלט עס

מיך כלל נישט פאַרוואונדערט. דאָ וואָלט געווען אַן אייגענע לאָגיק: אַלע מענטשן זענען אַלציינס נישטיק, ווען אפילו זיי זענען ביסקופּן. אייגנטלעך — וואָלט דאָ קיין שום שלום נישט געווען, פאַר אים פערזענלעך איז דערדאָזיקער אַקט נאָר אַ לאָגישער טריט: „איך בין מוחל די, וואָס האָבן מיר פיינט". אַ קריסטלעכער טאַט, און אונטער אים איז פאַרבאָרגן אַ לייכטער, שאַרפער שמייכל; דעם שמייכל קען מען פאַרשטיין, ווי אַ באַליידיקונג פון אַ קלוגן מענטש — פאַר נאַראָנים.

איך שרייב אַלץ נישט דאָס, נישט אַזוי, נישט וועגן דעם. באַ מיר אין דער נשמה וואָיעט אַ הונט, און ס'דאַכט זיך מיר אויס עפּעס אַן אומגליק. אָט — זענען אָנגעקומען צייטונגען, און ס'איז שוין קלאָר: באַ אייך דאָרט הייבט מען אָן „שאַפן אַ לעגענדע", — ס'האָבן זיך געלעבט פוילענצער און ליידיקגייערס און געוואונען — אַ הייליקן. איר גיט נאָר אַ קלער, ווי שעדלעך דאָס איז פאַרן לאַנד גראָד אַצינד, ווען די קעפּ פון די אַנטוישטע מענטשן זענען אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, די נשמות פון דער מערהייט — זענען פּוסט, און די נשמות פון די בעסטע — זענען פול מיט צער. ס'בעטן זיך די הונגעריקע, אויסגעפּייניקטע אויף אַ לעגענדע. ס'ווילט זיך אַזוי שטילן די ווייטיקן, באַרויקן דעם פּיין! און מען וועט באַשאַפן טאַקע דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, אָבער וואָס מען דאַרף נישט — דאָס לעבן פון דעם גליקזעליקן און הייליקן, איז ער דאָך דערמיט גרויס און הייליק, וואָס ער איז אַ מענטש, — אַ זינלאָז און פּיינלעך שיינער מענטש, אַ מענטש פון דער גאַנצער מענטשהייט. איך בין דאָ זיך סותר אין עפּעס, אָבער — דאָס איז נישט וויכטיק. ער איז דער מענטש, וואָס מאָנט באַ גאָט נישט פאַר זיך, נאָר פאַר די מענטשן, אַז ער זאָל אים, דעם מענטש, איבערלאָזן אין רו פון דער מדבר, וואָס ער האָט זיך אויסגעוויילט. ער האָט אונז געגעבן אַן עוואַנגעליע, און כדי מיר זאָלן פאַרגעסן אָן די סתירות אין קריסטוסן, — האָט ער פאַראייַנפאַכט זיין בילד, צוגעגלעט אין אים דעם קריגערישן אָנהויב און אַרויסגערוקט דאָס הכנעהדיקע „צום ווילן פון דעם, וואָס האָט געשיקט". ס'איז בלתי ספק, אַז טאָלסטאָיס עוואַנגעליע

איז לייכטער אָנגעמבאַר, וואָרים דאָס איז מער „לויטן מיחיש" פון רוסישן פאָלק. מען האָט דאָך געמוזט געבן עפּעס דעמדאָזיקן פאָלק, וואָרים עס קלאָגט זיך, ס'צעטרייסלט מיט קרעכצן די ערד און ציט אָפּ פּונם „עיקר". אין „מלחמה און שלום" איז אַלעס איבעריקע פון דערדאָזיקער ליגיע — וועט נישט לינדערן דעם צער און פאַרצווייפלונג פון דער גראָער רוסישער ערד.

וועגן „מלחמה און שלום" האָט ער אַליין געזאָגט : „אָן פאַלשער באַשיידנקייט — דאָס איז ווי איליאַדאַ". מ. אַ. טשייקאָווסקי האָט געהערט פון זיין מויל פּונקט אַזאַ אָפּשאַצונג פון „קינדהייט", „בחור-יאָרן".

ס'זענען אָקאָרשט געווען זשורנאַליסטן פון נעאַפּאָל — איינער פון זיי איז שוין געקומען צו לויפן פון רוים. זיי בעטן צו זאָגן זיי, וואָס איך טראַכט וועגן טאָלסטאָיס „אַנטלויפן", — אַזוי זאָגן זיי טאַקע — „אַנטלויפן". איך האָב מיך אָפּגעזאָגט צו שמועסן מיט זיי. איר פאַרשטייט, נאַטירלעך, אַז מיין געמיט איז אין אַ צעפלאַמטער אומרו, — איך וויל נישט זען טאָלסטאָיען אַלס הייליקן ; זאָל ער בלייבן אַ זינדיקער, נאָענט צום האַרץ פון דער דורכויס זינדיקער וועלט, אויף שטענדיק נאָענט צום האַרץ פון איטלעכן פון אונז. פּושקין און ער — נישטאָ קיין גראַנדיעזערס און טייערערס פאַר אונז...

געשטאָרבן ליעוו טאָלסטאָי.

ס'איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע, און אין איר איז מיט די געוויינלעכסטע ווערטער געזאָגט — נפטר געוואָרן.

דאָס האָט אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ אַריין, כ'האָב זיך צעיאָמערט פון באַליידיקונג און צער און אַט אַצינד, אין עפּעס אַ האַלב דולן צושטאַנד, שטעל איך אים מיר פאָר, ווי איך האָב אים געקענט, געזען, — ס'ווילט זיך פיינלעך רעדן וועגן אים. איך שטעל אים מיר פאָר אין קבר, — ער ליגט, ווי אַ גלאַטיקער שטיין אויפן גרונט פון אַ טייכל, און זיכער איז אין זיין גראָער באָרד שטיל פאַרבאָרגן דאָס — פאַר אַלע פרעמדע — שמייכעלע. און די הענט זענען, ענדלעך, רויק צונויפגעלייגט — זיי האָבן אָפּגעאַרבעט זייער קאַטאָרזשנע עובדה.

איך דערמאַן מיך זײַנע שאַרפֿע אויגן, — זיי האָבן אַלץ געזעען דורך און דורך — און די באַוועגונגען פֿון די פֿינגער, וואָס האָבן תמיד עפּעס ווי געקלעפּט פֿון דער לופֿט, זײַנע שמועסן, וויצן, די פֿויערישע באַליבטע ווערטער און די עפּעס אַזוי אומבאַשטימטע שטימע. און כ׳זע, ווי אַן אַ שיעור לעבן האָט אַרומגענומען דערדאָזיקער מענטש, ווי נישט מענטשיש קלוג ער איז געווען און — אומהיימלעך.

איך האָב אים איינמאָל געזעען אַזוי, ווי ס׳האָט אים, אפשר, קיינער נישט געזעען: כ׳בין געגאַנגען צו אים קיין גאַספּראַ מיטן ברעג פֿון ים און אונטער יוסופּאָווס גוט, אויפֿן סאַמע ברעג, צווישן די שטיינער, האָב איך באַמערקט זײַן קליינטשיקע, בייניקע פֿיגור, אין גראָע, צעקנייטשטע שמאַטעס און אין אַ צעקנאָדערטן הוט. ער זיצט, אונטערגעשפּאַרט די באַקנביינער מיט די הענט, — צווישן די פֿינגער ווייען די זילבערנע האָר פֿון דער באָרד — און קוקן אינדערווײַטנס, אין ים אַרײַן, און צו זײַנע פֿיס קײַקלען זיך צו, לאַשטשען זיך גרינלעכע פֿאַליעלעך, ווי דערציילנדיק עפּעס וועגן זיך דעם אַלטן חכם. דער טאָג איז געוואָרן אַ בונטער, איבער די שטיינער זענען געקראָכן שאָטנס פֿון וואָלקנס, און איביינעם מיט די שטיינער איז דער זקן דאָ ליכטיק, דאָ טונקל געוואָרן. די שטיינער — ריזיקע, מיט שפּאַלטן, און זענען באַוואָרפֿן מיט שמעקעדיקע וואַסער־געוויקסן, — מיט אַ טאָג פֿריער איז געווען אַ שטאַרקער צושטראָם. און ער אַליין האָט זיך מיר אויך אויסגעוויזן — אַן אוראַלטער, אויפֿגעלעבטער שטיין, וואָס ווייסט אַלע אָנהייבן און צילן, וואָס טראַכט וועגן דעם — ווען און וואָסער סוף וועט זײַן פֿון די שטיינער און ערדישע גראָזן, פֿון דעם וואַסער פֿון ים און פֿון דעם מענטש און פֿון דער גאַנצער וועלט, פֿון שטיין ביז זון. און דער ים — איז אַ טייל פֿון זײַן נשמה, און אַלץ אַרום דורך אים, פֿון אים. אין דער פֿאַרטראַכטער אומבאַוועגלעכקייט פֿונם זקן האָט זיך אויסגעדאַכט עפּעס נביאיש מכשפֿדיקס, עפּעס, וואָס איז פֿאַרזונקען אין דער פֿינצערניש אונטער אים, וואָס איז פֿאַרשנד אַוועק מיט אַ שפּיץ אין דער בלאָער ליידיקייט איבער דער ערד, ווי כלומרשט ער — זײַן קאָנצענטרירטער ווילן —

רופט אַרויס און שטויסט צוריק די כוואַליעס. פירט אָן מיט דער באַוועגונג פון די וואָלקנס אין מיט די שאָטנס, וועלכע באַוועגן כלומרשט די שטיינער, וועקן זיי. און פלוצלינג אין עפּעס אַ מי־נוטלעכער משוגעת האָב איך דערפילט, אַז — מעגלעך! — ער וועט אויפשטיין, אַ מאַך טון מיט דער האַנט, און דער ים וועט פאַרגליווערט ווערן, פאַרגלאָזט ווערן, און די שטיינער וועלן זיך אַ ריר טון און אָנהייבן שרייען, און אַלץ אַרום וועט אויפלעבן, וועט אָנהייבן רוישן, וועט אָנהייבן רעדן אויף פאַרשידענע קולות וועגן זיך, וועגן אים, קייגן אים. ס׳איז נישט צו שילדערן מיט קיין ווערטער, וואָס איך האָב דעמאָלט דערפילט; אויף דער נשמה איז געווען אי התפעלותדיק, אי אומהיימלעך, און נאָכדעם האָט זיך אַלץ צונויפגעגאָסן אין אַ גליקלעכער מחשבה:

— איך בין נישט קיין יתום אויף דער ערד, כל זמן דער־דאָזיקער מענטש איז דאָ אויף איר!

דאַן בין איך פאַרזיכטיק, אַז די שטיינדלעך זאָלן נישט סקריפּען אונטער די פיס, אַוועקגעגאַנגען צוריק, נישט וועלנדיק שטערן אים אין זיינע טראַכטונגען. און אָט אַצינד — פיל איך זיך אַ יתום, איך שרייב און וויין, — ס׳האָט זיך מיר קיינמאָל אין לעבן נישט געטראָפן צו וויינען אַזוי טרייסטלאָז, אַזוי פאַר־צווייפלט און ביטער. איך ווייס נישט, צי האָב איך אים ליב גע־האַט, נאָר איז דען דאָס וויכטיק — די ליבשאַפט צו אים אָדער די שנאה? ער האָט תמיד געוועקט אין מיין נשמה איבערלעבע־נישן און אויפרעגונגען אומגעהייערע, פאַנטאַסטישע; אפילו דאָס נישט אָנגענעמע און פיינדלעכע, וואָס ער האָט אַרויסגערופן, האָט אָנגענומען פאָרמען, וועלכע האָבן נישט דערשלאָגן, נאָר, אַזוי ווי אויפרייסנדיק די נשמה, האָבן זיי זי אויסגעברייטערט, האָבן זי געמאַכט עמפינדלעכער און מער אויפנעמבאַרער. שיין איז ער גע־ווען, שאַרנדיק מיט די זוילן, אַזוי ווי הערשעריש אויס־גלייכנדיק די נישט גלייכקייט פון וועג, איז ער פלוצלינג דערשי־נען פון ערגעץ-ווו פון אַ טיר, פון אַ ווינקל, איז געגאַנגען צו אייך מיט אַ דראָבנעם, לייכטן און גיכן טריט פון אַ מענטש, וואָס איז געוואוינט אַ סך צו גיין איבער דער ערד, און פאַרשטעקנדיק

די גראָבע פינגער פון די הענט היגטערן פאַס, איז ער אויף אַ רגע געבליבן שטיין, שנעל אומקוקנדיק זיך מיטן שאַרפן בליק, וועלכער האָט מיטאַמאָל באַמערקט אַלץ, וואָס ניי און האָט גלייך אויסגעזויגן דעם תמצית פון אַלעמען.

— זייט באַגריסט !

איך פלעג שטענדיק איבערזעצן דאָסדאָזיקע וואָרט אַזוי : — זייט באַגריסט, — נחת פאַר מיר, און ממשותדיקס פאַר אייך איז, איז נישט קיין ספק דערין, אָבער פונדעסטוועגן — זייט באַ-גריסט.

ער קומט אַרויס — אַ קלייבינקער. און אַלע ווערן באַלד קלענער פון אים. די פויערישע באָרד, די גראָבע, נאָר אומגעווייג-לעכע הענט, די איינפאַכע קליידונג און דערדאָזיקער גאַנצער, אויסערלעכער, באַקוועמער דעמאָקראַטיזם האָט נישט איינעם פאַר-פירט, און אָפט איז אויסגעקומען צו זען, ווי די רוסלענדער, וואָס זענען געוואוינט צו מקבל פנים זיין אַ מענטש „לויטן מלבוש" — אַן אַלטע, שקלאַפישע טבע ! — האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיסן יענע שמעקעדיקע „פּראָסטהאַרציקייט", וועלכע ווערט גענויער אָנגערופן אַמיקאָשאָנעריי.

— אַך, די קרוין אונזערע ! אָט וואָסערער דו ביסט ! ענדלעך האָב איך זוכה געווען אָנצוקוקן דעם גרעסטן זון פון מיין געבוירנלאַנד, זיי באַגריסט אויף אייביק און נעם אָן מיין גרוס !

דאָס איז — מאָסקוויש-רוסיש, איינפאַך און האַרציק, נאָר אָט איז נאָך רוסיש, „פריידענקעריש" :

— ליעוו ניקאָלאַיעוויטש ! זייענדיק נישט איינשטימיק מיט אייערע רעליגיעז-פילאָזאָפישע בליקן, נאָר טיף שעצנדיק אין אייער פערזאָן דעם גרויסן קינסטלער. . .

און פון אונטער דער פויערישער באָרד, פון אונטער דער דעמאָקראַטישער, צעקנייטשטער בלוזע, הייבט זיך פלוצלינג אויף אַן אַלטער רוסישער פריץ, אַ גרויסאַרטיקער אַריסטאָקראַט, — דע-מאָלט ווערן מיטאַמאָל באַ די מענטשן, די פּראָסטהאַרציקע, גע-בילדעטע און אַנדערע, בלוי די נעז פון אומפּאַרטראָגלעכער קעלט.

ס'איז אָנגענעם געווען צו זען דאָסדאָזיקע ווען פֿון ריינעם יחוס־דיקן בלוט, ס'איז אָנגענעם געווען צו באַאָבאַכטן די איידלקייט און גראַציע פֿון זשעסט, די שטאָלצע איינגעהאַלטנקייט פֿון רעדן, צו הערן די גאַלאַנטע טרעפֿלעכקייט פֿון צעשמעטערנדיקן וואָרט. דעם פּריץ האָט ער געהאַט אין זיך אַקוראַט אַזוי פֿיל, וויפֿיל מען דאַרף פּאַר שקלאַפֿן, און ווען זיי האָבן אַרויסגערופֿן אין טאָלסטאָיען דעם פּריץ, פֿלעגט ער דערשיינען לייכט, פֿריי און אַזוי זיי דריקן, אַז זיי פֿלעגן זיך נאָר קאָרטשען און פּישטשען.

ס'איז מיר אויסגעקומען מיט איינעם פֿון די „פּראָסטהאַרציקע" רוסישע מענטשן — מיט אַ מאָסקוויטש — זיך אומצוקערן פֿון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ קיין מאָסקווע. איז — האָט ער לאַנג נישט געקענט קומען צו זיך, אַלץ־איינעם באַקלאָגלעך געשמייכלט און פֿאַרלוירן איבערגעחזרט:

— נ־נו, — אַ באָד. אַ מין שטרענגער... פֿו!

און, צווישן אַנדערן, האָט ער אויסגעשריגן מיט בולטער באַדויערונג:

— און איך האָב דאָך געמיינט, אַז ער איז טאַקע אַן אַנאַרכיסט. אַלע זאָגן — אַנאַרכיסט, אַנאַרכיסט, האָב איך געגלייבט...

דערדאָזיקער מענטש איז געווען אַ רייכער אָנגעזעענער פֿאַבריקאַנט, האָט פֿאַרמאָגט אַ גרויסן בויך, אַ פֿעט פּנים פֿון אַ פֿליישיקן קאָליר, — צוואָס איז אים נייטיק געווען, אַז טאָלסטאָי זאָל זיין אַן אַנאַרכיסט? ס'איז איינע פֿון די „טיפֿע געהיימנישן" פֿון דער רוסישער נשמה.

אויב ל. נ. האָט געוואָלט געפֿעלן ווערן, פֿלעגט ער דאָס דערגרייכן לייכטער פֿון אַ פֿרוי, אַ קלוגער און אַ שיינער. ס'זיצן באַ אים פֿאַרשידענע מענטשן: דער גרויספֿירשט ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש, דער מאָלער איליאַ, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט פֿון יאַלטע, דער שטונדיסט פּאַצוק, עפּעס אַ מוזיקער, אַ דייטש, דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער גראַפֿין קליינמיכעל, דער דיכטער בולגאַקאָוו, און אַלע קוקן אויף אים אַלץ איינס מיט פֿאַרליבטע אויגן. ער איז פֿאַר זיי מסביר די לערע פֿון לאַאָטצע, און מיר דאַכט זיך, אַז

ער איז עפּעס אַן אומגעווײנלעכער מענטש־אָרקעסטער, וואָס פאַר־מאָגט די פעיקייט צו שפּילן מיטאַמאָל אויף עטלעכע אינסטרו־מענטן — אויף אַ מעשענעם טראָמפּייט, אויף אַ פּויק, אויף אַ האַרמאָניקע און אַ פלייט. איך האָב געקוקט אויף אים, ווי אַלע. און אָט האָב איך געוואָלט אַ קוק טון אויף אים נאָכאַמאָל און — כ׳וועל מער קיינמאָל נישט זען.

ס׳זענען געקומען זשורנאַליסטן, זיי דערציילן, אַז אין רוים איז דערהאַלטן געוואָרן אַ טעלעגראַמע, „וואָס לייקנט אָפּ דעם קלאַנג וועגן טויט פון ליעוו טאָלסטאָי". זיי האָבן אַרומגעשמייעט, געפּלוידערט, אין אַ ים ווערטער אויסדריקנדיק מיטגעפיל רוס־לאַנד. די רוסישע צייטונגען לאָזן נישט איבער קיין אָרט פאַר ספקות.

ליגנט זאָגן פאַר אים איז נישט מעגלעך געווען אפילו פון רחמנות, אפילו אַלס געפערלעך קראַנקער האָט ער עס נישט אַרויס־גערופן. דאָס איז אַ באַנאַליטעט — רחמנות צו האָבן אויף אַזעל־כע מענטשן, ווי ער. זיי באַדאַרף מען אָפּשוינען, פלעגן, אָבער נישט באַשיטן מיט וואָרט־שטויב פון עפּעס אָפּגעריבענע, אָננשמה־דיקע ווערטער.

ער האָט נעפרעגט :

— איך געפעל אייך נישט ?

האָט מען באַדאַרפט זאָגן : „יאָ איר געפעלט נישט".

— איר האָט מיך נישט ליב ? — יאָ, היינט האָב איך אייך נישט ליב.

אין פראַגן איז ער געווען אומרחמנותדיק, אין ענטפערס — איינגעהאַלטן, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ חכם.

וואונדערלעך שיין פלעגט ער דערציילן וועגן דער פאַרגאַנ־גענהייט און בעסער פון אַלעם וועגן טורגעניעוון. וועגן פעטן — מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און שטענדיק עפּעס קאָמישס ; וועגן

ניעקראַסאָוון — קאַלט, סקעפּטיש, נאָר ווען אַלע שרייבערס אַזוי, גלייך דאָס וואָלטן געווען זיינע קינדער, און ער, דער פּאָטער, ווייסט אַלע זייערע חסרונות און — נאָט אייך! — ער שטרייכט אונטער דאָס שלעכטע פריער פון גוטן. און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט רעדן וועגן עמעצן שלעכט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס דערלאַנגט ער די צוזעערער אַ נדבה אויף זייער אָרימקייט; בעתן הערן זיינע מיינונגען איז מען געווען אין פאַרלעגנהייט, אונטער דעם שאַרפן שמייכעלע האָבן זיך נישטווילנדיק אַראָפּגע־לאָזט די אויגן — און ס'פלעגט גאָרנישט פאַרבלייבן אין זכרון.

איינמאָל האָט ער פאַרביסן אויפגעוויזן, אַז ג. אי. אוספּענ־סקי האָט געשריבן אויף אַ טולסקער שפּראַך, און ער האָט נישט געהאַט קיין שום טאַלענט. און ער אַליין האָט דערנאָך אין מיין אַנוועזנהייט געזאָגט טשעכאָוון:

— אָט — אַ שרייבער! מיט דער קראַפט פון זיין אויפריכ־טיקייט דערמאָנט ער אָן דאָסטאָיעווסקין, נאָר דאָסטאָיעווסקי האָט פּאָליטיקאַניזירט און קאָקעטירט, און ער — איז איינפאַכער, אויפ־ריכטיקער. ווען ער וואָלט געווען געגלייבט אין גאָט, וואָלט פון אים געווען אַרויסגעקומען עפּעס אַ סעקטאַנט.

— און וואָס זשע האָט איר געזאָגט — אַ טולסקער שריי־בער און — טאַלענטלאָז?

ער האָט באַהאַלטן די אויגן אונטער די אויסטערלישע האָ־ריקע ברעמען און געענטפערט:

— ער האָט געשריבן שלעכט. וואָס פאַר אַ שפּראַך איז בײַ אים? מער אינטערפּונקציע, ווי ווערטער. טאַלענט — דאָס איז ליבע. ווער ס'האָט ליב, דער איז אויך טאַלענטירט. גיט אַ קוק אויף פאַרליבטע, — אַלע זענען טאַלענטירט!

וועגן דאָסטאָיעווסקין פלעגט ער רעדן נישט גערן, געצוואונ־גענערהייט, עפּעס אַרומקרייזלענדיק, עפּעס איבערגוברנדיק.

— ער וואָלט זיך געווען באַקענט מיט דער לערע פון קאָנ־פוציוס אָדער פון די בודיסטן, דאָס וואָלט אים געווען באַרויקט, דאָס איז — דער עיקר, וואָס איטלעכער און אַלע דאַרפן וויסן

ער איז געווען אַ מענטש מיט ברויזנד בלוט. ער ווערט בייז — שפּרינגען אים אַרויס ביילן אויפן פּליך און ער באַוועגט מיט די אויערן! געפילט האָט ער אַ סך, נאָר געקלערט — שלעכט, ער האָט באַ דידאַזיקע, באַ די פּוריעריסטן, זיך געלערנט טראַכטן באַ בוטאַשעוויטשן און אַנדערע. דערנאָך — האָט ער זיי געהאַסט דאָס גאַנצע לעבן. אין בלוט איז באַ אים געווען עפּעס יידישס. ער איז געווען פּאַרדאַכטלעך, אַמביציעז, שווער און אומגליקלעך. ס'איז מאָדנע, וואָס מען לייענט אים אַזוי פיל, כ'פאַרשטיי נישט — פאַרוואָס! ס'איז דאָך שווער און נוצלאָז, וואָרים די אַלע אידיאָטן, בחורימלעך, ראַסקאָלניקאָווס און אַלץ — איז נישט אַזוי געווען, אַלץ איז איינפאַכער, פאַרשטענדלעכער. און אָט ליעסקאָוון — אַ שאָד מען לייענט נישט, אַן אמתריקער שרייבער, — איר האָט אים געלייענט?

— יאָ, כ'האָב זייער ליב, באַזונדערס — די שפּראַך.

— די שפּראַך האָט ער געקענט וואונדערלעך, ביז פּאָקוסן מאָדנע, וואָס איר האָט אים ליב. איר זענט עפּעס נישט קיין רוסישער, באַ אייך זענען נישט קיין רוסישע געדאַנקען — ס'מאַכט נישט אויס, ס'באַליידיקט אייך נישט, וואָס איך זאָג אַזוי? איך בין אַן אַלטער, און קען שוין, אפשר, די איצטיקע ליטעראַטור נישט פאַרשטיין, נאָר מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז זי איז — נישט קיין רוסישע, מען האָט אָנגעהויבן שרייבן עפּעס אַזעלכע מאָדנע לידער, — איך ווייס נישט, פאַרוואָס דאָס זענען לידער און פאַר וועמען. מען דאַרף זיך לערנען לידער באַ פּושקינען, טיוטשעוון, שינשינען. אָט איר — ער האָט זיך געווענדט צו טשעכאָוון — איר זענט אַ רוסישער! יאָ, זייער, זייער אַ רוסישער.

און ליבלעך שמייכלענדיק, האָט ער אַרומגענומען אַ. פּ. באַ דער פּלייצע, און יענער האָט זיך פאַרשעמט און אָנגעהויבן מיט אַ גרעבלעכער שטימע דערציילן עפּעס וועגן זיין דאַטשע, וועגן די טאָטערן.

טשעכאָוון האָט ער ליב געהאַט און שטענדיק, קוקנדיק אויף אים, האָט ער ממש געגלעט דאָס פּנים פון אַ. פּ. מיט זיין בליק, במעט אַ צערטלעכן אין דערדאָזיקער מינוט. איינמאָל איז אַ. פּ.

געגאַנגען איבער אַ שטעגל פֿון פּאַרק מיט אַלעקסאַנדראַ לוואָוונאַ, און טאָלסטאָי, נאָך אַ קראַנקער אין יענער צייט, זיצנדיק אין אַ פֿאָטעל אויף דער טעראַסע, האָט זיך איינגעגלעצט אַזוי ווי אַ צי געטון נאָך זיי, זאָגנדיק מיט אַ שטיל קול:

— אַך, סאַדראַ ליבער, הערלעכער מענטש: אַ באַשיידענער, אַ שטילער, ממש אַ מיידל! ער גייט אפילו, ווי אַ מיידל. פּשוט — אַ וואונדערלעכער!

איינמאָל פֿאַרנאַכט, אין בין השמשות, האָט ער מיט פֿאַרמרוזשעטע אויגן, באַוועגנדיק מיט די ברעמען געלייענט אַ וואַריאַנט פֿון יענער סצענע אין „פֿאָטער סערגי“, וואו ס׳ווערט דערציילט, ווי די פרוי גייט פֿאַרפֿירן דעם פּרוש, ער האָט איבערגעלייענט ביזן סוף, אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און, פֿאַרמאַכנדיק די אויגן, האָט ער דייטלעך אַרויסגעזאָגט:

— ער האָט אָנגעשריבן, דער אַלטער, גוט!

ס׳איז בײַ אים אַרויסגעקומען וואונדערלעך איינפֿאַך, די אַנטציקונג מיט דער שיינקייט איז געווען אַזוי אויפֿריכטיק, אַז איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן די התפּעלות, וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט, — די התפּעלות, וואָס איך האָב נישט געקאָנט, בין נישט מסוגל געווען אויסצודריקן, נאָר אויך צו דערשטיקן זי האָט מיך געקאָסט אומגעהייערע אָנשטרענגונג. דאָס האַרץ האָט זיך אַזש אָפּגעשטעלט, און נאָכדעם איז אַלץ אַרום געוואָרן מחיהדיק־פֿריש און נײַ.

מען האָט באַדאַרפֿט זעען, ווי ער רעדט, כּדי צו פֿאַרשטיין די באַזונדערע, נישט אויסדריקבאַרע שיינקייט פֿון זײַן רעדן, וואָס האָט אויסגעוויזן אַזוי ווי גרייזיק, רייך מיט איבערחזרונגען פֿון איינע און די זעלבע ווערטער, אָנגעזעטיקט מיט דאָרפֿישער איינפֿאַכקייט; דער כּוח פֿון זײַנע ווערטער איז געווען נישט בלויז אין דער אינטאָנאַציע, נישט אינעם פּלאַטער פֿון געזיכט, נאָר אין שפּיל און אין גלאַנץ פֿון די אויגן, די סאַמע באַרעדעוודיקסטע אויגן, וואָס איך האָב ווען ס׳איז געזען. בײַ ל. נ. איז געווען טויזנט אויגן אין איין פּאָר.

סוליער, טשעכאָוו, סערגיי לוואָוויטש און נאָך עמעץ האָבן,

ויצנדיק אין פּאַרק, געדרעדט וועגן פרויען; ער האָט לאַנג געהערט שווייגנדיק און פּלוצלינג געזאָגט:

— און איך וועל וועגן ווייבער זאָגן דעם אמת, ווען כ'וועל מיט איין פוס זיין אין קבר, — כ'וועל זאָגן, וועל אַ שפּרונג טון אין ארון אַריין, וועל זיך צודעקן מיטן דעק — נעמט מיך דע־מאָלט! — און זיין בליק האָט אויפגעפלאַקערט אַזוי וואויל־ייִנגעריש־אומהיימלעך, אַז אַלע זענען פאַרשוויגן געוואָרן אויף אַ מינוט.

אין אים, ווי איך קלער, האָט געלעבט די עזותדיקע און אויספרווונדיקע וואוילייִנגערישקייט פון וואַסקאַ בוסלאַיעוו און אַ טייל פון דער איינגעשפּאַרטער נשמה פון פּראָטאָפּאָפּ אַוואַקום, און ערגעץ אינדערהייך אָדער אין דער זייט איז געווען פאַרבאָרגן דער טשאַאַדאַיעווישער סקעפּטיציזם. ס'האָט געפּריידיקט און גע־מאַטערט די נשמה פון קינסטלער דער אַוואַקומישער עלעמענט, ס'האָט אַראָפּגעשליידערט שעקספּירן און דאַנטען — דער נאָווגאָ־גראָדער עזותניק, און דאָס טשאַאַדאַיעווישע האָט געלאַכט פון די־דאָזיקע שפּאַסן פון דער נשמה און — אגב — אויך פון איר פּיי־ניקן זיך.

און די וויסנשאַפט און מלוכהשקייט האָט איבערראַשט דער אוראַלטער רוסישער מענטש, וואָס איז דערפירט געוואָרן צו פּאַ־סיוון אַנאַרכיזם דורך דער פּרוכטלאָזיקייט פון די פיל אָנשטרענ־גונגען זיינע צו בויען דאָס לעבן מער מענטשלעך.

דאָס איז — וואונדערלעך! נאָר דעם בוסלאַיעוו־שטריך האָט תופס געווען אין טאָלסטאָיען מיטן כוח פון עפּעס אַ געהיימער אינטואיציע אָלאַף גולבראַנסאָן, דער קאַריקאַטוריסט פון „סימפּלי־ציסימוס". קוקט זיך איין אין זיין צייכנונג, וויפיל אין איר איז פאַרהאַן טרעפלעכע ענלעכקייט צוםווירקלעכן ליעוו טאָלסטאָי און וויפיל אין דעמדאָזיקן פּנים מיט די צוגעמאַכטע באַהאַלטענע אויגן איז פאַרהאַן עזותדיקער שכל, פאַר וועלכן ס'איז נישטאָ קיין אומבאַרירלעכע הייליקייטן און וועלכער גלייבט נישט אין גאָר־נישט.

ס'שטייט פאַר מיר דערדאָזיקער אַלטער צויבערער, אַ פרעמ־

דער צו אַלעמען, וועלכער איז איינזאַם אויסגעפאָרן אַלע מדבריות פון געדאַנק אין זיין זוכן דעם אַלץ אַרומנעמענדיקן אמת און וואָס האָט אים נישט געפונען פאַר זיך, איך קוק אויף אים און — כאָטש גרויס איז דער צער פון דער אבידה, אָבער דער שטאָלץ דערפון, אַז איך האָב געזעען דעמדאָזיקן מענטש, פאַרלייכטערט דעם ווייטיק און דאָס אומגליק.

מאָדנע איז געווען צו זעען טאָלסטאָיען צווישן די „טאָל־סטאָיאַנער״; ס'שטייט אַ גיגאַנטישער גלאָקן־טורם און זיין גלאָק הערט נישט אויף צו הודזשען איבער דער גאַנצער וועלט, און אַרום לויפן קליינינקע, פאָרזיכטיקע הינטעלעך, באַגלייטן מיט זייער קוויטשען דעם גלאָק און אָן צוטרוי שיקלען זיי איינער אויפן אַנדערן — ווער האָט בעסער אונטערגעוואָיעט? מיר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז סיי דאָס יאַסנאָ־פּאָליאַנישע הויז, סיי דעם פּאַלאַץ פון דער גרעפין פּאַנינאַ האָבן זידאָזיקע מענטשן דורכגע־זאַפּט מיטן גייסט פון צביעות, פּחדנות, קליינלעכער קרעמעריש־קייט און דערוואַרטונג פון ירושה. אין די „טאָלסטאָיאַנער״ איז דאָ עפּעס געמיינזאַמס מיט יענע וואַנדרער, וועלכע גייען אויס די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון רוסלאַנד און טראָגן בײַ זיך אַרום הינטישע ביינער, אַנגעבנדיק זיי פאַר טיילן פון די ביינער פון הייליקע, זיי האַנדלען מיט דער „פינצטערניש פון מצרים״ און מיט טרערן פון דער געטלעכער מוטער. איך געדענק, ווי איינער פון אַזוינע אַפּאָסטאָלן האָט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ זיך אָפּגעזאָגט צו עסן אייער, כדי נישט צו באַליידיקן די הינער, און אויף דער סטאַציע טולאַ האָט ער מיט אַפּעטיט געגעסן פלייש און גע־טענהט:

— „ער טרייבט איבער, דער אַלטיטשקער!״

אַלע כמעט האָבן זיי ליב צו זיפצן, צו קושן זיך, בײַ אַלע זענען די הענט שווייסיק, אָן ביינער, און די אויגן פאַלש. אין דער זעלבער צייט זענען דאָס פּראַקטישע מענטשן, זיי אָרדנען איין זייער געשיקט זייערע ערדישע עסקים.

ל. נ. האָט נאַטירלעך גוט פאַרשטאַנען דעם אמתן ווערט פון די „טאָלסטאָיאַנער״, דאָס האָט אויך פאַרשטאַנען סוליערזשיצ־

קי, וועלכן ער האָט צערטלעך ליב געהאַט און וועגן וועמען ער פֿלעגט שטענדיק רעדן מיט יוגנטלעכן ברען, מיט אַנטציקונג. עפּעס איינמאָל האָט אין יאַסנאַיאַ עמעצער מליצהדיק דערציילט וועגן דעם, ווי אים איז גוט געוואָרן צו לעבן, און ווי ריין ס'איז געוואָרן זיין נשמה נאָכן אָנגעמען טאָלסטאָיס לערע. ל. נ. האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און געזאָגט שטילערהייט:

— דאָס אַלץ טשאַקעט ער, דער ממזרניק, נאָר ער טוט עס צוליב דעם, כּדי מיר צו פֿאַרשאַפֿן הנאה...

אַ סך מענטשן פֿלעגן זיך פֿלייסן צו פֿאַרשאַפֿן אים הנאה, נאָר איך האָב נישט געזען, אַז זיי זאָלן דאָס מאַכן גוט און געלונגען. ער האָט מיט מיר קיינמאָל נישט גערעדט אויף זיינע געוויינלעכע טעמעס — וועגן אַלפֿאַרגעבונג, ליבע צום נאָענטן, וועגן עוואַנגעליע און בודיזם, משמעות פֿאַרשטייענדיק לכתחילה, אַז דאָס אַלץ וואָלט געווען „נישט פֿאַרן דאָזיקן פֿערד קיין פֿאַשע". איך האָב דאָס טיף אָפּגעשאַצט.

ווען ער האָט געוואָלט, פֿלעגט ער ווערן עפּעס אַזוי באַזונדער שיין סובטעל, עמפּפֿינדלעך און ווייך, זיין שפּראַך איז געווען באַצויבערנד־איינפֿאַך, גאַלאַנט, אָבער טיילמאָל איז געווען שווער און אומאָנגענעם אים צו הערן. מיר פֿלעגן תּמיד נישט געפֿעלן זיינע מיינונגען וועגן פֿרויען, — אין דעם איז ער געווען צופֿיל „המוניש", און עפּעס געמאַכטס האָט געקלונגען אין זיינע ווערטער, עפּעס נישט אויפֿריכטיקס, און אין דער זעלבער צייט — זייער פּערזענלעכס. גלייך מען האָט אים איינמאָל באַליידיקט, און ער קאָן עס נישט פֿאַרגעסן און מוחל זיין. אין דעם אָוונט פֿון מיין ערשטער באַקאַנטשאַפֿט מיט אים האָט ער מיך אַוועקגעפֿירט צו זיך אין קאַבינעט, — דאָס איז געווען אין כאַמאָווניקי, — מיך אַוועקגעזעצט אַקיגנאיבער זיך און אָנגעהויבן רעדן וועגן „וואַרענקאַ אָליעסאָוואַ", וועגן „זעקס און צוואַנציק און איינע". איך בין געווען דערדריקט פֿון זיין טאָן, כ'האָב זיך אַזש פֿאַרלוירן — אַזוי נאַקעט און שאַרף האָט ער גערעדט, באַווייזנדיק, אַז אַ געזונט מיידל איז נישט אייגן קיין שעמעוודיקייט.

— אויב אַ מיידל איז אַלט געוואָרן פֿינפֿצען יאָר און זי איז געזונט, ווילט זיך איר, אַז מען זאָל זי אַרומנעמען, טאַפּן. איר שכל האָט נאָך מורא פֿאַר דעם אומבאַקאַנטן, פֿאַר דעם נאָך אומפֿאַרשטענדלעכן — דאָסדאָזיקע רופֿט מען אָן צניעות, שעמעוודיקייט. אָבער איר קערפּער ווייסט שוין, אַז דאָס אומפֿאַרשטענדלעכע איז אומפֿאַרמיידלעך, געזעצלעך און פֿאָדערט קייגן דעם שכל די אויספֿירונג פֿון געזעץ. בײַ אײַך אָבער איז דידאָזיקע וואַרענקאַ אָלעסאָוואַ געמאָלט אַלס געזונטע, און פֿילט אַנעמיש, — דאָס איז נישט אמת!

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם מיידל פֿון „זעקס און צוואָנציק“, אַרויסברענגענדיק אײנס נאָכן אַנדערן „נישט אָנשטענדיקע“ ווערטער מיט אַ פּראָסטקייט, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַלס ציניזם און האָט מיך אַפֿילו אַ ביסל באַליידיקט. שפּעטער האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט באַנוצט די „געאַסערטע“ ווערטער נאָר דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן פֿאַר מער גענויע און טרעפֿלעכע, אָבער דעמאָלט איז מיר נישט אָנגענעם געווען צו הערן זײַן שפּראַך. איך האָב אים נישט אָפּגענטפֿערט; פּלוצלינג איז ער געוואָרן אויפֿמערקזאַם, ליבלעך און אָנגעהויבן מיך אויספֿרעגן, וויאַזוי איך האָב געלעבט, זיך געלערנט, וואָס געלייענט.

— מען זאָגט — איר זענט זייער אַן אָנגעלייענטער, — ס'איז אמת? וואָס איז קאָראָלענקאָ — אַ מוזיקאַנט?

— דאַכט זיך, נישט. כ'ווייס נישט.

— איר ווייסט נישט? ס'געפֿעלן אײַך זײַנע דערציילונגען?

— יאָ, זייער.

— דאָס איז מחמת דעם קאָנטראַסט, ער איז אַ ליריקער, און בײַ אײַך איז דאָס נישטאָ. איר האָט געלייענט וועלטמאַנען?

— יאָ.

— אמת, — אַ פֿיינער שרײַבער, אַ דרייסטער, אַ גענויער, אָן איבערטרײַבונגען. ער איז טיילמאָל בעסער פֿון גאָגאָלן. ער

האָט געקענט באַלזאַקן. און גאָגאָל האָט נאָכגעמאַכט מאַרלינ־סקין.

ווען איך האָב געזאָגט, אַז גאָגאָל איז, מסתמא, אַרונטער־געפאַלן אונטער דער השפעה פון האָפמאַנען, שטערנען און אפשר, פון דיקענסן, — האָט ער, וואַרפנדיק אַ בליק אויף מיר, געפרעגט:

— איר האָט דאָס ערגעץ־ווּ געלייענט? ניין? דאָס איז נישט ריכטיק. גאָגאָל האָט גאָר אוודאי נישט געקאָנט דיקענסן. און איר האָט ווירקלעך אַ סך געלייענט, — זעט, דאָס איז שעד־לעך! קאָלצאָוו האָט זיך איבערגעפירט דערמיט.

אַרויסבאַגלייטנדיק, האָט ער מיך אַרומגענומען, אַ קוש געטון און געזאָגט:

— איר זענט — אַן עכטער פּויער! אייך וועט זיין שווער צווישן די שרייבערס, אָבער האָט פאַר גאָרנישט קיין מורא, רעדט שטענדיק אַזוי, ווי איר פילט, ס'וועט אַרויסקומען גראָב — מאַכט נישט אויס! קלוגע מענטשן וועלן פאַרשטיין.

דידאָזיקע ערשטע באַגעגניש האָט באַ מיר אַרויסגערופן אַ צווייענדיקן איינדרוק: איך בין געווען צופרידן און האָב געשטאָל־צירט מיט דעם, וואָס איך האָב געזען טאָלסטאָיען, אָבער זיין שמועס מיט מיר האָט אַ ביסל דערמאַנט אַן עקזאַמען, און ווי איך וואָלט כלומרשט געזען נישט דעם מחבר פון, קאָזאַקן", „לייווענט־מעסטער", „מלחמה", נאָר אַ פּריץ, וואָס האָט, אַראָפּנידערנדיק צו מיר, געהאַלטן פאַר נייטיק צו רעדן מיט מיר אויף עפּעס אַ מין „פאָלק־סטיל", מיט דער שפּראַך פון מאַרק און גאַס, און דאָס האָט איבערגעקערט מיין פאָרשטעלונג וועגן אים — די פאָרשטע־לונג, מיט וועלכער איך האָב זיך איינגעלעבט, און איז מיר געווען טייער.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך אים געזען אין יאַסנאַיאַ. ס'איז געווען אַ האַרבסטיקער, פאַרוואָלקנטער טאָג, ס'האָט געשפּריצט אַ רעגנדל און ער — אָנגעטון אין אַ שווערן געפאַלדעוועטן פאַלטן מיט אַ פּאָר הויכע לעדערנע שיך, — אמתע נעצטרעטערס, — האָט מיך געפירט אין אַ וועלדל שפּאַצירן. יינג שפּרינגט ער איבער די ראָוועס

איבער די קאַלוזשעס, שאָקלט אַראָפּ די טראָפּנס רעגן פון די צווייגן צו זיך אויפן קאָפּ אַרויף און דערציילט גרויסאַרטיק, ווי שענשין האָט אים דערקלערט שאָפּענהויערן אין דעמדאָזיקן וועלדל. און מיט אַ צערטלעכער האַנט גלעט ער ליבפּול די נאַסלעכע, אָפּ-לעטענע שטאַמען פון די בעריאָזעס.

כ'האָב נישט לאַנג איבערגעלייענט ערגעץ-וואו די פערזן:

— פאַרשוואונדן די שוואָמען, אָבער שטאַרק שמעקט
אין די טאָלן מיט שוואָמען-פייכטקייט... —

דייער, זייער ריכטיק.

פלוצלינג האָט זיך אונז אונטער די פיס אַרונטערגעקייקלט אַ האָז. ל. נ. איז אונטערגעשפּרונגען, געמאַכט אַ רוצחישע מינע, דאָס פּנים האָט אויפגעפלאַקערט און, ווי אַן אַלטער חיות-שלעגער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ הוק. און נאָכדעם — אַ קוק געטון אויף מיר מיט אַ נישט אויסדריקבאַר שמייכעלע און זיך צעלאַכט מיט אַ קלוג, מענטשיש געלעכטערל. וואונדערלעך שיין איז ער געווען אין דער מינוט.

אַ צווייט מאָל, אויך דאָרט, אין פּאַרק, האָט ער געקוקט אויף אַ קאָרשון, — דער קאָרשון האָט געווירבלט איבער אַ בהמות-הויף, ער מאַכט אַ קרייז און שטעלט זיך אָפּ אין דער לופט, קוים זיך וויגנדיק אויף די פליגל, נישט אַנטשליסנדיק זיך: זיך אַ וואָרף טון, אָדער נאָך פרי? ל. נ. האָט זיך איינגאַנצן אויסגעצויגן, פאַרדעקט די אויגן מיט דער דלאָניע און שעפּטשעט צעפלאַ-טערט:

— דער גזלן לאָקערט אויף אונזערע הינער. אַט-אַט... אָט שוין... אָך, ער האָט מורא! דער קוטשער איז דאָרטן, צי וואָס? מען דאַרף אַ רוף טון דעם קוטשער...

און — ער האָט אַ רוף געטון. ווען ער האָט אַ געשריי גע-טון, האָט דער קאָרשון זיך איבערגעשראָקן, אויפגעצאַפּלט, אַ פלאָטער געטון און אין אַ זייט, — פאַרשוואונדן. ל. נ. האָט אַ זיפץ געטון און געזאָגט מיט בפירוש פאַריבל אויף זיך:

— איך האָב נישט געדאַרפט שרייען, ער וואָלט אַזוי אויך געווען אָפּגעצויגן...

איינמאָל, דערציילנדיק אים וועגן טיפליס, האָב איך דער־מאָנט דעם נאָמען פלעראָווסקי בערווי.

— איר האָט אים געקענט? — האָט לעבהאַפט געפרעגט ל.

נ. — דערציילט וואָסערער ער איז.

איך האָב גענומען דערציילן וועגן דעם, ווי פלעראָווסקי — אַ הויכער, לאַנגבערדיקער, אַ דאַרער, מיט גרויסע אויגן, — אָנ־געטון אין אַ לאַנגן לייוונטענעם כיטאָן, האָבנדיק צוגעבונדן צום פּאַס אַ טלומעקל רייז, געקאָכט אין רויטן ווייַן, באַוואָפנט מיט אַן אומגעהייערן לייוונטענעם שירעם, איז אַרומגעקראָכן מיט מיר אי־בער די בערגיקע שטעגלעך פון הינטער קאַווקאַז, ווי איינמאָל אויף אַ שמאָל שטעגל איז אונז אַקעגנגעקומען אַ בופלאָקס, און מיר האָבן מיט ישוב־הדעת זיך גענומען צוריקציען פון אים, דראָענ־דיק דער חיה רעה מיטן צעעפנטן שירעם, רוקנדיק זיך הינטער־ווײַלעכץ און ריזיקירנדיק אַריינצופאַלן אין אַן אָפּגרונט. פּלוצלינג האָב איך באַמערקט בײַ ל. נ. אין די אויגן טרערן, דאָס האָט מיך געבראַכט אין פֿאַרלעגנהייט, איך בין שטיל געבליבן.

— ס׳מאַכט נישט אויס, רעדט, רעדט! דאָס איז אַ מיר פון פרייד צו הערן וועגן אַ גוטן מענטש. כּאַ־אַ אינטערעסאַנטער־ער האָט זיך מיר טאַקע אַזוי פאָרגעשטעלט, אַן אויסטערלישער. צווישן די שרייבער, די ראַדיקאַלן, איז ער דער רייפסטער, דער קלוגסטער, בײַ אים איבם „אלף בית“, ווערט זייער גוט באַוויזן, אַז אונזער גאַנצע ציוויליזאַציע איז — אַ באַרבאַרישע, און די קולטור איז אַן ענין פון די פריצישע שבטים, אַן ענין פון שוואַ־כע, אָבער נישט פון שטאַרקע, און דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ — איז אַ פאַלשע אויסטראַכטעניש, מיט וועלכער מען וויל פאַרענט־פערן דאָס שלעכטס. איר זענט, נאַטירלעך, נישט מסכּים מיט דעם? אָבער אַ שטייגער דאָדע איז מסכּים, איר געדענקט, וואָסערער ס׳איז בײַ אים פאָל אַסטיע?

— וויאַזוי אָבער קען מען פאַראייניטלעכן מיט פלעראָווסקיס טעאָריע, לאָמיר זאָגן, די ראָלע פון די נאָרמאַנער אין דער גע־שיכטע פון אייראָפּע?

— די נאָרמאַנער איז עפּעס אַנדערש.

אויב ער האָט נישט געוואָלט ענטפערן, פלעגט ער שטענ־דיק זאָגן: „דאָס איז עפּעס אַנדערש".

מיר האָט זיך תּמיד געדאַכט — און איך מיין, כ'האָב נישט קיין טעות — ל. נ. האָט נישט זייער ליב געהאַט צו רעדן וועגן ליטעראַטור, אָבער לעבהאַפט זיך אינטערעסירט מיט דער פּער־זענלעכקייט פון ליטעראַט. די פראַגעס: „איר קענט אים? וואָסע־רער איז ער? וואו איז ער געבוירן געוואָרן?" — פלעג איך הערן זייער אָפט. און כמעט שטענדיק פלעגן זיינע מיינונגען אַנט־פּלעקן דעם מענטש פון עפּעס אַ באַזונדערער זייט.

וועגן קאָראָלענקאָן האָט ער געזאָגט פאַרטראַכט:

— ער איז נישט קיין גרויסרוס, דעריבער דאַרף ער זעען אונזער לעבן ריכטיקער און בעסער, ווי מיר זעען עס אַליין.

וועגן טשעכאָוון, וועלכן ער האָט וואַרעם און צערטלעך ליב געהאַט:

— אים שטערט די מעדיצין, ער וואָלט נישט געווען קיין דאָקטאָר, — וואָלט ער געשריבן נאָך בעסער.

וועגן עמעצן פון די יינגע:

— מאַכט זיך פאַר אַן ענגלענדער, וואָס ס'געלונגט ערגער פון אַלעם אַ מאָסקווער.

— מיר פלעגט ער נישט איינמאָל זאָגן:

— איר זענט אַן אויסטראַכטער. די אַלע אייערע קוואַלדעס ווענען אויסגעטראַכט.

איך האָב באַמערקט, אַז קוואַלדאַ איז — אַ לעבעדיקער מענטש.

— דערציילט, וואו איר האָט אים געזעען.

זייער לאַכעוודיק האָט אים געמאַכט די סצענע אינם אַמט־צימער פון דעם קאַזאַנער פרידנס־ריכטער קאָלאָנטאַיעוו, ווו איך האָב צום ערשטן מאָל דערזעען דעם מענטש, וועלכן איך האָב באַשריבן אונטערן נאָמען קוואַלדאַ.

— ווייסער ביין! — האָט ער געזאָגט, לאַכנדיק און אָפּ־ווישנדיק די טרערן. — יאָ, יאָ — ווייסער ביין. אָבער — סאַראַ ליבער, סאַראַ אַמיזירנדיקער. און איר דערציילט שענער, ווי איר

שרייבט. ניין, איר זענט אַ ראָמאַנטיקער, אַן אויסטראַכטער, זייט זיך שוין מודה.

איך האָב געזאָגט, אַז אַלע שרייבער טראַכטן, מסתמא, אַ ביסל צו, מאָלנדיק די מענטשן אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיי געוואָלט זעען אין לעבן; כ׳האָב אויך געזאָגט, אַז איך האָב ליב מענטשן אַקטיווע, וואָס ווילן זיך אַקייגנשטעלן דעם שלעכטס פון לעבן מיט אַלע מיטלען, אפילו מיט געוואַלט־טאַט.

— אָבער געוואַלט־טאַט איז דאָס הויפּט־שלעכטס! — האָט ער אויסגערופן, נעמענדיק מיך אונטער דער האַנט. — ווי אַזוי זשע וועט איר אַרויסגיין פון דערדאָזיקער סתירה, אויסטראַכטער? אָט איז בײַ אײַך „מיין באַגלייטער" — נישט אויסגעטראַכט, דאָס איז גוט, ווייל ס׳איז נישט אויסגעטראַכט. אָבער ווען איר טראַכט — ווערן בײַ אײַך געבוירן ריטער, אַלע זענען אַמאַדיסן און זיג־פרידס...

איך האָב באַמערקט, אַז כּל זמן מיר וועלן לעבן אין ענ־גער אַרומרינגלעניש פון די מענטשן־ענלעכע און אומפּאַרמיידלעכע „באַגלייטערס" אונזערע — ווערט אַלץ געבויט דורך אונז אויף זומפּיקן באָדן, אין אַ פיינדלעכער סביבה.

ער האָט אַ שמייכל געטון און לייכט מיך אַ שטויס געטון מיטן עלנבויגן.

— פונדאַנען קאָן מען מאַכן זייער, זייער געפערלעכע אויס־פירן! איר זענט אַ צווייפלהאַפטער סאָציאַליסט. איר זענט אַ ראָ־מאַנטיקער, און ראָמאַנטיקער דאַרפן זיין, מאָנאַרכיסטן, זיי זענען שטענדיק טאַקע אַזעלכע געווען.

— און הוגאָ?

— דאָס איז עפּעס אַנדערש, הוגאָ. כ׳האָב אים נישט ליב — אַ שרייער.

ער פלעגט נישט זעלטן מיך פרעגן, וואָס איך לייען, און שטענדיק מיך מוסרן פאַר דעם שלעכטן — לויט זיין מיינונג — אויסוואַל פון ביכער.

— גיבאָן, ער איז ערגער פון קאָסטאָמאַראָוון, מען דאַרף

לייענען מאָסענען, — ער איז זייער אַ דערעסנדיקער, אָבער — אַלץ איז סאָליד.

דערווייסנדיק זיך, אַז דאָס ערשטע בוך, וואָס איך האָב אי־בערגעלייענט, איז — „די ברידער זעמגאַנאָ", איז ער אַזש אויפ־געבראַכט געוואָרן.

— אָט זעט איר — אַ נאַרישער ראָמאַן. דאָס האָט אייך טאַקע קאַליע געמאַכט. די פראַנצויזן האָבן דריי שרייבער: סטענ־דאַל, באַלזאַק, פלאָבער, נו נאָך — מאָפּאַסאַן, נאָר טשעכאָוו איז בעסער פון אים. און די גאָנקורן זענען אַליין קונצנמאַכער, זיי האָבן זיך נאָר געמאַכט פאַר ערנסטע. זיי האָבן געשטודירט דאָס לעבן לויט ביכלעך, אָנגעשריבענע דורך פונקט אַזוינע אויסטראַכ־טער, ווי זיי אַליין זענען, און געקלערט, אַז דאָס איז אַן ערנסטער ענין, אָבער דאָס איז קיינעם נישט נייטיק.

איך האָב נישט איינגעשטימט מיט זיין אָפּשאַצונג, און דאָס האָט אַ ביסל אויפגערייצט ל. נ., — אים פלעגט שווער זיין אי־בערצוטראָגן דערווידערונגען, און צייטנווייז האָבן זיינע מיינונגען אָנגענומען אַן אויסטערלישן, קאַפּריזן כאַראַקטער.

— קיין שום אַנטאַרטונג איז נישטאָ, — האָט ער גע־טענהט — דאָס האָט אויסגעקלערט דער איטאַליענער לאָמבראָזאָ, און אים שרייט־נאָך, ווי אַ פּאָפּוגאַי, דער ייד נאָרדוי. איטאַליען איז אַ לאַנד פון שאַרלאַטאַנעס, אַוואַנטוריסטן, — דאָרטן ווערן געבוירן בלויז אַרעטינאָ, קאַזאַנאָוואַ, קאַליאָסטראָ און נאָך אַזעלכע.

— און גאַריבאַלדי?

— דאָס איז פּאָליטיק, דאָס איז — עפּעס אַנדערש!

אויף אַ גאַנצער ריי פאַקטן, גענומענע פון דער געשיכטע פון די סוחרישע פאַמיליעס אין רוסלאַנד, האָט ער גענטפערט.

— דאָס איז נישט אמת, דאָס שרייבט מען נאָר אין די קלוגע ביכלעך...

איך האָב אים דערציילט אַ געשיכטע פון דריי דורות פון מיינס אַ באַקאַנטער סוחרישער משפחה, אַ געשיכטע, וואו דאָס געזעץ פון אַנטאַרטונג האָט געווירקט באַזונדער אומרחמנותדיק:

דעמאָלט האָט ער צערודערט אָנגעהויבן צו ציפּן מיך באַם אַרבל און צוגערעדט:

— אָט דאָס — איז אמת! איך ווייס דאָס, אין טולא זע־נען דאָ צוויי אַזוינע משפּחות. און דאָס דאַרף מען אָנשרייבן. קורץ אָנשרייבן אַ גרויסן ראָמאַן, איר פאַרשטייט? אומבאַ־דינגט!

און זיינע אויגן האָבן געפינקלט גיריק.

— אָבער ס'וועלן דאָך זיין ריטערס, ל. נ.!

— לאָזט אָפּ! דאָס איז זייער ערנסט. דער, וואָס גייט ווערן אַ מאָנאַך מתפּלל צו זיין פאַר דער גאַנצער משפּחה, — דאָס איז הערלעך! דאָס איז דאָס ריכטיקע: איר — זינדיקט, און איך וועל גיין אָפּבעטן אייערע זינד. און דער צווייטער — דער מרה־שחורהדיקער, דער איינרייסער און בויער, — איז אויך אמת! און וואָס ער שכורט, און איז אַ חיה, אַן אויסגעלאַסענער, און האָט אַלעמען ליב, און — פלוצלינג — דערהרגעט ער, — אַך, דאָס איז וואויל! אָט דאָס דאַרף מען אָנשרייבן, אָבער צווישן גנבים און בעטלער טאָר מען נישט זוכן קיין העלדן, מען דאַרף נישט! העלדן זענען — אַ שקר, אַן אויסטראַכטעניש, ס'זענען דאָ פּשוט מענטשן, מענטשן און מער גאָרנישט.

ער פלעגט זייער אָפט מיר אָנווייזן אויף די איבערטרייבונגען, וואָס ווערן דורך מיר דערלאָזט אין די דערציילונגען, נאָר איינמאָל, רעדנדיק וועגן צווייטן טייל „טויטע נפשות", האָט ער געזאָגט, גוטמוטיק שמייכלענדיק:

— מיר זענען אַלע מוראדיקע צוטראַכטערס. איך אליין טאָ־קע אויך, טיילמאָל שרייבסטו און פלוצלינג — קריגסטו רחמנות אויף וועמען ס'איז, נעמסטו און לייגסט אים צו אַ בעסערן שטריך, און באַ אַן אַנדערן — נעמסטו אַראָפּ, אַז יענע, וואָס לעבן אים, זאָלן נישט אַזוי שוואַרץ אַרויסקומען.

און באַלד מיט אַ שטרענגן טאָן פון אַן אומגעבויגענעם ריכטער:

— אָט דערפאַר טאַקע זאָג איך, אַז די קונסט — איז פאַלש־קייט, אָפּנאַרעריי און ווילקיר, און איז שעדלעך פאַר די מענטשן.

דו שרייבסט נישט וועגן דעם, וואָס עס איז דאָסווירקלעכע לעבן, ווי אַזוי עס איז, נאָר וועגן דעם, וואָס דו קלערסט וועגן לעבן, דו גופא. ווען זשע איז נוצלעך צו וויסן, ווי אַזוי איך זע דעם־דאָזיקן טורם אָדער דעם ים, דעם טאָטער — פאַרוואָס איז דאָס אינטערעסאַנט, צוואָס בייטיק?

טיילמאָל האָבן זיינע געדאַנקען און געפילן זיך מיר אויסגעוויזן קאַפּריזיש און אפילו אַזוי ווי מיט אַ כיוון געבראָכענע, אָבער אָפטער פלעגט ער איבעראַשן און בייקומען מענטשן גראָד מיט דער שטרענגער גראָדליניקייט פון געדאַנק, פונקט ווי איוב, דער אומדערשראָקענער אָפּפרעגער פון דעם גרויזאַמען גאָט.

ער האָט דערציילט:

— איך גיי מיר עפּעס איינמאָל, אין סוף מאַי, מיטן קיעווער שאָסיי; די ערד — אַ גן־עדן, אַלץ שיינט, דער הימל — אָן אַ וואָלקן, די פייגל זינגען, די בינען הודזשען, די זון איז אַזאַ ליבע, און אַלץ אַרום — איז יום־טובדיק, מענטשלעך, גרויסאַרטיק. כ'בין געווען אַנטציקט ביז טרערן און האָב זיך אויך געפילט ווי אַ בין, וועלכער ס'זענען געגעבן געוואָרן אַלע שענסטע בלומען פון דער ערד, און געפילט גאָט נאָענט צו דער נשמה. פלוצלינג זע איך: אין דער זייט פון וועג, אונטער קוסטן, ליגן אַ גייער מיט אַ גייערין, זיי קונדייסעווען אַרום איינער איבערן אַנדערן, ביידע גראָע, ברודיקע, אַלטע, — פאָרקען זיך, ווי די ווערם, און מרוטשען, מורמלען, און די זון באַלייכט אָן רחמנות זייערע באַקעטע, בלויע פיס, די איינגעשרומפּענע קערפּערס. ס'האָט מיר אַזש אַ זעץ געטון אין האַרץ. גאָט — דו — באַשעפער פון שיינקייט: וויאַזוי איז דיר נישט קיין חרפה? ס'איז מיר זייער שלעכט געוואָרן...

— און, אָט וואָס, זעט איר, טרעפט זיך אָפט. די נאַטור, — די באַגאָמילן האַלטן זי פאַר אַ זאַך פונם טייוול — פייניקט אכזריותדיק און מיט צופיל חוזק דעם מענטש: דעם כוח נעמט זי צו, און דעם פאַרלאַנג לאָזט זי איבער. דאָס איז — פאַר אַלע מענטשן מיט אַ לעבעדיקער נשמה. בלויז דעם מענטש איז געגעבן געוואָרן אויסצושטיין די גאַנצע בושה און גרויל פון אַזאַ פיין, — וואָס

איז אים אַריינגעגעבן געוואָרן אינם בלוט. מיר טראָגן דאָס אין זיך, ווי אַן אומפאַרמײַדלעכע שטראָף, אָבער — פאַר וואָסער זינד?

בעת ער האָט דאָס דערציילט, האָבן זײַנע אויגן זיך אויס־טערליש געענדערט — זיי זענען געווען דאָ קינדיש באַקלאָגלעך, דאָ טרויקן און שטרענג אָנגעצונדן. די ליפּן האָבן אים געציטערט, און די וואָנסעס האָבן זיך אויפגעשטעלט. ווען ער האָט געענדיקט דערציילן, האָט ער אַרויסגענומען דאָס טיכל פון קעשענע פון דער בלוזע און שטאַרק אָפּגעווישט דאָס פּנים, כאָטש ס'איז גע־ווען טרויקן. דערנאָך האָט ער צענומען די באָרד מיט די פאַרבויגענע פינגער פון דער פויערישער קרעפטיקער האַנט און איבערגעחזרט שטילערהייט:

— יאָ, — פאַר וואָסער זינד?

איינמאָל בין איך געגאַנגען מיט אים מיטן ניזשנער וועג פון דיולבער צו אַי־טאָדאָרען. שפּרינגדיק לייכט, ווי אַ יינגער־מאַן, האָט ער גערעדט אַ ביסל מער נערוועיש, ווי שטענדיק:

— דער גוף באַדאַרף זײַן אַן אונטערטעניקער הונט פונם גייסט, וואוהין ס'שיקט אים דער גייסט, אַהין זאָל ער לויפן, אָבער — ווי אַזוי לעבן מיר? ס'צאַפּלט זיך און ברויזט דער קערפּער, און דער גייסט גייט אים נאָך הילפלאָז און נעבעכ־דיק.

ער האָט שטאַרק אַ רייב געטון די ברוסט אַקעגן האַרץ, האָט אויפגעהויבן די ברעמען און, דערמאָנענדיק זיך, פאָרגע־זעצט:

— אין מאָסקווע, לעבן דער סוכאַרעווער, האָב איך אין אַ שטיל געסל, אין האַרבסט־צייט, געזען אַ שכורע פרויערטע; זי איז געלעגן באַם סאַמע פּאַנעל. פון אַ הויף איז אַרויסגערונען אַ ברודיק ריטשקעלע גלייך אַרונטער דער פּלייצע פון דער פרויערטע, זי ליגט אַזוי אין דער קאַלטער קאַלוזשע, מורמלט, פּאָרקעט זיך, כליעפּטשעט מיטן קערפּער אין דער נעץ, און אויפשטיין קען זי נישט.

ס'האָט אים אַ שוידער געטון, ער האָט פאַרזשמורעט די

אויגן, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און שטילערהייט פאַרגע־לייגט:

— לאָמיר זיך דאָ צוזעצן... ס׳איז — דאָס גרוילעכסטע, דאָס עקלדיקסטע — אַ שכורע פויערטע. איך האָב איר געוואָלט העלפן אויפשטיין און — נישט געקענט, כ׳האָב זיך געמיאוסט; זי איז אינגאַנצן געווען אַזאַ גליטשיקע, אַ שיטערע, ריר זיך צו איר — וועסטו אַ גאַנצן חודש די הענט נישט אָרומוואַשן — אַ גרויל. און אויף אַ טומבע איז געזעסן אַ ליכטיק, גראָ־אויגיק ייִנגל, בײַ אים איבער די באַקן לויפן טרערן, ער זופּט מיט דער נאָז און ציט האַפּנוגגסלאָז, מיד:

— מאַ־אַם... נו שוין מאַ־אַמע. שטיי שוין אויף.

זי גיט אַ ריר מיט די הענט, טוט אַ כרוקע, הייבט אונטער דעם קאָפּ און ווידער — אַ כליעפּטש מיטן רוקן אין דער בלאָטע אַרײַן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, נאָכדעם, אומקוקנדיק זיך אַרום, האָט ער איבערגעחזרט אומרויק, כמעט פליסטערנדיק.

— יאָ, יאָ, — אַ גרויל! איר האָט געזעען אַ סך שכורע פרויען? אַ סך, — אַך, גאָט מײַנער! איר — שרײַבט נישט וועגן דעם, מען דאַרף נישט?

— פאַרוואָס?

ער האָט מיר אַ בליק געטון אין די אויגן אַרײַן און, שמייכ־לענדיק, איבערגעחזרט:

— פאַרוואָס?

דערנאָך האָט ער פאַרטראַכט און געלאָסן געזאָגט:

— איך ווייס נישט. דאָס האָב איך — אַזוי... ס׳איז אַ חרפה צו שרײַבן וועגן עקלהאַפטיקייטן. נו — און פאַר־וואָס נישט שרײַבן? ניין, — מען דאַרף שרײַבן אַלץ, וועגן אַלעם...

בײַ אים אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. ער האָט זיי אויסגעווישט און, אַלץ שמייכלענדיק — אַ קוק געטון אויפן טיכל, און די טרערן רינען אויפסניי איבער די קנייטשן.

— כ׳ווין, — האָט ער געזאָגט. איך בין אַלט, בײַ

מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווען איך דערמאַן מיך עפּעס שרעק־לעכס.

און לייכט שטויסנדיק מיך מיטן עלנבויגן:

— אַט איר אויך, — איר וועט דורכלעבן אַ לעבן, און אַלץ ווער פאַרבלייבן, ווי געווען — דעמאָלט ווער איר אויך זיך צע־ווייגען, און נאָך ערגער פון מיר, — „שטראָמענדיקער", זאָגן די פּויערטעס... און שרייבן דאַרף מען אַלץ, וועגן אַלעם, אַנדערש וועט דאָס ליכטיקע ייִנגל זיך באַליידיקן, וועט פאַרוואַרפן, — נישט אמת, נישט דער גאַנצער אמת, וועט ער זאָגן. ער — איז אַ שטרענ־גער צום אמת!

פלוצלינג האָט ער זיך אויפגערודערט אינגאַנצן און מיט אַ גוטער שטימע פאַרגעלייגט:

— נו, דערציילט עפּעס, איר דערציילט שיין. עפּעס וועגן אַ קליינעם, וועגן זיך. ס'גלייבט זיך נישט, אַז איר זענט אויך געווען אַ קלענער, אַזאַ אויסטערלישער זענט איר. ווי איר וואָלט כלומרשט באַלד געבוירן געוואָרן אַ דערוואַקסענער. אין די געדאַנקען איז באַ אייך אַ סך קינדישס, נישט רייפס, אָבער — איר ווייסט וועגן לעבן איבער גענוג; מער דאַרף מען נישט. נו, דערציילט...

און באַקוועם זיך אַוועקגעלייגט אונטער אַ סאָסנע, אויף אי־רע אָפּגעדעקטע וואָרצלען, באַאָבאַכטנדיק, ווי ס'שווימלען אַרום די מוראַשקעס אינם גראָען שטעכעכץ.

אין דער מיט פון דער דרום־נאַטור, וואָס איז אַזוי אומגע־וויינלעך פאַרשידנאַרטיק פאַרן צפון־אייַנוואוינער, אין דער מיט פון דער זעלבסטצופרידן־הערלעכער, באַרימעריש-צעפראַלטער שפּראָ־ציקייט, איז ער, ליעוו טאָלסטאָי — אפילו דער נאָמען אַליין דעקט שוין אויף די אינערלעכע קראַפט זיינע! — דער קליינוואוקסי־קער מענטש, אינגאַנצן אַ צונויפגעבונדענער פון עפּעס אַזעלכע פעסטע, טיף־ערדישע וואָרצלען, אינגאַנצן אַזאַ קניפּנאַרטיקער, — אינדערמיט, זאָג איך, פון דער באַרימערישער נאַטור פון קרים איז ער געווען אייגנצייטיק אויפן אָרט און נישט אויפן אָרט. עפּעס אַ זייער אוראַלטער מאַן און גלייך ווי דער באַלעבאָס פון דער גאַנ־צער אומגעגנט, — דער באַלעבאָס און באַשעפער, וואָס איז אָנ־

געקומען נאָך אַ הונדערטיעריקער צעשיידטקייט אין זיין, דורך אים באַשאַפענער, באַלעבאַטישאַפט. אַ סך איז דורך אים פאַרגעסן געוואָרן, אַ סך איז פאַר אים ניי, אַלץ — איז אַזוי, ווי מען דאַרף, אָבער — נישט אינגאַנצן אַזוי, און מען דאַרף תיכף אויסגעפינען — וואָס נישט אַזוי, פאַרוואָס נישט אַזוי.

ער גייט איבער די וועגן און שטעגלעך מיט אַ שנעלן, געאיילטן גאַנג פון אַ געניטן ערד־פאָרשער און מיט שאַרפע אויגן, פון וועלכע ס׳ווערט נישט פאַרהוילן קיין איין שטיין און קיין איינציקע מחשבה, קוקט ער, מעסט אויס, באַטאַפּט, פאַרגלייכט. און ער צעוואַרפט אַרום זיך לעבעדיקע זאָמען פון נישט אייבשטילנדיקן געדאַנק. ער זאָגט סוליערן:

— דו, ליעוואושקאַ, לייענסט גאָרנישט, דאָס איז נישט גוט, ווייל דאָס איז צופיל געשטעלט אויף זיך, און אָט גאָרקי לייענט אַ סך, דאָס — איז אויך נישט גוט, — דאָס איז פון אומצוטרוי צו זיך. איך — שרייב אַ סך, און דאָס איז נישט גוט, וואָרים — ס׳איז פון זקנישער אייגנליבע, פון פאַרלאַנג, אַז אַלע זאָלן קלערן אויף מיין שטייגער. געוויס, — איך קלער גוט פאַר זיך, און גאָרקי קלערט, אַז פאַר אים איז דאָס נישט גוט, אָבער דו — קלערסט גאָרנישט, פשוט: פינטלסט מיט די אויגן, קוקסט אויס — אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. און וועסט זיך אָנכאַפּן נישט אין דיין זאַך, — דאָס האָט שוין מיט דיר געטראָפן. וועסט זיך אָנכאַפּן, זיך האַלטן אַ ביסל און ווען דאָס וועט אָנהייבן אַליין אָפּפאַלן פון דיר, וועסטו אַפילו נישט פּרווון איינהאַלטן. באַ טשעכאָוון איז דאָ אַ הערלעכע דערציילונג „דושעטשקאַ“, — דו ביסט כמעט ענלעך צו דער „דושעטשקאַ“.

— מיט וואָס? — האָט סוליער געפרעגט לאַכנדיק.

— ליב האָבן — האָסטו ליב, נאָר אויסקלייבן קענסטו נישט און וועסט אינגאַנצן אַוועק אויף נאַרישקייטן.

— און תמיד אַזוי?

— תמיד? — האָט איבערגעחזרט ל. נ. — ניין, נישט תמיד.

און אומגעריכט האָט ער מיך אַ פרעג געטון, גלייך ער וואָלט אַ קלאַפּ געגעבן:

— פאַרוואָס גלייבט איר נישט אין גאָט ?

— נישטאָ קיין גלויבן, ל. ב.

— דאָס איז נישט אמת. איר זענט בטבע אַ גלויביקער און אָן גאָט איז אייך נישט מעגלעך. איר וועט דאָס אינגיכן דערפילן. אָבער איר גלייבט נישט פון עקשנות, פון באַליידיקונג: די וועלט איז נישט באַשאַפן אַזוי, ווי איר דאַרפט. מען גלייבט אויך נישט פון שעמעוודיקייט: דאָס געשעט מיט בחורימלעך: זיי פאַרגעטערן אַ פרוי, און אַרויסווייזן דאָס ווילן זיי נישט, האָבן מורא — זי וועט נישט פאַרשטיין, און ס'איז אויך קיין מוט נישטאָ. אויף גלויבן — ווי אויף ליבע — איז נייטיק מוט, דרייסטקייט. מען דאַרף זיך זאָגן — איך גלייב, — און אַלץ וועט גוט זיין, אַלץ וועט זיך באַווייזן אַזוי, ווי איר דאַרפט, ס'וועט אַליין זיך אויפקלערן פאַר אייך און אייך צוציען. אָט האָט איר פיל זאַכן ליב, און גלויבן איז טאַקע פאַרשטאַרקטע ליבע, מען דאַרף ליב האָבן נאָך מער — דעמאָלט וועט די ליבע פאַרוואַנדלט ווערן אין גלויבן. ווען מען האָט ליב אַ פרוי — אַזוי די בעסטע אויף דער וועלט, — און איטלעכער האָט אומבאַדינגט ליב די בעסטע, איז דאָס שוין — גלויבן. אַ נישט גלויביקער קען נישט ליב האָבן. ער פאַרליבט זיך היינט אין איינער, אין אַ יאָר אַרום — אין אַ צווייטער. די נשמה פון אַזאַ מענטש איז — אַ בע־ונדניק, זי לעבט פרוכטלאָז, דאָס איז נישט גוט. איר זענט געבוירן געוואָרן אַ גלויביקער, און איר דאַרפט זיך נישט עקשנען. אָט זאָגט איר — שיינקייט ? אָבער וואָס זשע איז אַזוינס שיינקייט ? דאָס העכסטע און פולקאָ־מענסטע — גאָט.

פריער האָט ער כמעט קיינמאָל נישט גערעדט מיט מיר אויף דערדאָזיקער טעמאָ, און איר וויכטיקייט, די אומגעריכטקייט האָט מיך אַזויווי צעקוועטשט, אומגעוואָרפן. איך האָב געשוויגן. ער האָט, זיצנדיק אויף דער סאָפע, מיט די פיס אונטער זיך, אַרויס־געלאָזט אין דער באָרד אַריין אַ נצחונדיק שמייכעלע און געזאָגט, דראָענדיק מיטן פינגער:

— דאָס — וועט איר נישט אָפּפּטרן מיט קיין שווייגן,

ניין !

און איך, דער נישט גלויבנדער אין גאָט, קוק אויף אים איבער עפּעס זייער פּאַדזיכטיק, אַ ביסל פאָרכטיק, כ'קוק און טראַכט:

— דערדאָזיקער מענטש — איז ענלעך צו גאָט!

לעאָניד אנדרעיעוו

פרילינג 1898 יאָר האָב איך איבערגעלייענט אין דער מאָס־
קווער צייטונג „קוריער" אַ דערציילונג „בערגאַמאָט און האַראַס־
קאַ" — אַ פסחדיקע דערציילונג פון געוויינלעכן טיפּ; געווענדט
צום האַרץ פונם יום־טוב־לעזער, האָט זי נאָכאַמאָל דערמאַנט, אַז
דעם מענטש איז צוגענגלעך — טיילמאָל, בײַ געוויסע ספּעציפישע
באַדינגונגען, — אַ געפיל פון גרויסמוטיקייט, און אַז צײַטנווײַז
ווערן שונאים גוטע פריינד, כאָטש טאַקע נישט אויף לאַנג, לאָמיר
זאָגן — אויף אַ טאָג.

זינט די צײַטן פון גאָגאָלס „שינעל" האָבן רוסישע ליטע־
ראַטן אָנגעשריבן, מסתּמא, עטלעכע הונדערט אָדער אַפילו טויזנ־
טער אַזעלכע ספּעציעל רירנדע דערציילונגען; — אַרום די גרויס־
אַרטיקע בלומען פון דער אמתדיקער רוסישער ליטעראַטור דער־
שײַנען זיי ווי פּעלדבלימלעך, וואָס דאַרפן אַזויווי באַשײַנען
דאָס אביונישע לעבן פון דער קראַנקער און האַרטער רוסישער
נשמה*).

---

*) ס'איז זייער וואַרשײַנלעך, אַז אין יענער צײַט האָב
איך נישט געקלערט אַזוי, ווי כ'שרײַב דאָ אַצינד, אָבער די
אַלטע געדאַנקען מײַנע — איז נישט אינטערעסאַנט צו דערמאָנען.

אָבער פֿון דערדאָזיקער דערציילונג האָט אויף מיר אַ חייע געטון מיט אַ קרעפּטיקן הויך פֿון אַ טאַלענט, וועלכער האָט מיך דערמאָנט אָן פּאָמיאַלאָווסקין, און, אַחוץ דעם, האָט זיך אינם טאָן פֿון דער דערציילונג געפֿילט דעם מחברס אַ פֿאַרבאָרגן קלוג שמייכעלע פֿון אומצוטרוי צום פֿאַקט, — דאָסדאָזיקע שמייכעלע האָט געהאָלפֿן שלום מאַכן מיט דעם אומפֿאַרמיידלעכן סענטימענטאַליזם פֿון „פּסחדיקער“ און „ווייבאַכטלעכער“ ליטעראַטור.

איך האָב אָנגעשריבן צום מחבר אַ בריוו אין צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער דערציילונג און באַקומען פֿון ל. אַנדרעיעוון אַן אַמיזאַנטן ענטפֿער; — מיט אַן אָריגינעלער האַנטשריפֿט, מיט האַלב-געדרוקטע אותיות האָט ער געשריבן פֿריילעכע, קאָמישע ווערטער, און צווישן זיי האָט, אַלס אַ באַזונדער אונטערגעשטראָכענער, זיך אויסגעטיילט דער ניט געשפּיצטער, אָבער סקעפּטישער אַפֿאָריזם.

„פֿאַר אַ זאַטן צו זיין גרויסמוטיק איז פּונקט אַזוי אָנגענעם, ווי טרינקען קאַווע באָכן מיטאָג“.

דערפֿון האָט זיך אָנגעהויבן מיין הינטער-אויגנדיקע באַקאַנטשאַפֿט מיט לעאָניד ניקאָלאַיעוויטש אַנדרעיעוון. זומער-צייט האָב איך איבערגעלייענט נאָך עטלעכע קליינע דערציילונגען זיינע און פֿעליעטאָנען פֿון דזשעמס לינטש, באַאָבאַכטנדיק, ווי שנעל און דרייסט ס׳אַנטוויקלט זיך דער אייגנאַרטיקער טאַלענט פֿון דעם נייעם שרייבער.

אין האַרבסט, בעת זיין דורכפֿאָרן קיין קרים, האָט אין מאָסקווע, אויפֿן קורסקער וואָקזאַל, מיך עמעצער באַקאַנט מיט ל. אַנדרעיעוון. אָנגעטון אין אַן אַלט טולופּל, אין אַ באַראַנקאָווע היטל אויף אַ זייט, האָט ער דערמאַנט אַ יינגן אַקטיאָר פֿון אַן אוקראַינישער טרופּע. זיין שיין פּנים האָט מיר אויסגעזען ווייניק באַוועגלעך, נאָר דער שאַרפֿער בליק פֿון די טונקעלע אויגן האָט געשיינט מיט יענעם שמייכל, וואָס האָט אַזוי שיין געלויכטן אין זיינע דערציילונגען און פֿעליעטאָנען. איך געדענק ניט זיינע ווערטער, נאָר זיי זענען געווען ניט קיין געוויינלעכע, און ניט געוויינלעך איז געווען די פֿאָרם פֿון זיין אויפֿגערעגטער שפּראַך.

גערעדט האָט ער אײליק, מיט אַ געדעמפּטער, אָפּהילכנדיקער שטי־
מע, פּאַרקילט הוסטנדיק, אַ ביסעלע פֿאַרכלינענדיק זיך מיט די
ווערטער און אײנאַרטיק צומאַכנדיק מיט דער האַנט, — גלײך ער
וואָלט דיריזשירט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ גע־
זונטער, אומגעצוימט לוסטיקער מענטש, אַ פֿעיקער צום לעבן, וואָס
לאַכט פֿון די צרות פֿון דאַזײן. זײן אויפֿגערעגטקײט איז געווען
אָנגענעם.

— לאָמיר זײן פֿרײַנד! — האָט ער געזאָגט, דריקנדיק מײַן
האַנט.

איך בין אויך געווען פֿרײדיק אויפֿגערעגט.

ווינטער, אויפֿן וועג פֿון קרים קײן ביזשני, האָב איך זיך
אָפּגעשטעלט אין מאָסקווע, און דאָרט האָבן אונזערע באַ־
ציונגען שנעל אָנגענומען אַ כאַראַקטער פֿון האַרציקער פֿרײַנד־
שאַפֿט.

איך האָב געזען, אַז דערדאָזיקער מענטש קען שלעכט די
ווירקלעכקײט, אינטערעסירט זיך קנאַפּ מיט איר, — האָט ער דע־
ריבער נאָך מער מיך פֿאַרוואונדערט מיט דער קראַפֿט פֿון זײן
אינטויציע, מיט דער פּרוכטבאַרקײט פֿון פֿאַנטאַזיע, מיטן אַרומגרײפֿנ־
דיקן כּוח-הדמיון. ס'איז גענוג געווען אײן פֿראַזע, און טײלמאָל —
נאָר אַ טרעפֿלעך וואָרט, כּדי ער זאָל, אויפֿכאַפּנדיק דאָס בישטי־
קע אים געגעבענע, באַלד עס אַנטוויקלען אין אַ בילד, אין אַן
אַנעקדאָט, אין אַ כאַראַקטער, אין אַ דערצײלונג.

— וואָס איז אַזעלכעס ס.? — פֿרעגט ער וועגן אײן ליטע־
ראַט, אַ גענוג פּאָפּולערן אין יענער צײַט.

— אַ טיגער פֿון אַ פּיטער-געשעפֿט.

ער לאַכט, און מיט אַ נידעריקער שטימע, גלײך ער וואָלט
מיטגעטײלט אַ סוד, רעדט ער אײליק:

— מען וואָלט — ווײסט איר — באַדאַרפֿט אָנשרײַבן וועגן
אַ מענטש, וואָס האָט זיך אײנגערעדט, אַז ער איז — אַ העלד,
אַ מוראַדיקער צעשטערער פֿון אַלעם עקזיסטירנדן און ער איז אַזש

פֿאַר זיך אַליין שרעקלעך, — אָט וואָסערער! אַלע גלייבן אים, — אַזוי גוט האָט ער זיך אַליין אָפּגענאַרט. אָבער ערגעץ אין זיין ווינקעלע, — אין דעם ווירקלעכן לעבן, איז ער — איינפֿאַך אַ נעבעכדיקע נישטיקייט, ער האָט מורא פֿאַרן ווייב אָדער אַפֿילו פֿאַר אַ קאַץ.

צולייגנדיק אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט צום קערן פֿון אַ בויגיקן געדאַנק, פֿלעגט ער לייכט און פֿריילעך, באַשאַפֿן עפּעס אומגעריכטס, אייגנאַרטיקס.

די דלאָניע פֿון איין האַנט איז בײַ אים געווען דורכגעהאַקט פֿון אַ קויל, די פֿינגער צונויפֿגעדרייט, — איך האָב אים געפֿרעגט: ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— ס'איז אַן עקיוואַק פֿון יוגנטלעכן ראָמאַנטיזם — האָט ער געענטפֿערט. — איר פֿאַרשטייט אַליין אויך, — אַ מענטש, וואָס האָט נישט געפּרוּווט צו דערהאַרגענען זיך, — איז גאָרנישט ווערט.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער סאָפֿע נאָענט לעבן מיר און האָט שיין דערציילט וועגן דעם, ווי איינמאָל נאָך זייענדיק אַ יינג בחורל, האָט ער זיך אַרונטערגעוואָרפֿן אונטער אַ פֿראַכט-צוג, נאָר צום גליק, איז ער געפֿאַלן לענגאויס די רעלסן, און דער צוג איז איבער אים דורכגעלאָפֿן בלויז פֿאַרטויבנדיק אים.

אין דער דערציילונג איז געווען עפּעס נישט קלאָרס, נישט ווירקלעכס, נאָר ער האָט זי באַשיינט מיט אַ וואונדערלעך פֿאַרביקער שילדערונג פֿון די איבערלעבענישן פֿון אַ מענטש, איבער וועלכן מיט אייזן-געגרילץ גייען דורך טויזנט-פֿודיקע משאות. דאָס איז מיר אויך באַקאַנט געווען, — אַלס יינגל פֿון אַ יאָר צען פֿלעג איך זיך לייגן אונטער אַ משא-צוג, קאָנקורירנדיק אין דרייסטקייט מיט די חברים, — איינער פֿון זיי, אַ זון פֿון אַ באַן-וועכטער, פֿלעגט דאָס טון באַזונדער קאַלטבלוטיק. דערדאָזיקער שפּיל איז כמעט נישט געפֿערלעך, אויב דער הייץ-אויוון פֿונם לאָקאָמאָטיוו איז גענוג הויך אויפֿגעהויבן, און אויב די באַן גייט באַרג-אַרויף, און נישט באַרג-אַראָפּ; דעמאָלט זענען די צונויפֿקייטלונגען פֿון

די וואַגאָנעס שטייף אָנגעצויגן און קענען איך נישט אַ קלאַפּ טון אָדער פֿאַרטשעפּן און מיטשלעפּן איבער די שפּאַלעס. עטלעכע סעקונדעס לעבסטו איבער אַן אומהיימלעך געפֿיל, באַמיענדיק זיך וואָס ענגער צוצוקלעבן זיך צו דער ערד און קוים גובר זייענדיק — דורך אָנשטרענגען דעם גאַנצן ווילן — דעם ליידנשאַפֿטלעכן פֿאַרלאַנג זיך אַ ריר צו טון, אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ. דו פֿילסט, אַז אַ שטראָם פֿון אייזן און האָלץ, דורכטראָגנדיק זיך איבער דיר, רייסט דיך אָפּ פֿון דער ערד, וויל דיך אַוועקשלעפּן ערגעץ-ווו און דער געגרילץ און געקריץ פֿון אייזן קומט פֿאַר אַזוי ווי באַ דיר אין די ביינער, נאָכדעם, ווען די באַן איז שוין אַריבער, ליגסטו אַ מינוט און מער אויף דער ערד, נישט האָבנדיק קיין כּוח זיך אויפֿצוהייבן, ס'דאַכט זיך, אַז דו שווימסט-נאָך דער באַן, און דיין קערפּער ציט זיך כּלומרשט אומענדלעך אויס, וואַקסט, ווערט גרינג, לופֿטיק און — אָט וועסטו באַלד אַ פֿלי טון איבער דער ערד. דאָס איז זייער אָנגענעם צו פֿילן.

— וואָס האָט איך געצויגן צו אַזאַ משונהדיקן שפּיל? — האָט געפֿרעגט ל. נ.

איך האָב געזאָגט, אַז, ס'קאָן זיין, מיר האָבן אויסגעפּרוווט דעם כּוח פֿון אונזער ווילן, אַקעגנשטעלנדיק דער מעכאַנישער באַוועגונג פֿון ריזיקע מאַסן די באַוואוסטזיניקע אומבאַוועגלעכקייט פֿון אונזער נישטיקן קערפּער.

— ניין, — האָט ער נישט איינגעשטימט, — דאָס איז אויסטערליש, נישט קינדיש.

דערמאָנענדיק אים, ווי קינדער „מאַכן הענג-וויגעלעך" — וויגן זיך אויפֿן שטייפֿן אייז פֿון אַן אָקאָרשט פֿאַרפֿרוירענער סאַזשעלקע אָדער פֿון אַ טייך, האָב איך געזאָגט, אַז קינדער געפֿעלן בכלל געפֿערלעכע שפּילערייען.

ער האָט צוגעשוויגן, פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און, באַלד אַוועקוואַרפֿנדיק אים, האָט ער אַ קוק געטון מיט פֿאַרטרויזשעטע אויגן צום פֿינצטערן ווינקל פֿונעם צימער.

— ניין דאָס איז, אַפּנים, נישט אַזוי. כּמעט אַלע קינדער האָבן מורא פאַר דער פינצטערניש... עמעצער האָט געזאָגט:

— „ס'איז דאָ אַ תּענוג אין שלאַכט
און אויפן ראַנד פון פינצטערן אָפּגרונט".

אָבער — דאָס איז אַ שיין וואָרט, נישט מער. איך קלער עפּעס גאָר אַנדערש, נאָר איך קען נישט תּופס זיין — וויאַזוי?

און פּלוצלינג האָט ער אינגאַנצן אויפגעפלאַטערט, אַזוי ווי אָפּגעבריט פון אַן אינערלעך פייער.

— מען דאַרף אָנשרייבן אַ דערציילונג וועגן אַ מענטש, וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבן זינלאָז ליידנדיק, — געזוכט דעם אמת, און אָט איז דער אמת דערשינען פאַר אים, אָבער ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, פאַרשטאָפּט די אויערן און געזאָגט: „איך וויל דיך נישט, אויב אפילו דו ביסט הערלעך שיין, וואָרים דאָס לעבן מיינס, די ענויים מיינע — האָבן אָנגעצונדן אין דער נשמה אַ שנאה צו דיר". ווי מיינט איר?

מיר איז דידאַקטיקע טעמאַ נישט געפעלן; ער האָט אָפּגעזיפצט, זאָגנדיק:

— יאָ, פריער מוז מען ענטפערן, וואו איז דער אמת — אינם מענטש, צי מחוץ אים? לויט אייער מיינונג — אינם מענטש?

און ער האָט זיך צעלאַכט:

— דאַן איז עס זייער שלעכט, זייער גישטיק...

ס'איז נישט געווען כּמעט קיין איין פאַקט, קיין איין פראַגע, אויף וועלכע איך מיט ל. נ. זאָלן קוקן אַלציינס, אָבער די אומציילבאַרע חילוקי דעות האָבן אונז נישט געשטערט — גאַנצע יאָרן — צו באַציען זיך אייגער צום אַנדערן מיט אַזאַ געשפּאַנטן אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט, וואָס טרעפט זיך נישט אָפט אַפילו אַלס רעזולטאַט פון אַ לאַנגיעריקער פריינדשאַפט. מיר פלעגן אומדערמידלעך שמועסן, איך געדענק — מיר זענען איינמאָל אָפּגעזעסן אָן הפסקה העכער צוואַנציק שעה, אויסטרינקענ-

דיק צווײ סאַמאָוואַרן טײ, — לעאָניד פלעגט פאַרשלינגען טײ אָן שום מאָס.

ער איז געווען אַ וואונדערלעך אינטערעסאַנטער מיטשמועסער, אַן אומאויסשעפּלעכער, אַ שאַרפזיניקער. כאָטש זײַן געדאַנק האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אַן עקשנותדיקע שטרעבונג אַרײַנצובליקן אין די פינצטערסטע ווינקלען פון דער נשמה, אָבער — אַ לײַכטער, קאַפּריזיש אײַגנאַרטיקער, האָט ער זיך פרײַ אויסגעגאָסן אין פאָרמען פון הומאָר און גראָטעסק. אין אַ חברישן שמועס האָט ער גראַציעז און שײַן געקענט זיך באַנוצן מיט הומאָר, נאָר אין די דערציילונגען האָט ער — צום באַדויערן — אָנגעוואוירן דידאָזיקע פעיקייט, אַזאַ זעלטענע בײַ אַ רוס.

פאַרמאָגנדיק אַ לעבעדיקע און עמפינדלעכע פאַנטאַזיע, איז ער געווען פויל; ער האָט אַ סך מער ליב געהאַט צו רעדן וועגן ליטעראַטור, ווי מאַכן זי. ס'איז פאַר אים כמעט נישט צוטריטלעך געווען דער תענוג פון נאַכטיקער התבודדותדיקער אַרבעט אין שטילקייט און אײַנזאַמקייט איבער אַ ווײַסן, רײַנעם בויגן פּאַפּיר; ער האָט קנאַפּ געשאַצט די פרייד פון באַדעקן דעמדאָזיקן בויגן מיט אַ געמעל פון ווערטער.

— איך שרײַב שווער, — האָט ער זיך מודה געווען. — די פעדערן ווײַזן זיך מיר אויס נישט קיין באַקוועמע, דער פּראָצעס פון שרײַבן — צו פּאַמעלעך און אפילו דערנידעריקנדיק. די געדאַנקען פלאַטערן בײַ מיר ווי קאַווקעס בײַ אַ שרפה, איך ווער שנעל מיד זײ צו כאַפּן און פאָרמירן אין אַ סדר. און ס'קומט פאָר אַזוי: איך האָב אָנגעשריבן דאָס וואָרט — שפּינוועבס, פּלוצלינג דערמאַנט זיך מיר איבער עפּעס געאָמעטריע, אַלגעברע און דער לערער פון דער אָרלאָווער גימנאַזיע — אַ מענטש, פאַרשטייט זיך, — אַ טעמפּער. ער פלעגט אָפט דערמאָנען די ווערטער פון עפּעס אַ פילאָזאָף: „אמתדיקע חכמה — איז רויק“. אָבער איך ווייס, אַז די בעסטע מענטשן פון דער וועלט זענען פײַנלעך אומרויק. כאַפּט דער טײַוול די רויקע חכמה! אָבער וואָס זשע איז אויף איר אָרט? די שײנקייט? זאָל לעבן די שײנקייט!

פונדעסטוועגן, כאָטש איך האָב נישט געזעען די װענערע אין אָרי-גינאַל, — זעט זי מיר אויס אויף די קאָפּיעס אַ געניוג נאַרישע באָבע. און בכלל — דאָס שיינע איז תמיד אַ ביסל שוטהוואַטע, אַ שטייגער — אַ פּאַווע, אַ כאַרט, אַ פרוי.

ס'וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער, אַ גלייכגילטיקער צו די פאַקטן פון דער װירקלעכקייט, אַ סקעפּטיקער אין דער באַציִונג צום פאַרשטאַנד און ווילן פונם מענטש, — וואָלט נישט באַדאַרפט זיך עקזאַלטירן מיט דידאַקטיק, לערעריי, וואָס איז אומפאַרמייד-לעך פאַר אַזעלכן, וואָס די װירקלעכקייט איז אים צו גוט באַקאַנט. אָבער שוין די ערשטע שמועסן אונזערע האָבן בולט אָנגעוויזן, אַז פאַרמאָגנדיק אַלע אייגנשאַפטן פון אַ גרויסאַרטיקן קינסטלער, — וויל דערדאָזיקער מענטש זיך אַוועקשטעלן אין דער פּאָזע פון אַ דענקער און פילאָזאָף. דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן געפערלעך, כמעט האָפנונגסלאָז, איבערהויפּט דערפאַר, וואָס דער זאַפּאַס פון זיינע קענטעניש איז געווען אויסטערליש אָרים. און תמיד האָט זיך געפילט, אַזוי ווי ער וואָלט געשפּירט לעבן זיך אַן אומגעזעע-נעם שונא, — ער דיספּוטירט אָנגעשטרענגט מיט עמעצן, וויל עמעצן בייקומען.

לייענען האָט ל. נ. נישט ליב געהאַט און, ווערנדיק אַליין דער מאַכער פון בוך — דער שעפער פונם מופת, — האָט ער זיך באַצויגן צו די אַלטע ביכער אָן צוטרוי און ביטולדיק.

— פאַר דיר איז אַ בוך — אַ פעטיש, ווי פאַר אַ ווילדן, — האָט ער מיר געזאָגט. — דאָס איז דערפאַר, וואָס דו האָסט נישט אויסגעריבן דיינע הויזן אויף די בענק פון גימנאַזיע, האָסט נישט געהאַט קיין מגע-משא מיט אוניווערזיטעטס-לערע. אָבער פאַר מיר איז איליאַדע, פּושקין און דאָסגלייכן פאַרגאַווערט מיטן שפּייעכץ פון די לערער, פראָסטיטואירט דורך די מערידנדיקע באַז טע „דאָס אומגליק פון שכל” — איז פונקט אַזוי לאַנגווייליק, יעוושעווסקיס רעכנבוך. „דעם קאַפּיטאַנס טאָכטער” האָט דער-עסן, ווי אַ מיידל פון טווערער בולוואַר.

איך האָב צו אָפט געהערט דידאָזיקע שאַבלאָנישע ווערטער וועגן דער השפעה פון דער שולע אויף דער באַציִונג צו ליטעראַטור, און זיי האָבן שוין לאַנג געקלונגען פאַר מיר נישט איבערצייגנד, — ס'האָט זיך געפילט אין זיי אַ פאָרורטייל, געבוירן דורך דער רוסישער פוילקייט. אַ סך מער אינדיווידועל האָט געשילדערט ל. אַנדרעיעוו, ווי די רעצענזיעס און קריטישע אָפּהאַנדלונגען פון די צייטונגען צערייבן און שעדיקן די ביכער, רעדנדיק וועגן זיי מיט כראָניק־שפּראַך פון גאַס־געשעענישן.

— דאָס זענען — מילן, זיי מאָלן איבער שעקספּירן, די ביבל — אַלץ, וואָס דו ווילסט, — אין שטויב פון באַנאַלקייט. איינמאָל האָב איך געלייענט אַ צייטונגס־אַרטיקל וועגן דאָן־קישאָט און פּלוצלינג זע איך מיט שרעק, אַז דאָן־קישאָט — איז מיינס אַ באַקאַנטער אַלטיטשקער, אַ פּאַרוואַלטער פון אַ שטייער־אַמט, ער האָט געהאַט אַ כראָנישן קאַטאַר און אַ געליבטע, אַ מיידל פון אַ קאָנדיטעריי, ער האָט זי גערופן — מילי, אָבער אינדערמתן — אויף די בולוואַרן — האָט מען זי גערופן סאָנקאַ פּיִיר...

נאָר באַציִענדיק זיך צו וויסנשאַפט און צום בוך זאָרגלאָז, ביטולדיק, און טיילמאָל — פיינדלעך, פלעגט ער כסדר און לעבעדיק זיך אינטערעסירן מיט דעם, וואָס איך לייען. איינמאָל, דערזעענדיק בײַ מיר אין אַ צימער פון „מאָסקווער האָטעל", דאָס בוך פון אַלעקסיי אָכטראָמאָוו וועגן סיביעזי, דעם ביסקופ פון פּטאָלעמאַידע, האָט ער פאַרוואונדערט געפרעגט:

— נאָכוואָס דאַרפסטו דאָס?

איך האָב אים דערציילט וועגן דעם אויסטערלישן ביסקופ, דעם האַלב־געצנדינער, און איבערגעלייענט עטלעכע שורות פון זיין ווערק „לויב דער פליכיקייט", „וואָס קאָן זיין פליכיקער, וואָס איז געטלעכער פון דער ספערע?"

ד רדאָזיקער פּאָעטישער אויסרוף פון הערקולעסעס צאָן אור־אייניקל האָט אַרויסגערופן בײַ לעאָנידן אַן אויסברוך פון אַ ווילד געלעכטער, אָבער באַלד נאָכדעם, אויסווישנדיק די

טרערן פון די אויגן און נאָך אַלץ שמייכלענדיק, האָט ער געזאָגט:

— די ווייסט, — דאָס איז אַ גרויסאַרטיקע טעמאַ פאַר אַ דערציילונג ווען אַ נישט גלויביקן, וועלכער, ווילנדיק אויספרווון די נאַרישקייט פון די גלויביקע, טוט זיך אָן אַ מאַסקע פון הייליקייט, לעבט ווי אַ צדיק, פרייִדיקט אַ נייע לערע ווען גאָט — זייער אַ נאַרישע, — דערשלאָגט זיך די ליבשאַפט און פאַרערונג פון טויזנטער, און נאָכדעם זאָגט ער זיינע תּלמידים און נאָכפאָלגער: „דאָס אַלץ — איז אַ נאַרישקייט". נאָר פאַר זיי איז דער גלויבן נויטווענדיק, און זיי דערהרגענען אים.

איך בין איבערראַשט געווען פון זיינע ווערטער; ס'האַנדלט זיך דערין, וואָס באַ סיניעזין איז פאַרהאַן אַזאַ געדאַנק:

„ווען מען וואָלט מיר געזאָגט, אַז אַ ביסקופּ מוז טיילן די מיינונגען פון פאָלק, וואָלט איך אַנטפּלעקט פאַר אַלעמען, ווער איך בין. ווייל וואָס פאַר געמיינזאַמס קאָן זיין צווישן המון און פילאָזאָפיע? דער געטלעכער אמת דאַרף זיין פאַרהוילן, דאָס פאָלק אָבער האָט אַ באַדערפעניש אין עפּעס אַנדערש".

נאָר דעמדאָזיקן געדאַנק האָב איך נישט געהאַט מיטגעטיילט אַנדרעיעוון און נישט באַוויזן אים צו זאָגן וועגן דער אויסערגעוויינלעכער פּאָזיציע פון דעם נישט געטויפטן געצנדינער-פילאָזאָף אין דער ראָלע פון ביסקופּ אין אַ קריסטלעכער צערקווע. ווען איך האָב אים אָבער געזאָגט וועגן דעם, האָט ער, טריומפירנדיק און לאַכנדיק, אויסגערופן:

— „אָט זעסטו, — נישט שטענדיק דאַרף מען לייענען דערויף, כּדי צו וויסן און פאַרשטיין".

לעאָניד איז געווען טאַלענטירט לויט זיין נאַטור, אָרגאַניש טאַלענטירט, זיין אינטויציע איז געווען וואונדערלעך עמפּינדלעך. אין אַלעם, וואָס האָט באַלאַנגט צו די פינצטערע זייטן פון לעבן, די סתּירות אין דער מענטשלעכער נשמה, יוירונגען אינם געביט פון די אינסטינקטן, — איז ער געווען אומהיימלעך אין זיין טרעפ-

לעכן משער זיין זיך. דער בײַשפּיל מיטן ביסקופּ סיניעזי — איז גישט קיין איינצלנער, איך קאָן ברענגען אַ צענדליק ענלעכע.

אַזוי, שמועסנדיק מיט אים וועגן פאַרשידענע זוכער פון אַ נישט וואַקלהאַפטיקן גלויבן, האָב איך אים דערציילט דעם אינ־האַלט פון דעם „ווידוי"־מאַנוסקריפּט פון דעם גלח אַפּאַלאָוו, — וועגן איינעם פון די ווערק פון די אומבאַוואוסטע מאַרטירער פון געדאַנק, וועלכע האָבן אַרויסגערופן צום לעבן דעם „ווידוי" פון ליעוו טאָלסטאָי. איך האָב דערציילט וועגן מיינע פּערזענלעכע באַ־אָבאַכטונגען איבער די מענטשן פון דאָגמאַט, — זיי ווערן אָפט גוטווילליקע געפאַנגענע פון אַ בלינדער, האַרטער אמונה און פאַר־טיידיקן אַלץ מער פאַנאַטיש די וואַרהאַפטיקייט אירע, וואָס פיינ־לעכער זיי צווייפלען אין איר.

אַנדרעיעוו האָט זיך פאַרטראַכט, געלאָסן מישנדיק מיטן לע־פעלע אינם גלאָז טיי, דערנאָך געזאָגט, לאַכנדיק:

— ס'קומט מיר פאָר אויסטערליש, וואָס דו פאַרשטייסט דאָס, — דו רעדסט, ווי אַן אַטעיסט, און טראַכסט, ווי אַ גלויביקער. אויב דו וועסט שטאַרבן פריער פון מיר, וועל איך אָנשרייבן אויפן שטיין פון דיין קבר: „רופנדיק צו בוקן זיך צום פאַרשטאַנד, האָט ער געהיים חוזק געמאַכט פון זיין אָנמעכטיקייט".

און אין צוויי־דריי מינוט אַרום, אַרויפלייגנדיק זיך אויף מיר מיט אַן אַקסל, אַריינבליקנדיק מיר אין די אויגן אַריין מיט צע־שפּרייטע אַפּלען פון די טונקעלע אויגן, האָט ער געזאָגט מיט אַ שטיל קול:

— איך וועל אָנשרייבן וועגן דעם פּאָפּ, וועסט זעען! דאָס, ברודער, וועל איך גוט אָנשרייבן!

און, מיטן פינגער דראָענדיק עמעצן, שטאַרק רייבנדיק די שלייף, האָט ער געשמייכלט.

— מאָרגן פאָר איך אַ היים און — הייב אָן! אפילו די ערשטע פראַזע איז דאָ: „צווישן די מענטשן איז ער גע־ווען איינזאַם, ווייל ער האָט זיך באַהאַפטן מיט אַ גרויסן סוד"...

אויפן צווייטן טאָג איז ער טאַקע אַוועקגעפאָרן קיין מאָס־

קוזע, און אין אַ וואָך אַרום — נישט מער — האָט ער מיר געשריבן, אַז ער אַרבעט איבערן פּאַפּ און די אַרבעט גייט לייכט, „ווי אויף ליזשוועס"; אַזוי פלעגט ער תמיד אויפכאַפּן אין פלי אַלץ, וואָס האָט אַנטשפּראָכן דער באַדערפעניש פון זיין גייסט, אין דעם צורירן זיך צו די שאַרפסטע און פיינלעכסטע סודות פון לעבן.

דער רוישיקער דערפאָלג פון ערשטן בוך האָט אים אָנגעפּילט מיט יונגער פרייד. ער איז געקומען צו פאָרן צו מיר קיין ניזשני אַ פריילעכער, אין אַ נייעם אָנצוג פון טאַבאַק־קאָליר, די ברוסט פון דעם שטייף אָנגעקראָכמאַלעטן העמד איז באַפּוצט געווען מיט אַ טייוולאַניש־בונטן קראַוואַט, און אויף די פיס — געלע שיך.

— כ'האָב געזוכט זאַמד־קאָליריקע הענטשקעס, נאָר עפּעס אַ לעדי אין מאַגאַזין אויף קוזניעצקע האָט מיך אָנגעשראָקן, אַז זאַמד־קאָליריקע זענען שוין נישט אין דער מאָדע. איך בין חושד, אַז זי — האָט מיך אָפּגעפּרייערט, איר איז זיכער אַ שאָד געווען די פרייהייט פון איר האַרץ און זי האָט מורא געהאַט זיך איבערצוציגן, ווי ווייט ס'איז מיין צויבער־קראַפט אין זאַמד־קאָליריקע הענטשקעס. נאָר בסוד וועל איך דיר זאָגן, אַז דידאָזיקע גאַנצע הערלעכקייט — איז נישט באַקוועם, און אַ בלוזע איז אַ סך בעסער.

און פּלוצלינג, אַרומגעמענדיק מיך בײַ דער פלייצע, האָט ער געזאָגט:

— דו ווייסט — מיר ווילט זיך אָנשרייבן אַ הימן, איך ווייס נאָך נישט אויף וועמען אָדער אויף וואָס, אָבער דווקא — אַ הימן! עפּעס שיללערמעסיקס, האַ? אַזאַ מין געדיכטס, הילכיקס — באַם!

איך האָב אַ שפּאַס געטון פון אים.

— וואָס זשע! — האָט ער פריילעך אויסגערופן. — איז דאָך טאַקע בײַ עקלעזיאַסטן ריכטיק געזאָגט: „אפילו אַ געמיין

לעבן איז בעסער פון אַ גוטן טויט". הגם דאָרט איז עפּעס נישט אַזוי, און — וועגן ליבע און הונט: „אין היימישן גע־ברויך איז אַ שלעכטער הונט בעסער פון אַ גוטן לייב". און — ווי מיינסטו: איוב האָט געקאָנט לייענען עקלעזיאַסטס בוך?

אַ פאַרשכורטער מיטן ווייַן פון פרייד, האָט ער געטרוימט וועגן אַ רייזע איבער דער וואָלגע אויף אַ גוטן דאַמפּער, וועגן אַ נסיעה צופיס איבער קרים.

— און דיך וועל איך אויך מיטשלעפּן, אַז נישט וועסטו זיך ענדגילטיק פאַרמויערן אין דידאַקטישע ציגל, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף די ביכער.

זיין פרייד האָט דערמאַנט אַ הייטערן וואוילשטאַנד פון אַ קינד, וואָס האָט צו לאַנג געהונגערט, און מיינט אַצינד, אַז ס'איז אויף שטענדיק זאַט.

מען איז געזעסן אויף אַ ברייטער אָטאָמאַנע אין אַ קליין צימער, מען האָט געטרונקען רויטוויין, אַנדרעיעוו האָט אַראָפּגע־נומען פון דער פּאָליצע אַ העפט לידער:

— מען קאָן?

און ער האָט אָנגעהויבן לייענען אויפן קול:

— „קופּערנע סאַסנעס קאָלאָנעס,
ים־געקלאַנג מאָנאָטאָנער".

— דאָס איז קרים? און איך קען גאַרנישט שרייבן קיין לי־דער, און ס'איז אויך קיין חשק נישטאָ. איך האָב מער פון אַלעם ליב באַלאַדעס, בכלל:

— „כ'האָב ליב אַלץ וואָס ביי,
ראָמאַנטיש, זינלאָז איז,
ווי דער פּאָעט
פון אַמאָליקער צייט".

— דאָס זינגט מען אין דער אָפּערעטקע — „גרינער אינזל", דאַכט זיך.

— „און ס׳זיפצן די ביימער,
ווי אַן גראַמען לידער“.

— דאָס געפעלט מיר. נאָר — זאָג — נאָכוואָס שרייבסטו לידער? דאָס פּאַסט זיך אַזוי נישט צו דיר. לידער זענען פּאַרט — אַ געקינצלטער ענין, ווי דו ווילסט.

דערנאָך האָט מען פאַרפאַסט פּאַראָדיעס אויף סקיטאַלעצן:

כ׳וועל נעמען אַ שטעקן, אַ גרויסן
און מקלען אייך, מאַכן צו שאַנד,
קיין איינעם נישט לאָזן וועט אויסן
מיין מעכטיקע האַנט.
און מער נאָך וועל איך אייך צעטומלען,
אַ ציטערט! הוראַ! ס׳איז געמאַכט, —
איך וועל דעם קאַזבעק, דעם אררט
אין קאָפּ אייך דערלאַנגען מיט מאַכט...

ער האָט געלאַכט, אומאויסשעפּלעך צוטראַכטנדיק באַחנטע קאָמישע נאַרישקייטן, נאָר פּלוצלינג, אַנבייגנדיק זיך צו מיר מיט אַ גלאָז וויין אין האַנט, האָט ער אָנגעהויבן רעדן נישט הויך און ערנסט:

— נישט לאַנג האָב איך געלייענט אַ קאָמישן אַנעקדאָט: אין עפּעס אַן ענגלישער שטאָט שטייט אַ דענקמאָל פאַר ראָבערט ביאָרנסן — דעם דיכטער ק ן אויפשריפט אויפן דענקמאָל — וועמען ער איז געשטעלט, איז נישטאָ. בײַ זיין צופיסנס — אַ ייִנגל, האַנדלט מיט צייטונגען. איז צו אים צוגעגאַנגען אַ געוויסער שרייבער און זאָגט: „איך וועל בײַ דיר קויפן אַ צייטונג, אויב וועסט זאָגן — וועמענס סטאַטוע דאָס איז“. „ראָבערט ביאָרנסענס“ — האָט געענטפערט דאָס ייִנגל. „זייער שיין! אַצינד וועל איך קויפן בײַ דיר אַלע דיינע צייטונגען, נאָר זאָג מיר: פאַרוואָס האָט מען געשטעלט דאָס דענקמאָל ראָבערט ביאָרנסן?“ דאָס ייִנגל האָט געענטפערט: „דערפאַר, וואָס ער איז געשטאָרבן“. ווי געפעלט עס דיר?

מיר איז דאָס נישט זייער געפעלן, — מיך האָבן שטענדיק שווער באַאומרויקט די שאַרפע? און שנעלע שטימונגס־וואַקלונגען בײַ לעאָנידן.

רום איז נישט געווען פאַר אים בלויז „אַ העלע לאַטע אויפן אַלטן בגד פונעם זינגער", — ער האָט אים געוואָלט אַ סך, גיריק און האָט עס נישט פאַרבאָרגן. ער האָט געזאָגט:

— נאָך בײַ פערצן יאָר האָב איך זיך געזאָגט, אַז איך וועל זײַן באַרומט אָדער — ס'לוינט נישט צו לעבן. איך האָב נישט מורא צו זאָגן, אַלץ, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ביז מיר, זעט מיר נישט אויס בעסער פון דעם, וואָס איך אַליין קען מאַכן. אויב דו וועסט האַלטן מײַנע ווערטער פאַר אַן איינרעדעניש, וועסטו האָבן אַ טעות. ניין, זעסטו, דאָס מוז זײַן די גרונד־איבערצײַגונג פון יעדן, וואָס וויל זיך נישט שטעלן אין די פּרצופלאָזע רייען פון די מיליאָנען מענטשן. גראָד די איבערצײַגונג אין דער אייגענער אויסנאַמלעכקייט דאַרף — און קאָן — דינען אַלס קוואַל פון שעפערישן כוח. צוערשט לאָמיר זאָגן זיך אַליין: מיר זענען נישט אַזעלכע, ווי אַלע אַנדערע, נאָכדעם וועט שוין לײַכט זײַן צו באַווײַזן דאָס אויך אַלע אַנדערע.

— מיט איין וואָרט, — דו ביסט אַ קינד, וואָס וויל זיך נישט דערנערן מיט דער ברוסט פון אַ זויגערין...

— אַזוי טאַקע: איך וויל די מילך נאָר פון מײַן נשמה, דעם מענטש איז נייטיק ליבע און אויפמערקזאַמקייט אָדער — מען זאָל מורא האָבן פאַר אים. דאָס פאַרשטייען אפילו די פויערן, אָנטועענדיק זיך אין מאַסקעס פון מכשפים. גליקלעכער פון אַלע זענען יענע, וועמען מען האָט ליב מיט מורא, ווי מען האָט ליב געהאַט נאַפּאָלעאָנען.

— דו האָסט געלייענט זײַנע „נאָטיצן?"

— ניין. דאָס — איז מיר נישט נייטיק.

ער האָט אַ וואונק געטון לאַכנדיק:

— איך פיר אויך אַ טאָגבוך און ווייס, ווי דאָס ווערט גע־

מאַכט. נאַטיצן, ווידויס וכדומה — זענען אויסלאָזונגען פון אַ נשמה, אַ פאַרסמטער פון שלעכטער שפייז.

ער האָט ליב געהאַט אַזעלכע סענטענציעס און, ווען זיי זענען אים געלונגען, האָט ער זיך אויפריכטיק געפרייט. נישט געקוקט אויף זיין נייגונג צו פעסימיזם, האָט אין אים געלעבט עפעס איינגעוואָרצלט קינדיש, — דהיינו, דאָס קינדיש נאַיווע באַרימען זיך מיט שפּראַכלעכער געשיקטקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט אַ סך בעסער אין שמועס, ווי אויפן פּאַפּיר.

איינמאָל האָב איך אים דערציילט וועגן אַ פרוי, וואָס האָט אַזוי געוואַלטיק שטאָלצירט מיט איר „אָרנטלעך" לעבן, זי האָט אַזוי זיך אַוועקגעבערענגט צו איבערצייגן אַלע אין איר נישט צו־טריטלעכקייט, אַז אַלע, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט, זענען אויס־גייענדיק פון אומעט, אָדער אַנטלאָפן וואו דער פעפער וואַקסט פון דעמדאָזיקן מוסטער פון צניעות, אָדער מען האָט זי פיינט געהאַט ביז שוידערן.

אַנדרעיעוו האָט געהערט, געלאַכט און פלוצלינג גע־זאָגט:

— איך בין — אַן אָרנטלעכע פרוי, איך האָב מיר נישט באַכוואַס צו רייניקן די בעגל — אַזוי?

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער כמעט פולשטענדיק גענוי באַצייכנט דעם כאַראַקטער און אפילו די טבעס פון דעם מענטש, וועגן וועלכן איך האָב גערעדט, — די פרוי איז געווען באַכ־לעסיק צו זיך. איך האָב אים דאָס געזאָגט, ער האָט זיך זייער דערפרייט און קינדיש־אויפריכטיק אָנגעהויבן זיך רימען.

— איך, ברודער, וואונדער זיך טיילמאָל אַליין, ווי געשיקט און טרעפלעך איך קען מיט צוויי, דריי ווערטער כאַפּן דעם סאַמע תוך פון אַ פאַקט אָדער כאַראַקטער.

און ער האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע זיך לשבח. אָבער — אַ קלוגער — ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ ביסעלע קאָמיש און געענדיקט זיין טיראַדע מיט אַ הומאָריסטישן שאַרזש.

— מיט דער צייט וועל איך אַזוי אַנטוויקלען מיינע גע־ניאַ־

לע פעיקייטן, אַז איך וועל מיט איין וואָרט קענען באַצייכנען דעם מהות פון אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן, פון אַ נאַציע, פון אַן עפּאָכע. . .

אָבער די קריטישע באַציונג צו זיך אַליין איז בּאַ אים גע־וועזן אַנטוויקלט נישט באַזונדער שטאַרק, דאָס האָט צייטנווייז קאַ־ליע געמאַכט הן זיין אַרבעט, הן דאָס לעבן זיינס.

לעאָניד ניקאָלאַיעוויטש האָט אויסטערליש און פיינלעך שאַרף פאַר זיך אַליין זיך געשפּאָלטן אויף צווייען: — אין איין און דער זעלבער וואָך האָט ער געקאָנט זינגען דער וועלט — „האָ־סאַנאַ“! און פּראָקלאַמירט פאַר איר — „אַנאַטעמאַ“!

דאָס איז נישט געווען קיין אויסערלעכע סתירה צווישן די יסודות פון כאַראַקטער און די רגילותן אָדער פאָדערונגען פון דער פּראָפעסיע, — ניין, איןביידע פאַלן האָט ער געפילט אַל־ציינס אויפריכטיק. און, וואָס העכער ער האָט פּראָקלאַמירט „האָ־סאַנאַ!“ — אַלץ מיט אַ שטאַרקערן עכאָ האָט אָפּגעקלונגען — „אַנאַטעמאַ!“

ער האָט געזאָגט:

— איך האָב פיינט די פאַרשוינען, וואָס גייען נישט אויף דער זוניקער זייט פון גאַס אויס מורא, אַז בּאַ זיי וועט אָפּגע־ברענט ווערן דאָס פּנים אָדער אָפּבלאַקירן דאָס רעקל, — כ'האָב פיינט די אַלע, וואָס שטערן מחמת דאָגמאַטישע מאָטיוון דעם פרייען, קאַפּריזן שפּיל פון זייער אינערלעכן „איך“.

איינמאָל האָט ער אָנגעשריבן אַ גענוג בייסיקן פעליעטאָן וועגן די מענטשן פון שאָטנדיקער זייט, און באַלד נאָכדעם — אין צוזאַמענהאַנג מיטן טויט פון עמיל זאָלאַ פון אַ טשאַד — האָט ער שיין פּאָלעמיזירט מיט דעם אינטעליגענטיש־באַרבאַרישן אַ־קעטיזם, וואָס איז גענוג פאַרשפּרייט געווען אין יענער צייט. אָבער אין אַ שמועס מיט מיר מכוח דערדאָזיקער פּאָלעמיק האָט ער אומגעריכט דערקלערט:

— אָבער, ווייסטו, מיין קעגנער איז פונדעסטוועגן קאָנסעק־

װענטער פֿון מיר: אַ שרײַבער דאַרף לעבן, װי אַ הימלאָזער גע־ונדניק. מאָפּאַסאַנס „יאַכט״ — איז אַן אומזין!

ער האָט נישט געשפּאַסט. מיר האָבן זיך אָנגעהױבן שפּאַרן, איך האָב געטענהט: װאָס פֿאַרשידנאַרטיקער ס׳זענען די באַדערפֿנישן פֿונעם מענטש, װאָס מער ער לעכצט נאָך די פֿריידן אין לעבן, — מעגן זײ זײַן קלײנינקע, אַלץ שנעלער אַנטװיקלט זיך די קולטור פֿון קערפּער און גײַסט. ער האָט צוריק־געטענהט: ניין, טאָלסטאָי איז גערעכט, קולטור — איז מיסט, זי פֿאַרקריפּלט נאָר דעם פֿרײַען װאוקס פֿון דער נשמה.

— „צוגעבונדנקײט צו זאַכן״ — האָט ער געזאָגט — דאָס איז אַ פֿעטישיזם פֿון װילדע, געצנ־דינערײַ. באַשאַף דיר נישט קײן קומיר, אַנדערש װערסטו פֿאַרלאָשן — אָט דאָס איז דער אמת! הײַנט מאַך אַ בוך, מאָרגן — אַ מאַשין, נעכטן האָסטו געמאַכט אַ שטיװל און האָסט שױן פֿאַרגעסן אָן אים. מיר דאַרפֿן זיך לערנען פֿאַרגעסן.

און איך האָב געזאָגט: מען מוז געדענקען, אַז איטלעכע זאַך איז אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון מענטשלעכן גײַסט, און אָפּטמאָל איז דער אינערלעכער װערט פֿון אַ זאַך באַדײַטנדער פֿון אַ מענטש.

— דאָס איז פֿאַרערונג פֿון טױטער מאַטעריע, — האָט ער געשריגן.

— אין איר איז פֿאַרקערפּערט אַן אומשטערבלעכער געדאַנק.

— װאָס איז אַזױנס דער געדאַנק? ער איז צװײפּנימדיק און אָפּשטױסנד מיט זײַן אָנמעכטיקײט. . .

מיר האָבן דיספּוטירט אַלץ אָפּטער, אַלץ אָנגעשטרענגטער. דער שאַרפֿסטער פּונקט פֿון אונדזערע חילוקי־דעות פֿלעגט זײַן די באַציִונג צום געדאַנק.

איך פֿיל זיך אַלס אַ לעבנדיקן אין דער אַטמאָספֿערע פֿון געדאַנק און, זעענדיק, װיפֿיל גרױסעס און דערהױבנס ס׳איז באַשאַפֿן געװאָרן דורך אים, — גלײב איך, אַז זײַן אָנמעכטיקײט — איז אַ צײַטװײליקע. ס׳קען זײַן, איך ראָמאַנטיזיר און

טרייב איבער די שעפערישע קראַפט פון געדאַנק, אָבער דאָס איז אַזוי באַטירלעך אין רוסלאַנד, וואו ס׳איז נישטאָ קיין גייסטיקער סינטעז, אין דעם לאַנד — דעם געצנדינעריש־חושים־דיקן.

לעאָניד האָט אויפגענומען דעם געדאַנק, ווי „אַ בייז שפּיצל פונם טייוול איבערן מענטש"; ער האָט זיך אים אויסגעוויזן פאַלש און פיינדלעך. אַוועקשלעפנדיק דעם מענטש צו די אָפּגרונטן פון אומדערקלערבאַרע סודות, נאַרט ער אים אָפּ, איבערלאָזנדיק אין פיינלעכער און אַנמעכטיקער איינזאַמקייט פאַר די סודות און אַליין — פאַרלעשט ער זיך.

פונקט אַזוי קייגנזעצלעך זענען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען אינם בליק אויפן מענטש, דער מקור פון געדאַנק, זיין שמעלץ־אויוון. פאַר מיר איז דער מענטש תמיד דער זיגער, אפילו אַלס שטערבלעך פאַרוואונדערטער, אַלס גוססדיקער. הערלעך איז זיין שטרעבונג צו זעלבסט־דערקענונג און דערקענונג פון דער נאַטור, און הגם זיין לעבן איז פּיינלעך, — האָט ער דאָך אַלץ מער פאַר־ברייטערט זיינע גרעניצן, באַשאַפנדיק מיט זיין געדאַנק אַ קלוגע וויסנשאַפט, אַ וואונדערבאַרע קונסט. איך האָב געפילט, אַז איך האָב אויפריכטיק און ווירקלעך ליב דעם מענטש — הן דעם, וואָס לעבט איצט און ווירקט איינעם מיט מיר, הן יענעם, דעם קלוגן, גוטן, שטאַרקן, וואָס וועט דערשיינען ווען־ס׳איז אין דער צו־קונפט. אַנדרעיעוון שטעלט זיך פאַר דער מענטש אַלס גייסטיקער אביון; צונויפגעפלאָכטן פון קייגנזעצלעכע סתירות פון אינסטינקט און אינטעלעקט, איז באַ אים אויף אייביק אָפּגענומען די מעג־לעכקייט צו דערגרייכן אַ וועלכע ס׳איז אינערלעכע האַרמאָניע. אַלע זיינע עסקים זענען „הבל הבלים", אַש און זעלבסטנאַרעריי. און דער עיקר, ער איז — אַ קנעכט פון טויט און דאָס גאַנצע לעבן גייט ער אויף זיין קייט.

ס׳איז זייער שווער צו רעדן וועגן אַ מענטש, וועלכן די פּילסט גוט.

דאָס קלינגט, ווי אַ פּאַראַדאָקס, נאָר ס׳איז אמת: ווען דער געהיימנישפולער ציטער פונם ברענען פון דעם פרעמדן „איך" ווערט דורך דיר געשפּירט, רעגט דיך אויף, — האָסטו מורא זיך צוצורירן מיטן קרומען, שווערן וואָרט דײַנעם צו די נישט אָנזעעוודיקע שטראַלן פון דער נשמה, וואָס איז דיר טײַער; האָסט מורא צו זאָגן נישט דאָס, נישט אַזוי: ווילסט נישט פאַרקריפּלען דאָס געפילטע און דאָס כמעט נישט אויסדריקבאַרע דורך קיין וואָרט, דו פועלסט נישט בײַ זיך אײַנצושליסן דאָס פרעמדע, כאָטש אפילו אַלגעמיין־באַדײַטלעכע, מענטשלעך־ווערטפולע אין דײַן ענגער שפּראַך.

אַ סך גרינגער און אײַנפאַכער איז צו דערציילן וועגן דעם, וואָס דו פילסט נישט גענוג קלאָר, — אין אַזעלכע פאַלן קען מען אַ סך — און אפילו אַלץ, וואָס דו ווילסט — צוגעבן פון זיך.

איך מיין, אַז איך האָב גוט געפילט ל. אַנדרעיעוון: געוויער רעדנדיק — איך האָב געזען, ווי ער גייט איבער יענעם שטעגל, וואָס איז געהאָנגען איבער אַן אָפּריס אין אַ זומפּ פון משוגעת, איבער אַן אָפּגרונט, וואָס אַרײַנקוקנדיק אַהין, ווערט די ראיה פון פאַרשטאַנד פאַרלאָשן.

גרויס איז געווען זײַן כוח הדמיון, אָבער — טראָץ דער אומאויפהערלעך און טיף געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט צו דעם באַליידיקענדן סוד פון טויט, האָט ער זיך גאָר נישט געקענט פאַרשטעלן אויף יענער זייט פון אים, קיין שום דערהויבנס אָדער טרייסטנדיקס, — ער איז, פונדעסטוועגן, צופיל רעאַליסט געווען דערויף, כדי צו קענען זיך אויסקלערן אַ טרייסט, הגם ער האָט זי געוואָלט.

דאָסדאָזיקע גיין אויפן שטעגל איבער אַ ליידיקייט האָט אונז טאַקע מער פון אַלעם צעטיילט. איך האָב שוין געהאַט לאַנג איבערגעלעבט לעאָנידס שטימונג, — און, אויס נאַטירלעכן מענטשלעכן שטאָלץ, איז מיר אָרגאַניש דערווידער אין באַליידיקענד געווען צו טראַכטן וועגן טויט.

איינמאָל האָב איך דערציילט לעאָנידן וועגן דעם, ווי מיר

איז אָנגעקומען איבערצולעבן די שווערע צייט „פון די טרוימערייען פון אַן אַרעסטאַנט וועגן קיום אויסער די גרעניצן פון דער תפיסה״, וועגן „דער שטיינערנער פינצטערניש״ און „דער אומבאַוועגלעכ־קייט, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אויף אייביק״, — ער איז אויפגעשפרונגען פון דער סאָפּע און, לויפנדיק איבערן צימער, דיריגירנדיק מיט דער פאַרוואונדעטער האַנט, האָט ער איילִיק, אויפגעבראַכט, זיך שטיקנדיק, גערעדט:

— דאָס, ברודער, איז פחדנות, — פאַרמאַכן דאָס בוך נישט צולייענענדיק ביזן סוף! אין דעם בוך — איז דאָך דיין באַשולדיקונגס־אַקט. אין אים ווערסטו דאָך אָפּגעלייקנט — פאַרשטייסט? מען פאַרלייקנט דיך מיט אַלעם, וואָס איז דאָ איז דיר — מיטן הומאַניזם, סאָציאַליזם, עסטעטיק, ליבע, — דאָס אַלץ — איז דאָך אַן אומזין לויטן בוך? ס'איז קאָמיש און נעבעכדיק: מען האָט דיך פאַרורטיילט צו טויט־שטראָף — פאַרוואָס? און דו, מאַכנדיק זיך, אַז דו ווייסט עס נישט, אַז ביסט נישט באַליידיקט דערפון, — קוועלסטו אָן פון די בלימעלעך, אָפּנאַרנדיק זיך און אַנדערע, — נאַרישע בלימעלעך!

איך האָב אים אָנגעוויזן אויף אַ געוויסער צוועקלאָזיקייט פון פראָטעסטירן קעגן ערדציטערניש, געפרוווט איבערצייגן, אַז פראָטעסטן קאָנען לחלוטין נישט ווירקן אויף די קראַמפּן פון דער ערד־שאָל — דאָס אַלץ האָט אים נאָר דערצערנט.

מיר האָבן געשמועסט אין פעטערבורג, האַרבסט־צייט, אין אַ ליידיק, אומעטיק צימער אויפן פערטן שטאָק. די שטאָט איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל, אין דער גרויער מאַסע פון נעפּל זענען אומבאַוועגלעך געהאָנגען רעגנבויגנדיקע, פאַנטאַס־טישע באַלעמס פון די לאַמטערן, דערמאָנענדיק אָן ריזיקע זייפנ־בלאָזן. דורך דער שיטערער וואַטע פונם נעפּל האָבן זיך צו אונז אויפגעהויבן פון דנאָ פון דער גאַס משונהדיקע קלאַנגען, — באַזונדער דערעסנדיק האָבן געסמאָטשקעט איבער דעם הילצערן־געפּלאַסטערטן ברוק די קאָפּיטעס פון פערד.

דאָרט, אונטן, האָט מיט געפּילדער זיך דורכגעטראָגן אַ

פייערלעשער־קאָמאַנדע. לעאָניד איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און פאַרגעלייגט:

— לאָמיר פאָרן אָנקוקן די שרפה.

— אין פּעטערבורג זענען שרפות נישט אינטערעסאַנט.

ער האָט איינגעשטימט:

— אמת. אָבער, אָט, אויף דער פּראָווינץ ערגעץ אין אַר־יאָל, ווען ס'ברענען הילצערנע הייזער, און ס'פּלאַטערן אַרום, ווי די מילבן, די שטאָטלייט — איז שיין. און טויבן איבערן וואָלקן פון דער שרפה — האָסט געזעען?

אַרומנעמענדיק מיך באַ דער פּלייצע, האָט ער געזאָגט, אַ לאַך טוענדיק:

— דו — האָסט אַלץ געזעען, דער טייוול זאָל דיך נעמען! אפילו — „די שטיינערנע ליידיקייט" — דאָס איז זייער גוט — שטיינערנע פינצטערניש און ליידיקייט.

און — באַדזשענדיק מיך מיטן קאָפּ אין דער זייט:

טייל מאָל האָב איך דיך פיינט דערפאַר.

איך האָב געזאָגט, אַז איך פיל דאָס.

— יאָ, — האָט ער באַשטעטיקט, אַנידערלייגנדיק דעם קאָפּ מיר אויף די קניען. — ווייסט — פאַרוואָס? ס'ווילט זיך, אַז דו זאָלסט קראַנק זיין אויף מיין חולאת, — דעמאָלט וואָלטן מיר געווען נעענטער איינער דעם אַנדערן, — דו ווייסט דאָך, ווי איינזאַם איך בין!

יאָ, ער איז געווען זייער איינזאַם, נאָר צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער היט אייפעריק אָפּ זיין איינזאַמקייט, זי איז אים טייער, ווי אַ קוואַל פאַר זיינע פאַנטאַסטישע עקסטאַזן און ווי אַ באַפרוכטנדיקער באָדן פאַר זיין אָריגינאַליטעט.

— דו — זאָגסט ליגנט, אַז דיך באַפרידיקט דער וויסנ־שאַפטלעכער געדאַנק, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אין סופיט אַריין מיט אַ מעלאַנכאָליש פינצטערן בליק פון די איבערגעשראָ־קענע אויגן. — די וויסנשאַפט, ברודער, איז אויך אַ מיסטיק פון פאַקטן: קיינער ווייסט נישט גאָרנישט — דאָס איז דער אמת. און די פראַגן — ווי אַזוי איך קלער און נאָכוואָס איך קלער, איז

דער קוואַל פון דעם עיקר פּיין פון די מענטשן — דאָס איז דער שרעקלעכסטער אמת! לאָמיר ערגעץ־וואו פאָרן, כ׳בעט דיך...

ווען ער פלעגט באַרירן די פראַגע וועגן מעכאַניזם פון דענקען — פלעגט דאָס אים מער פון אַלעם אויפרעגן. און — שרעקן.

מיר האָבן זיך אָנגעטון, זיך אַראָפּגעלאָזט אין נעפּל אַריין און אַ שעה צוויי זענען מיר געשוואומען אין אים איבער ניעווסקי, ווי וועלספיש איבערן גרונט פון אַ ייליקן טייך. דערנאָך זענען מיר געזעסן אין עפּעס אַ קאַפע, צו אונז זענען, נישט צום אָפּטשעפּען זיך, צוגעשטאַנען דריי מיידלעך, איינע פון זיי אַ שלאַנקע עסטאָנקע, האָט זיך אָנגערופן „עלפרידאַ", דאָס פּנים איז באַ איר געווען אַ שטיינערנס, זי האָט געקוקט אויף אַנדרעיעוון מיט גרויסע גרויע גלאַנצלאָזע אויגן, מיט אַן אומהיימלעכער ערנסטקייט און פון אַ קאַווע־שויל געטרונקען עפּעס אַ גרינעם, גיפטיקן ליקער. פון אים האָט זיך געפילט אַ ריח פון געברענטער פעל.

לעאָניד האָט געטרונקען קאָניאַק, ער איז שנעל געוואָרן בגלופינדיק, ברויזנד שאַרפזיניק, האָט לאַכעוודיק געמאַכט די מיידלעך מיט אומגעריכט קאָמישע און ליצנותדיקע שפּאַסן און, לסוף, באַשלאָסן צו פאָרן צו די מיידלעך אין זייער וואוינונג, — זיי האָבן דאָס דורכויס פאַרלאַנגט. אָפּלאָזן לעאָנידן אַליין איז נישט מעגלעך געווען, — ווען ער פלעגט אָנהייבן טרינקען, האָט אין אים דערוואַכט עפּעס אומהיימלעכס, אַ נקמהדיקע באַדערפעניש חרוב צו מאַכן, עפּעס אַ מין שנאה פון „אַ געפאַנגענער חיה".

איך בין אַוועק מיט אים, מען האָט געקויפט ווייַן, פרוכטן, זיסוואַרג, און, ערגעץ־דאָרט אויף ראַזיעזזשער גאַס, אין אַ ווינקל פון אַ שמוציקן הויף, וואָס איז פאַרלייגט געווען מיט פעסער און האָלץ, אויפן ערשטן שטאָק פון אַ הילצערנער אָפיצינע, אין צוויי קליינע שטיבלעך, צווישן ווענט, קבצניש און נעבעכדיק באַפּוצטע מיט פּאָסט־קאַרטלעך, — האָט מען אָנגעהויבן טרינקען.

איידער ער פלעגט זיך אָנשכורן ביז אָנווערן דאָס באַוואוסטזיין, פלעגט לעאָניד געפערלעך און וואונדערלעך זיך אויפרעגן, זיין מוח האָט ברויזנד אויפגעקאָכט, די פאַנטאַזיע האָט זיך צעפלאַקערט, די שפּראַך איז געוואָרן כמעט אומפאַרטראָגלעך דראַסטיש.

איינע פון די מיידלעך, אַ קיילעכיקע, אַ ווייכע און אַ פלינקע, ווי אַ מויז, האָט כמעט מיט אַנטציקונג אונז דערציילט, ווי אַ געהילף־פּראָקוראָר האָט איר אַ ביס געטון אין פוס העכער פון דער קני, — זי האָט אַפנים געהאַלטן דעם טאַט פונעם יוריסט פאַר דער באַדייטנדסטער געשעעניש אין איר לעבן, זי האָט געוויזן דעם העפט פונעם ביס און, פאַרכלינענדיק זיך פון אויפרעגונג, פריידיק בלישטשענדיק מיט די גלעזערנע אייגעלעך, האָט זי דערציילט:

— ער האָט מיך אַזוי ליב געהאַט, — ס'איז אַזש שרעקלעך צו דערמאַנען זיך! ער האָט אַ ביס געטון, איר פאַרשטייט, און — דער צאָן איז בײַ אים געווען אַריינגעשטעלט, — און ער איז פאַרבליבן בײַ מיר אין לייב!

דאָסדאָזיקע מיידל איז גיך שכור געוואָרן: זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אין ווינקל פון דער קאָזעטקע און איז אַנטשלאָפן געוואָרן, שנאָרכענדיק.

אַ פּרעכטיק־לייביקע, געדיכט־האָריקע שאַטינקע מיט אויגן פון אַ שעפּס און מיט אומגעלומפּערט לאַנגע הענט האָט געשפּילט אויף אַ גיטאַרע, און עלפרידאַ האָט אַראָפּגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע די פלעשער מיט די טעלערס, איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש און האָט געטאַנצט, שווייגנד, שלאַנגיש זיך אויסבייגנדיק, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון לעאָנידן. דערנאָך האָט זי אויפגעזונגען מיט אַ נישט אָנגענעם גראָב קול, בייז צעשפּרייטנדיק די אויגן, מאָמענטנווייז, ווי אַן איבערגעבראָכענע, זיך צוגעבויגן צו אַנדרעיעוון; ער האָט אויסגעשריגן די דורך אים אויפגעכאַפּטע ווערטער פון דעם פרעמדן ליד, אויף אַן אויסטערלישער שפּראַך, און מיך געשטויסן מיטן עלנבויגן, זאָגנדיק:

— זי פאַרשטייט עפּעס, קוק אויף איר, זעסט? זי פאַר־שטייט!

מאָמענטנווייז זענען לעאָנידס אויפגערעגטע אויגן פאַר־בלענדט געוואָרן; ווערנדיק נאָך טונקעלער, האָבן זיי זיך אַזוי ווי פאַרטיפט, פרוּוונדיק אַריינצובליקן אינעם אינעווייניק פון מוח.

איינמידנדיק זיך, האָט די עסטאָנקע אַ שפרונג געטון פון טיש אויפן בעט אַרויף, האָט זיך אויסגעצויגן, אויפעפנענדיק דאָס מויל און גלעטנדיק מיט די הענט די קליינע ברוסטן, שאַרפע, ווי בײַ אַ ציג.

לעאָניד האָט גערעדט:

— די העכסטע און טיפסטע עמפּינדונג אין לעבן, וועלכע איז צוגעגלעך פאַר אונז — איז דער צאַפּל פון געשלעכטלעכן אַקט, — יאָ, יאָ! און, ס'קען זיין, די ערד, פּונקט ווי די דאָזיקע סוקע, פלאַטערט אום אין דער מדבר פון וועלטאַל, וואַרטנדיק, אַז איך זאָל זי באַפרוכפּערן מיט פאַרשטיין דעם ציל פון קיום, אָבער איך אַליין, מיט דעם אַלעם וואונדערבאַרן אין מיר, — בין נאָר אַ ספּערמאַטאָזאָיד.

איך האָב אים פאָרגעלייגט צו גיין אַהיים.

— גיי, איך וועל דאָ בלייבן...

ער איז שוין געווען שטאַרק שכּור, און ער האָט געהאַט בײַ זיך אַ סך געלט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט, גלעטנדיק די שלאַנקע פיס פון מיידל און לוסטיק אָנגעהויבן רעדן, אַז ער האָט זי ליב, און זי האָט אָן אויפהער געקוקט אים אין פּנים אַריין, האַלטנדיק פאַרוואָרפן די הענט אונטערן קאָפּ.

ווען אַ באַראָן פאַרזוכט רעטעך, וואַקסן בײַ אים אויס פליגל, — האָט געזאָגט לעאָניד.

— ניין, דאָס איז נישט אמת, — האָט ערנסט געזאָגט דאָס מיידל.

— איך זאָג דיר, אַז זי פאַרשטייט עפּעס! — האָט אַ גע־שריי געטון לעאָניד אין שכּורער פרייד. אין עטלעכע מינוט אַרום

איז ער אַרויסגעגאַנגען פון צימער, — איך האָב געגעבן דעם מיידל געלט און זי געבעטן איינצורעדן לעאָנידן זיך דורכצופאָרן. זי האָט גלייך איינגעשטימט.

— איך האָב מורא פאַר אים. אַזוינע שיסן פון פּיסטאָלעטן — האָט זי געמורמלט.

דאָס מיידל, וואָס האָט געשפּילט אויף דער גיטאַרע, איז איינגעשלאָפן, זיצנדיק אויף דער פאָדלאָגע לעבן דער קאָזעטקע, וואו, שנאָרכנדיק, איז געשלאָפן איר חברטע.

די עסטאַנקע איז שוין געווען אָנגעטון, ווען לעאָניד האָט זיך אומגעקערט; ער האָט אָנגעהויבן זיך בונטעווען, שרייענדיק:

— איך וויל נישט! זאָל זיין אַ שמחה פון קערפּער.

און ער האָט געפּרוווט אויסטון דאָס מיידל; ווערנדיק זיך, האָט זי אַזוי איינגעשפּאַרט געקוקט אים אין די אויגן אַריין, אַז איר בליק האָט איינגעשטילט לעאָנידן, ער האָט מסכּים געווען:

— לאָמיר פאָרן.

נאָר ער האָט געוואָלט אָנטון אַ דאַמען-הוט אַ לאַ רעמבראַנדט און שוין אַראָפּגעריסן פון אים אַלע פעדערן.

— איר וועט באַצאָלן פאַרן הוט? — האָט געשעפּטלעך אַ פרעג געטון דאָס מיידל.

לעאָניד האָט אויפגעהויבן די ברעמען און הילכיק זיך צעלאַכט, שרייענדיק:

— דיעלאָ — ווי שליאַפּיע! *) הוראַ!

אויף דער גאַס האָבן מיר געדונגען אַ דראָזשקע און געגומען פאָרן אינם נעפּל. ס'איז נאָך נישט געווען שפּעט, אפשר נאָך

---

*) דער ווערטלעכער טייטש איז: דער ענין איז — אין הוט, אָבער דער אַלגעמיינער זינען פון דער פראַזע איז: דער ענין איז דערליידיקט. — איבערז.

האַלבער נאַכט. דער ניעווסקי, אין די ריזיקע קרעלן פֿון די לאַמטערן, האָט אויסגעזעען אַ וועג, וואָס גייט ערגעץ אַראָפּ, אין אַ טיפֿעניש, אַרום די לאַמטערן האָבן געשימערט נאַסע שטויבעלעך, אין דער גרויער נאַסקייט זענען געשוואומען שוואַרצע פֿיש, שטייענדיק אויף די וויידלען; די האַלב־רונדיקייטן פֿון די שירמען, האָט זיך געדאַכט, הייבן אויף די מענטשן אינדערהייך, — אַלץ איז געוועזן זייער פֿאַנטאַסטיש, אויסטערליש און טרויעריק.

אויף דער לופֿט איז אַנדרעיעוו פֿולשטענדיק פֿאַרשכורט געוואָרן, האָט איינגעדרימלט, זיך וויגנדיק; דאָס מיידל האָט מיר איינגערוימט:

— איך וועל אַראָפּגיין, יאָ?

און, אַראָפּשפּרינגענדיק פֿון מיינע קניען אין דער שיטערער בלאָטע אַריין פֿון דער גאַס, איז זי נעלם געוואָרן.

אין עק פֿון קאַמיענאָאָסטראָווסקער פּראָספּעקט האָט לעאָניד אַ פֿרעג געטון, דערשראָקן אויפֿעפֿנענדיק די אויגן:

— מיר פֿאָרן? איך וויל אין אַ שענק אַריין. דו האָסט אַראָפּגעטריבן דידאָזיקע?

— זי איז אַוועקגעגאַנגען.

— זאָגסט ליגנט. דו ביסט — אַ כיטרער, איך — אויך. איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער, כּדי אַ קוק צו טון, וואָס דו וועסט טון, כ׳בין געשטאַנען הינטער דער טיר און געהערט, ווי דו האָסט איר איינגערעדט, דו האָסט זיך געפֿירט אומשולדיק און איידל. דו ביסט בכלל נישט קיין גוטער מענטש, דו טרינקסט אַ סך, און ווערסט נישט שכּור, דערפֿון וועלן דיינע קינדער זיין אַלקאָהאָליקער. מיין פֿאָטער האָט אויך אַ סך געטרונקען און איז נישט שכּור געוואָרן, און איך בין — אַן אַלקאָהאָליקער.

דערנאָך זענען מיר געזעסן אויף „סטרעלאָק” אונטער דעם נאַרישן שלייער פֿון נעפּל, מיר האָבן גערייכערט, און בעת ס׳האָט אויפֿגעפֿלאַקערט דאָס פֿייערל פֿון די פּאַפּיראָסן, — האָט מען געזען, ווי ס׳גרויען זיך אונזערע פּאַלטנס, באַדעקנדיק זיך מיט טריבן זילבער־שטויב פֿון דער פֿייכטקייט.

לעאָניד האָט גערעדט מיט אַ גרעניצלאָזער אָפּנהאַרציקייט און דאָס איז נישט געווען קיין אָפּנהאַרציקייט פון אַ שכור, — זיין שכל איז כמעט נישט פאַרשכורט געוואָרן ביזן מאָמענט, ווען דער סם פון אַלקאָהאָל האָט שוין לגמרי אָפּגעשטעלט די אַרבעט פון מוח.

— ווען איך וואָלט געווען פאַרבליבן מיט די מיידלעך, וואָלט עס זיך געווען געענדיקט שלעכט פאַר עמעצן. ס׳איז תמיד אַזוי. אָבער — פאַר דעם האָב איך דיך טאַקע נישט ליב, טאַקע פאַר דעם. דו שטערסט מיר צו זיין אַזוי, ווי איך בין. לאָז מיך אָפּ — וועל איך זיין ברייטער. דו ביסט, אפשר, אַ רייף אויף אַ פעסל, וועסט אַוועקגיין — וועט דאָס פעסל זיך צעשיטן, אָבער — זאָל עס זיך צעשיטן — פאַרשטייסט? מען דאַרף גאָרנישט פאַרהאַלטן, זאָל אַלץ חרוב ווערן. אפשר איז דער אמתער זינען פון לעבן טאַקע אינם חורבן פון עפּעס, וואָס מיר ווייסן נישט — אָדער — פון אַלעם, וואָס איז צוגעטראַכט און געמאַכט געוואָרן דורך אונז.

זיינע טונקעלע אויגן האָבן מרה־שחורהדיק דורכגעבויערט די גרויסע מאַסע אַרום אים און איבער אים, טייל מאָל האָט ער זיי אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, דער נאַסער, מיט בלעטער באַשאָטענער, און געטופּעט מיט די פיס, ווי פרווונדיק איר פעסטקייט.

— איך ווייס נישט, — וואָס דו טראַכסט, נאָר — דאָס, וואָס דו רעדסט, איז נישט פון דיין גלויבן, פון דיין תפילה קיין ווערטער. דו זאָגסט, אַז אַלע כוחות פון לעבן קומען אַרויס פון צעשטערן דאָס גלייכגעוויכט, און אַליין זוכסטו גראָד גלייכגעוויכט, עפּעס אַ מין האַרמאָניע און שטויסט מיך אויך דערצו, דעמאָלט ווען — לויט דיר גופא איז גלייכגעוויכט — טויט!

איך האָב געענטפערט: איך שטויס אים אין ערגעץ נישט, כ׳וויל נישט שטויסן, נאָר — מיר איז טייער זיין לעבן, דאָס געזונט איז טייער, די אַרבעט זיינע.

— דיר איז אָנגענעם בלויז מיין אַרבעט, — מיין אויסער־

לעכס, — אָבער נישט איך גופא, נישט דאָס, וואָס איך קען נישט פאַרקערפערן אין קיין אַרבעט. דו שטערסט מיר אין אַלעמען, גיי אין דער בלאָטע אַריין!

ער האָט זיך אַרויפגעלייגט מיר אויפן אַקסל און, מיט אַ שמייכל אַריינקוקנדיק מיר אין פנים אַריין, האָט ער פאָרגעזעצט:

— דו מיינסט, איך בין שכור און כ׳פאַרשטיי נישט, אַז כ׳רעד נאַרישקייטן? ניין, איך וויל איינפאַך דיך צעבייזערן. איך, ברודער, בין אַ דעקאַדענט, אַ דעגענעראַט, אַ קראַנקער מענטש. נאָר דאָסטאָיעווסקי איז אויך געווען אַ קראַנקער, ווי אַלע גרויסע מענטשן. ס׳איז פאַרהאַן אַ ביכל, — כ׳געדענק נישט וועמענס, — וועגן גאונות און משוגעת, דערין ווערט באַוויזן, אַז געניאַליטעט איז אַ פסיכישע קראַנקייט! דאָסדאָזיקע ביכל — האָט מיך קאַליע געמאַכט. ווען איך וואָלט עס נישט געווען געלייענט, — וואָלט איך געווען איינפאַכער. און אַצינד ווייס איך, אַז איך בין כמעט געניאַל, נאָר איך בין נישט זיכער, — צי גענוג משוגע. פאַרשטייסט, — איך אַליין שטעל זיך מיר פאָר אַלס משוגענער, כדי זיך איבערצוצייגן אין מיין טאַלענטירטקייט, — פאַרשטייסט?

איך האָב זיך צעלאַכט. מיר האָט זיך דאָס אויסגעוויזן אַלס שלעכט צוגעטראַכט און במילא נישט וואָרהאַפטיק.

ווען איך האָב אים דאָס געזאָגט, האָט ער אויך אָנגעהויבן לאַכן און פלוצלינג, מיט אַ בויגיקער נשמה־באַוועגונג, איז ער אַקראָבאַטיש פלינק אַריבערגעשפרונגען אין טאָן פון אַ הומאָריסט:

— אָבער — וואו איז אַ שענק, דאָס אָרט פון ליטעראַרישער עבודת הקודש? טאַלענטירטע רוסישע מענטשן מוזן אומבאַדינגט שמועסן אין אַ שענק, — אַזוי איז די טראַדיציע, אָן דעם וועלן די קריטיקער נישט אָנערקענען קיין טאַלענט.

מיר זענען געזעסן אין אַ נאַכט־טראַקטיר פון באַלעגאָלעס, אין אַ נאַסער, רויכיקער דושנעקייט: איבער דער שמוציקער שטוב זענען בייז און מיד אַרומגעגאַנגען שלעפעריקע „מענטשן“, ס׳האָבן זיך „מאַטמאַטיש“ געזידלט די שכורים, ס׳האָבן געקוויטשעט שרעק־

לעכע פּראָסטיטוטקעס, איינע פון זיי, אָפּדעקנדיק די לינקע ברוסט — אַ געלע, מיט אַן אומגעהייערן וואָרצל פון אַ קו, — האָט זי אַרויפגעלייגט אויף אַ טעלער און אונז צוגעטראָגן, פאַר־לייגנדיק:

— איר וועט קויפן אַ פונט?

— איך האָב ליב אומפאַרשעמטקייט, — האָט געזאָגט לעאָניד, — אין ציניזם שפּיר איך דעם טרויער, כמעט דעם יאוש פון מענטש, וועלכער אָנערקענט, אַז ער קאָן נישט, נישט זיין קיין חיה, ער וויל נישט זיין, און קאָן נישט. פאַר־שטייסט?

ער האָט געטרונקען שטאַרקע כמעט שוואַרצע טיי, איך האָב געוואוסט, אַז אַזוי געפעלט אים און דאָס ניכטערט אים אויס, — איך האָב אומישנע געהייסן אויפקאָכן מער טיי. צוזיפּנדיק די דזשעגעטש־שוואַרצע, ביטערע פליסיקייט, טאַפּנדיק מיט די אויגן די געשוואָלענע פּנימער פון די שכורים, האָט לעאָניד אָן אויפהער גערעדט:

— מיט ווייבער — בין איך ציניש. אַזוי — איז וואָרהאַפ־טיקער, און זיי האָבן דאָס ליב. ס'איז גלייכער צו זיין אַ פאַרענ־דיקטער בעל־עבירה, איידער אַ צדיק, וואָס קאָן נישט דערגיין צו פולקאָמער הייליקייט.

ער האָט זיך אומגעקוקט, געשוויגן אַ ווײַלע און זאָגט:

— אָבער דאָ — איז אומעטיק, ווי אין אַ גלחישער קאָנ־סיסטאָריע!

דאָס האָט אים לאַכעוודיק געמאַכט.

— איך בין קיינמאָל נישט געווען אין קיין גלחישער קאָנסיסטאָריע, דאָרטן מוז זיין עפּעס ענלעכס צו אַ פיש־סאַ־זשעלקע...

די טיי האָט אים אויסגעניכטערט. מיר זענען אוועקגעגאַנ־גען פון טראַקטיר. דער נעפּל איז געדיכטער געוואָרן, די שימע־רירנדיקע באַלעמס פון די לאַמטערנס זענען צעגאַנגען, ווי אייז.

— ס'גלוסט זיך מיר פיש, — האָט געזאָגט לעאָניד, אָנשפּאַרנדיק זיך אָן פּאַרענטש פון בריק איבער דער ניעוואַ, און האָט לעבהאַפט פאַרגעזעצט: — דו ווייסט, ווי ס'קומט פאַר באַ מיר? מסתמא — קלערן קינדער אַזוי, — ס'שטויסט זיך אַ שטייגער אָן אויפן וואָרט — פיש און קלייבט צו דערצו האַרמאָניש קלינגענדיקע ווערטער: — פיש, פריש, טיש, משוגע, ריגע, — און אַט לידער שרייבן — קאָן איך נישט.

אַ טראַכט געבנדיק, האָט ער געזאָגט:

— אַזוי קלערן אויך די פּראָפעסאָרן פון אלף־בית־ביכלעך...

אויפסניי זענען מיר געזעסן אין אַ טראַקטיר, האָבן זיך מכבד געווען מיט פיש, לעאָניד האָט דערציילט, אַז אים לאַדן איין די „דעקאַדענטן" מיטצואַרבעטן אין „דער וואָג".

— איך וועל נישט גיין, כ'האָב זיי נישט ליב. באַ זיי הינטער די ווערטער פיל איך נישט קיין אינהאַלט, זיי „פאַרשכורן זיך" מיט ווערטער, ווי ס'האָט ליב צו זאָגן באַלמאָנט. ער איז אויך — טאַלענטירט און — קראַנק.

אַ צווייט מאָל — געדענק איך, — האָט ער געזאָגט וועגן דער גרופּע פון „סקאָרפּיאָן":

— זיי באַגוואַלטיקן שאָפּענהויערן, און איך האָב אים ליב, במילא האָב איך זיי דערפאַר פיינט.

אָבער דאָס איז אַ צו שטאַרק וואָרט אין זיין מויל, — פיינט האָבן האָט ער נישט געקענט, ער איז דערויף צו ווייך געווען. ער האָט מיר אַמאָל געוויזן אין זיין טאָג־בוך „ווערטער פון שנאה", אָבער — זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס ווערטער פון הומאָר, און ער אַליין האָט אויפריכטיק געלאַכט פון זיי.

איך האָב אים אַוועקגעפירט אין אַ האָטעל, — געלייגט אים שלאָפן, אָבער, אַהינקומענדיק נאָכמיטאָג, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז תיכף, נאָך מיין אַוועקגיין, איז ער אויפגעשטאַנען, האָט זיך אָנגעטון און איז אויך ערגעץ־וואו פאַרשוואונדן. איך האָב אים געזוכט אַ גאַנצן טאָג, נאָר נישט געפונען.

ער האָט פיר טאָג אָן אויפהער געטרונקען און איז דערנאָך אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע.

ער האָט געהאַט אַן אומאָנגענעמען מאַניר אויסצופרוּוון די אויפריכטיקייט פון די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן מענטשן; ער פלעגט עס טון אַזוי: אומגעריכט, צווישן איבעריקן, פרעגט ער:

— ווייסט, וואָס .Z האָט געזאָגט וועגן דיר? — אָדער ער דערציילט:

— אַ. ס. זאָגט וועגן דיר...

און מיטן טונקעלן בליק קוקט ער אויספרוּוונדיק אַריין אין די אויגן.

איינמאָל האָב איך אים געזאָגט:

— זע, — אַזוי אַרום קאָנסטו צעקריגן צווישן זיך אַלע חברים!

— נו, איז וואָס? — האָט ער געענטפערט. — אויב מען קריגט זיך איבער קלייניקייטן, הייסט עס — די באַציונגען זענען געווען נישט אויפריכטיק.

— וואָס ווילסט דו?

— פעסטקייט, אַזוינע — פאַרשטייסט — מאָנומענטאַליש־קייט, שיינקייט פון באַציונגען. מען באַדאַרף, אַז איטלעכער פון אונז זאָל פאַרשטיין, ווי דין ס'איז דער געוועב פון דער נשמה, ווי צאַרט און שווינענדיק מען דאַרף זיך באַציען צו איר, ס'איז נייטיק אַ געוויסער ראָמאַנטיזם אין די באַציונגען, אין פּושקינס קרייז איז ער געווען, און כ'בין דאָס מקנא. פרויען זענען עם־פינדלעך נאָר צו עראָטיק, די וואַנגעליע פון אַ פרוי — איז דע־קאַמעראָן.

אָבער אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער אויסגעלאַכט זיין אַפּרוף וועגן פרויען, הומאָריסטיש פאַרשטעלנדיק אַ שמועס פון אַן עראָטאָמאַן מיט אַ גימנאַזיסטקע.

ער האָט נישט פאַרטראָגן אַרציבאַשעוון און טיילמאָל מיט

ברוטאַלער פײַנדלעכקייט אויסגעלאַכט אים טאַקע פֿאַר זײַן אײַנזייטיקן שילדערן די פֿרוי, ווי אַן אויסשליסלעך לײַדנשאַפֿטלעכן עלעמענט.

איינמאָל האָט ער מיר דערציילט אַזאַ געשיכטע: ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר עלף, האָט ער דערזען ערגעץ אין אַ וועלדל אָדער אין אַ סאָד, ווי אַ דיאַקאָן האָט זיך געקושט מיט אַ מיידל.

— זיי האָבן זיך געקושט, און האָבן בײדע געוויינט, — האָט ער געזאָגט — אַראָפּלאָזנדיק נידעריקער די שטימע און זיך אײַנשרומפּנדיק; ווען ער פֿלעגט דערציילן עפּעס אינטימס, פֿלעגט ער אָנגעשטרענגט צונויפֿקוועטשן זײַן אַ ביסל שוואַכע מוסקולאַטור.

— דאָס מיידל איז געווען, פֿאַרשטייסטו, אַזאַ דיניטשקע, אויסגעדאַרטע, אויף שטרויענע פֿיסלעך, דער דיאַקאָן, — אַ דיקער, די סוטאַנע איז אויפֿן בויך פֿאַרפֿעצט און גלאַנצט. איך האָב שוין געוואוסט, נאָכוואָס מען קושט זיך, אָבער כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל געזען, אַז מען זאָל בעתן קושן זיך — וויינען, און ס׳האָט מיר אויסגעזען לעכערלעך. דעם דיאַקאָנס באָרד האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אָן די העקעלעך פֿון דער צעקנעפּלטער יאַקע, ער האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ פֿייף, כּדי זיי איבערצושרעקן, כ׳האָב זיך אַליין איבערגעשראָקן און — בין אַנטלאָפֿן. נאָר אין אייגענעם טאָג אינאָוונט האָב איך זיך דערפֿילט פֿאַרליבט אין אַ ריכטערס אַ טאָכטער, אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר צען, איך האָב זי אַרומגעטאַפּט, קיין ברוסטן איז בײַ איר נישט געווען, ס׳הייסט צו קושן איז נישטאָ וואָס, און זי טויג נישט אויף ליבע. דעמאָלט האָב איך מיך פֿאַרליבט אין די שכנימס אַ דינסט, אַ קורצפֿיסיקע, אָן ברעמען, מיט גרויסע ברוסטן, — די יאַקע אירע איז בײַ דער ברוסט „ווען פּונקט אַזוי פֿאַרפֿעצט, ווי די סוטאַנע אויפֿן דיאַקאָנס בויך. איך בין זייער אַנטשלאָסן צוגעטרעטן צו איר, און זי האָט אַנטשלאָסן מיר אָנגעריסן אַן אויער. אָבער

דאָס האָט מיר נישט געשטערט זי ליב צו האָבן, זי האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַ יפת־תואר און וואָס ווייטער, אַלץ מער. דאָס איז געווען כמעט פיינלעך און זייער זיס. איך האָב געזעען אַ סך ווירקלעך שיינע מיידלעך און מיטן שכל גוט פאַרשטאַנען, אַז די געליבטע מיינע — איז אַ פאַרזעעניש, אין פאַרגלייך מיט זיי, און דאָך איז זי בײַ מיר פאַרבליבן שענער פון אַלע. ס'איז מיר גוט געווען, ווייל איך האָב געוואוסט: קיינער וואָלט נישט געקענט ליב האָבן אַזוי, ווי איך קען, אַ ווייס־האָריקע גראָבע מויד, קיינער — פאַרשטייסט, — וואָלט נישט מסוגל געווען צו זעען זי שענער פאַר אַלע שיינהייטן!

ער האָט דאָס דערציילט גרויסאַרטיק, אָנזעטנדיק די ווערטער זיינע מיט אַ באַהאַלטן הומאָר, וועלכן איך בין נישט מסוגל איבערצוגעבן; סאַראַ שאָד, וואָס, תמיד שיין באַנוצנדיק אים אין שמועס, האָט ער געהאַלטן פאַר איבעריק אָדער מורא געהאַט צו באַשיינען מיט דער שפּילעוודיקייט זיינער זיינע דערציילונגען, — ער האָט מורא געהאַט, אפשר, צו צעשטערן מיט די פאַרבן פון הומאָר די טונקעלע טענער פון זיינע בילדער.

ווען איך האָב געזאָגט: אַ שאָד, וואָס ער האָט פאַרגעסן, ווי גוט ס'איז אים געלונגען צו באַשאַפן פון דער קורצפּיסיקער דינסט די ערשטע יפת־תואר אין דער וועלט, וואָס ער וויל נישט מער אַרויסציען פונם שמוציקן אַרץ פון דער ווירקלעכקייט די גאָלדערנע אָדערן פון שיינקייט, — האָט ער קאָמיש כיטרע פאַרזשמורעט די אויגן, זאָגנדיק:

— ביסט אַ מבין, וואָס ס'גלוסט זיך אים! ניין, איך האָב נישט בדעה צו באַלעווען אייך, ראָמאַנטיקער...

ס'איז אוממעגלעך געווען איבערצוצייגן אים דערין, אַז גראָד ער — איז אַ ראָמאַנטיקער.

אויף דער „זאַמלונג פון די ווערק", וועלכע לעאָניד האָט מיר געשענקט אין 1915 יאָר, האָט ער אָנגעשריבן:

„אָנהייבנדיק פון „בערגאַמאָט" אין „קוריער", איז דאָ אַלץ

געשריבן געוואָרן און דורכגעגאַנגען אונטער דיינע אויגן, אַלעקסיי: אין אַ גרויסן טייל איז עס — די געשיכטע פון אונזערע באַציִונגען".

דאָס איז, צום באַדויערן, אמת; צום באַדויערן — וואָרים איך מיין: פאַר ל. אַנדרעיעוון וואָלט געווען גלייכער, ווען ער וואָלט נישט געווען אַריינגעפירט אין זיינע דערציילונגען „די געשיכטע פון אונזערע באַציִונגען". אָבער ער פלעגט דאָס טון צו גערן און, איילנדיק זיך „אומצוּוואַרפן" מיינע מיינונגען, האָט ער דערמיט קאַליע געמאַכט זיין עבודה. און אַזוי ווי גראַד אין מיין פערזענלעכקייט וואָלט ער פאַרקערפּערט זיין אומגעזעענעם שונא.

— איך האָב אָנגעשריבן אַ דערציילונג, וועלכע וועט דיר זיכער נישט געפעלן, — האָט ער איינמאָל געזאָגט, — ווילן מיר זי איבערלייענען?

מיר האָבן איבערגעלייענט. די דערציילונג איז מיר זייער געפעלן געוואָרן, אַ חוץ אייניקע דעטאַלן.

— דאָס — זענען קלייניקייטן, כ'וועל דאָס פאַרריכטן, — האָט ער לעבהאַפט גערעדט, אַרומגייענדיק איבערן צימער און שאַרנדיק מיט די שטעקשיך דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט לעבן מיר און, אַרויפמאַכנדיק זיינע האָר, האָט ער מיר אַ בליק געטון אין די אויגן אַריין.

— אָט — איך ווייס, כ'פיל, דו לויבסט אויפריכטיק די דערציילונג. אָבער — איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קאָן זי דיר געפעלן?

— ס'פעלן זאַכן אויף דער וועלט, וואָס געפעלן מיר נישט, פונדעסטוועגן מאַכט דאָס זיי גאָרנישט קאַליע, ווי איך זע.

— קלערנדיק אַזוי, קאָן מען נישט זיין קיין רעוואָלוציאָנער.

— דו קוקסט טאַקע אויף אַ רעוואָלוציאָנער מיט די אויגן פון ניעטשאַיעוון — „אַ רעוואָלוציאָנער — איז נישט קיין מענטש?"

ער האָט מיך אַרומגענומען, זיך צעלאַכט:

— דו פאַרשטייסט זיך שלעכט. אָבער — הער, — ווען איך האָב געשריבן, דעם „געדאַנק", האָב איך דאָך דיך אין זינען געהאַט; „אַלעקסיי סאַוועלאָוו — דאָס ביסטו! דאָרט איז דאָ איין פראַזע: אַלעקסיי איז נישט געווען טאַלענטירט" — דאָס איז, אפשר, נישט גוט פון מיין זייט, נאָר די מיט דיין עקשנות צע־רייצט מיך טיילמאָל אַזוי, אַז דו ווייזסט זיך מיר אויס טאַלענט־לאָז. דאָס האָב איך נישט גוט אָנגעשריבן, יאָ?

ער איז געווען אויפגערעגט, האָט זיך אַזש פאַררויטלט.

איך האָב אים באַרויקט, זאָגנדיק, אַז איך האַלט מיך נישט פאַר קיין אַראַביש פערד, נאָר בלויז פאַר אַ משא־פערד; איך ווייס אַז מיינע דערגרייכונגען זענען נישט אַזוי קיין פועל־יוצא פון מיין באַטירלעכער טאַלענטירטקייט, ווי פון מיין פעיקייט צו אַרבעטן, פון מיין ליבשאַפט צו אַרבעט.

— דו ביסט אַן אויסטערלישער מענטש, — האָט ער שטיל געזאָגט, איבעררייסנדיק מיינע ווערטער און פלוצלינג, אַוועקגייענ־דיק פון די קלייניקייטן, האָט ער פאַרטראַכט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן זיך, וועגן די פלאָגענישן פון זיין נשמה. ער האָט נישט גע־האַט די אַלגעמיין־רוסישע, נישט סימפּאַטישע נייגונג זיך מתוודה צו זיין און חרטה־האָבן, אָבער טיילמאָל האָט זיך אים איינגעגעבן צו רעדן וועגן זיך מיט אַ מוטיקער אָפנהאַרציקייט, אפילו אַ ביסל אַ האַרטער, דאָך נישט אָנווערנדיק די זעלבסטאַכטונג. און דאָס איז געווען אָנגענעם אין אים.

— פאַרשטייסט, — האָט ער געזאָגט — איטלעכעס מאָל, ווען איך שרייב אַן עפעס אַזוינס, וואָס רודערט מיך באַזונדער אויף, — פאַלט אַראָפּ פון מיין נשמה אַ מין שאָל, איך דערזע מיך קלאָרער און זע, אַז איך בין טאַלענטירטער פון דעם, וואָס איך האָב אָנגעשריבן. אָט — „דער געדאַנק". איך האָב דערוואַרט, אַז דאָס וועט דיך איבעררעאַשן, און אַצינד זע איך אַליין, אַז דאָס איז, אין תוך גענומען, אַ פּאַלעמיש ווערק, וואָס האָט נאָך דערצו נישט אַריינגעטראָפן אין ציל.

ער איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס און האַלב שפּאַסנדיק דערקלערט, אַ שויבער טועגדיק די האָר:

— איך האָב מורא פאַר דיר, גזלן איינער! דו ביסט שטאַר-קער פון מיר, איך וויל זיך דיר נישט אונטערגעבן.

און ווידער ערנסט:

— מיר פעלט עפּעס, ברודער. עפּעס אַזוינס זייער וויכ-טיקס, — האַ? ווי רעכנסטו?

איך האָב גערעכנט, אַז ער באַציט זיך אומפּאַרציילעך נישט שווינענדיק צו זיין טאַלענט, און אַז אים פעלן קענטע-נישן.

— דו דאַרפסט זיך לערנען, לייענען, דו דאַרפסט פאַרן קיין אייראָפּע. . .

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— נישט דאָס. איך דאַרף מיר געפינען אַ גאָט און באַקו-מען אמונה אין זיין חכמה.

ווי תמיד, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן שפּאַרן. נאָך איינעם פון אַזעלכע וויכוחים האָט ער מיר צוגעשיקט די קאָרעקטן פון דער דערציילונג „די וואַנט". און מכוח די „ווידיעס" האָט ער מיר געזאָגט:

— דער משוגענער, וואָס קלאַפּט, דאָס — בין איך, און דער טיכטיקער יעגאָר — ביסטו. דיר איז ווירקלעך אייגן דאָס גע-פיל פון זיכערקייט אין דיין כוח, דאָס איז טאַקע דער הויפּט-פונקט פון דיין משוגעת און פון דעם משוגעת פון אַלע צו דיר ענלעכע ראָמאַנטיקער, אידעאַליזאַטאָרן פון שכל, וועלכע זענען אָפּגעריסן דורך זייער טרוימעריי פון לעבן.

דער מיאוסער טומל, וואָס ס'האָט אַרויסגערופן די דער-ציילונג „דער אָפּגרונט", האָט אים פאַרשאַפט קרענקונג. מענטשן, וואָס זענען תמיד גרייט צוצופּוצן זיך צו דער גאַס, האָבן אָנגע-הויבן שרייבן וועגן אַנדרעיעוון פאַרשידענע מיאוסקייטן, דערציי-ענדיק אין אויסטראַכטן שקרים ביז קאָמיזם: אַזוי האָט איין דיכ-טער אָפּגעדרוקט אין אַ כאַרקאָווער צייטונג, אַז אַנדרעיעוו האָט

זיי געבאָדן מיט זיין כלה אָן קאָסטיומען. לעאָניד האָט באַליידיקט געפרעגט:

— וואָס־זשע מיינט ער, — מען דאַרף זיך באָדן אין אַ פראַק, צי וואָס? און ער זאָגט דאָך ליגנט, כ׳האָב זיך נישט געבאָדן, נישט מיט דער כלה, נישט סאָלאָ, כ׳האָב אַ גאַנץ יאָר זיך גישט געבאָדן — ס׳איז נישט געווען וואו, דו ווייסט, איך האָב באַשלאָסן אָפּצודרוקן און פונאַנדערצוקלעפּן איבער די פּאַרקנס אַן אונטערטעניקע בקשה צו די לעזער, — אַ קורצע בקשה;

— „זייט אַזוי גוט, —
לייענט נישט „דעם אָפּגרונט!“

ער איז געווען איבערמעסיק, כמעט קרענקלעך אויפמערקזאַם צו די אָפּרופן וועגן זיינע דערציילונגען און האָט תמיד, מיט צער און אויפרעגונג, זיך געקלאָגט אויף דער באַרבאַרישער גראָבקייט פון די קריטיקער און רעצענזענטן, און איינמאָל האָט ער אפילו אין דער פּרעסע זיך באַקלאָגט אויף דער פיינדלעכער באַציונג פון דער קריטיק צו אים פּערזענלעך, ווי צו אַ מענטש.

— מען דאַרף דאָס נישט טון, — האָט מען אים געעצהט.

— ניי, מען מוז, אַז נישט וועלן זיי, באַמיענדיק זיך מיך אויסצובעסערן, מיר אָפּשניידן די אויערן אָדער מיך אָפּקרעלן מיט קאָכעדיק וואַ־

אים האָט מוראדיק געפּייניקט דער געירשנטער אַלקאָהאָליזם; די קראַנקייט פּלעגט זיך באַווייזן פּאַרהעלטנישמעסיק זעלטן, אָבער כמעט שטענדיק אין זייער שווערע פאָרמען, ער האָט געקעמפּט מיט איר, דער קאַמף האָט אים געקאָסט אומגעהייערע אָנשטרענגונגען, אָבער צייטנווייז, אַריינ־

פאַלנדיק אין יאוש, האָט ער אויסגעלאַכט דידאָזיקע אָנשטרענגונגען.

— איך וועל אָנשרייבן אַ דערציילונג וועגן אַ מענטש, — וועלכער האָט פון דער יוגנט אָן במשך פון פינף און צוואַנציק יאָר מורא געהאַט אויסצוטרינקען אַ גלעזל בראָנפן, האָט אָנגעוואוירן דורכדעם אַ סך הערלעכע מאָמענטן אין לעבן, האָט זיך קאַליע געמאַכט די קאַריערע און איז געשטאָרבן אין די בליענדע יאָרן, נישט געלונגען זיך אָפּשניידנדיק אַ מאָזאָל אָדער אַריינשטעכנדיק זיך אַ דזשאַזגע אין אַ פינגער.

און ווירקלעך, קומענדיק צו פאָרן צו מיר קיין ניזשני, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט דעם כתב־יד פון אַ דערציילונג אויף דערדאָזיקער טעמאַ.

אין ניזשני האָט ל. נ. באַ מיר באַגעגנט דעם גלח פעאָדאָר וולאַדימירסקי, דעם פּראָטאָיעריי פון דער שטאָט אַרזאַמאַס, און שפּעטער מיטגליד פון דער צווייטער מלוכהשער דומע, — אַ מענטש אַ מערקווירדיקער. איך וועל ווען ס'איז פּרווון אָנשרייבן זיין לעבנס־געשיכטע, אָבער לעת עתה האַלט איך פאַר נייטיק קורץ אָנצוצייכענען דעם עיקר העלדנטאַט פון זיין לעבן.

די שטאָט אַרזאַמאַס האָט שיער נישט פון איוואַן גראָזניס צייטן אָן געטרונקען וואַסער פון טייכלעך, וואו זומער זענען אַרומגעשוואומען פּגרים פון דערטרונקענע שטשורעס, קעץ, הינער, הינט, און ווינטער, אונטערן אייז, פלעגט דאָס וואַסער פאַרדומפּן ווערן, באַקומענדיק אַ הלשותדיקן ריח. און אָט האָט דער גלח פעאָדאָר, וועלכער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַזאָרגן די שטאָט מיט געזונט וואַסער, צוועלף יאָר איינער אַליין אויסגעפאָרשט די באָדן־וואַסערן אַרום אַרזאַמאַס. יאָר אויס יאָר איין פלעגט ער יעדן זומער בעתן זון־אויפגאַנג אַרומקריכן, ווי אַ מכשף, איבער פעלדער און וועלדער, באַאָבאַכטנדיק, וואו די ערד „פּרייעט זיך”. און נאָך לאַנגער מי האָט ער געפונען אונטערערדישע קוואַלן,

האט אויסגעפארשט זייער שטאם, האט איבערגעגראבן, געריכטעט זיי צו א וואלד-טאליקייט אויף דריי וויארסט הינטער דער שטאט און, באקומענדיק אויף צען טויזנט איינוואוינער העכער פערציק טויזנט עמער גרויסארטיק קוואל-וואסער, האט ער פארגעלייגט דער שטאט איינצוארדנען וואסער-לייטונג. די שטאט האט פארמאגט א קאפיטאל, וואס א געוויסער סוחר האט מנדב געווען אין דער צוואה מיטן תנאי, אז ס'אל פארווענדט ווערן אדער אויף וואסער-לייטונג, אדער אויף ארגאניזירן א קרעדיט-געזעלשאפט. די סוחרימשאפט און דאס באאמטנטום, וואס האבן זיך געבערנגט וואסער מיט פעסער אויף פערד-און-וואגן פון די ווייטע קוואלן הינטער דער שטאט, האבן זיך אין וואסער-לייטונג נישט גענייטיקט און, אויף כלערליי אופנים באשווערנדיק די ארבעט פונם גלח פעאדאר, האבן זיי געשטרעבט צו פארווענדן דעם קאפיטאל אויף צו גרינדן א קרעדיט-געזעלשאפט, און די ארעמע איינוואוינער האבן אריינגעגאסן אין זיך דאס דומפיקע וואסער פון די טייכלעך, פארבלייבנדיק — מחמת דער געוואוינהייט, צו וועלכער זיי זענען צוגעוואוינט געווארן פון קדמונים, — גלייכגילטיק און פאסיוו. בכן, געפינענדיק וואסער, איז דער גלח פעאדאר געגרייט געווען צו פירן א לאנג-פארצויגענע און אומעטיקע מלחמה מיט דער פארעקשנטער אייגננוציקייט פון די רייכע און מיט דער געמיינער טפשות פון די קבצנים.

בעת איך בין געקומען צו פארן קיין ארזאמאס אויף השגחה פון פאליציי, האב איך אים געטראפן באם סוף פון דער ארבעט פונם צונויפזאמלען די קוואלן. דערדאזיקער מענטש, א דערשעפטער פון דער קאטארזשנער ארבעט און פון צרות, איז געווען דער ערשטער ארזאמאסער, וואס האט זיך אנטשלאסן צו באקענען זיך מיט מיר, — די פיפיקע ארזאמאסער רעגירונגס-מאכט, וועלכע האט ווי צומשטרענגסטן פארווערט אלע באאמטע מיך צו באזוכן, האט איינגעארדנט, אויף אפצושרעקן זיי, א פאליצייאישע וואך דירעקט אונטער די פענצטער פון מיין דירה.

דער גלח פעאדאר איז געקומען צו מיר אינאוונט, אונטער

אַ גאַס-רעגן אינגאַנצן — פון קאָפּ ביז די פיס — אַ נאַסער, אויסגעשמירטער מיט ליים, אין שווערע פויערישע שטיוול, אין אַ גרויער סוטאַנע און אַן אָפּגעבלאַקירטן הוט, — ער, דער הוט, איז אַזוי אויסגעוויקט געוואָרן, אַז ער איז געוואָרן ענלעך צו אַ שטיק בלאָטע. שטאַרק דריקנדיק מיין האַנט מיט דער מאָזאָלישער און האַרטער דלאָניע פון אַן ערד-גרעבער, האָט ער געזאָגט מיט אַ טרויעריקן באַס:

— דאָס זענט איר — דער פאַרפאַלענער בעל-עברהניק, וועלכן מען האָט אונז דאָ אונטערגערוקט צום אויסבעסערן אייך? אָט וועלן מיר אייך אויסבעסערן! מיט טיי קאָנט איר מכבד זיין?

אינם גרויען בערדל איז באַהאַלטן אַן אויסגעצערט פנימל פון אַן אַסקעט, פון די טיפע אויגן-איינפאַסונגען לייכט מילד אַרויס אַ שמייכל פון אַ פאָר קלוגע אויגן.

— איך קום גלייך פון וואַלד. ס'איז נישטאָ עפּעס — כ'זאָל זיך איבערטון?

איך האָב שוין אַ סך געהאַט געהערט וועגן אים, כ'האָב געוואוסט, אַז זיינס אַ זון — איז אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, איין טאָכטער זיצט אין תפיסה „פאַר פּאָליטיק”, די אַנדערע גרייט זיך פלייסיק אויך אַהין אַריינצופאַלן; כ'האָב געוואוסט, אַז ער האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף צו זוכן וואַסער, ער האָט פאַרמשכונט אַ הויז, לעבט, ווי אַ בעטלער, גראָבט אַליין קאַנאַלן אין וואַלד, פאַרשטאָפּנדיק זיי מיט ליים, און ווען ס'האָבן זיך אים אויסגעלאָזט די כוחות, — פלעגט ער מיט תחנונים בעטן די פּוי-ערן פון דער אומגעגנט צו העלפן אים. זיי — האָבן געהאָלפן, אָבער דער שטאָטישער איינוואוינער, סקעפּטיש באָכפּאָלגנדיק די אַרבעט פון דעם „מאָדנעם” פּאָפּ, האָט קיין פינגער אָן אַ פינגער נישט קיין קלאַפּ געטון אים בייהילפיק צו זיין.

אָט מיטן דאָזיקן מענטש האָט זיך עס ל. אַנדרעיעוו גע-טראָפן באַ מיר.

אָקטאָ ער, אַ טרוקענער, קאַלטער טאָג, ס'האָט געבלאָזן אַ ווינט, איבער דער גאַס זענען געפלויגן עפּעס פאַרשידענע פּאַפּיר-

לעך, פייגלשע פעדערן, שאָלעכץ פון ציבעלע. דער שטויב האָט זיך געקלעפּט אָן די שויבן פון די פענצטער, פון פעלד האָט זיך אָנגערוקט אויף דער שטאָט אַ רעגנדיקע כמאַרע. אין צימער צו אונז איז אומגעריכט אַריינגעקומען דער גלח פּעאָדאָר, רייבנדיק די פאַרשטויבטע אויגן, אַ צעשויבערטער, אַ בייזער, זידלענדיק דעם גנב, וואָס האָט באַ אים אַוועקגעגנבעט דעם סאַקוואַיאַזש און דעם שירם, דעם גובערנאַטאָר, וועלכער וויל נישט פאַרשטיין, אַז וואַסער־לייטונג איז נוצלעכער פון אַ קרעדיט־געזעלשאַפט, — לעאָניד האָט ברייט אויפגעעפנט די אויגן און מיר איינגעַ־רוימט:

— וואָס איז דאָס?

אין אַ שעה אַרום, באַם סאַמאָוואַר, האָט ער, בוכשטעבלעך מיט אָן אָפן מויל, געהערט, ווי דער פּראָטאָיערײ פון דער אומ־געלומפּערטער שטאָט אַרזאַמאַס האָט, צוקלאַפּנדיק מיט דער פויסט אין טיש, געטאַדלט די גנאָסטיקער דערפאַר, וואָס זיי האָבן גע־קעמפט מיטן דעמאָקראַטיזם פון דער קירכע, שטרעבנדיק צו מאַכן די לערע וועגן גאָט־דערקענטניש נישט צוגענגלעך פאַרן פאַר־שטאַנד פון פאָלק.

דידאַזיקע אפּיקורסים האָבן זיך געהאַלטן פאַר די זוכער פון העכסטער דערקענטניש, אַלס די אַריסטאָקראַטן פון גייסט, — אָבער איז דען נישט דאָס פאָלק, אין דער פּערזאָן פון זיינע קלוגסטע פירער, די פאַרקערפּערונג פון גאָטס חכמה און פון ז י י ן גייסט?

„דאָקעטן", „אָפיטן", „פּלעראָמאַ", „קאַרפּאָקראַט", האָט גע־הודזשעט דער גלח פּעאָדאָר, און לעאָניד, שטויסנדיק מיך מיטן עלנבויגן, האָט געפּליסטערט:

— אָט איז די פאַרקערפּערטע אַרזאַמאַסער שרעק!

אָבער איינגיכן האָט ער שוין געפּאַכעט מיט די הענט פאַרן פּנים פונם פאָטער פּעאָדאָר, באַווייזנדיק אים די אָנמעכטיקייט פון געדאַנק, און דער גלח, טרייסלענדיק מיט דער באָרד, האָט דערווידערט:

— נישט דער געדאַנק איז אָנמעכטיק, נאָר דער אומ־גלויבן.

— ער קומט אַלס תּמצית פון געדאַנק...

— איר פאַרפאַסט סאָפיזמען, הער שרייבער...

איבער די שויבן פון די פענצטער שמייסט דער רעגן, אויפן טיש זינגט דער סאַמאָוואַר, אַן אַלטער און אַ ייִנגער שאָקלען איבער די פאַרצייטישע חכמה, און פון דער וואַנט קוקט אַראָפּ אויף זיי פאַרטראַכטערהייט ליעוו טאָלסטאָי מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט — דער גרויסער וואַנדערער פון דערדאָזיקער וועלט! אַראָפּשליידערנדיק אַלץ, וואָס מען האָט באַוויזן, זענען מיר זיך צעגאַנגען אין די צימערן אַריין ווייט נאָך חצות. איך האָב זיך שוין געהאַט געלייגט אין בעט אַריין מיט אַ בוך אין דער האַנט, אָבער מען האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, און ס'איז אַריינגעקומען לעאָניד, אַ צעשויבערטער, אַן אויפגערודערטער, מיט אַ צעשפּילעטן קאָלנער פון העמד. ער האָט זיך אַוועקגע־זעצט צו מיר אויפן געלעגער און אָנגעהויבן רעדן, אַנטציקנדיק זיך:

— דאָס איז אַ פּאָפּ! וויאַזוי האָט ער עס מיך אויפגע־דעקט, הא?

און פּלוצלינג האָבן בײַ אים אין די אויגן אַ בלישטש גע־טון טרערן.

— דו ביסט גליקלעך, אַלעקסיי, דער טייוול זאָל דיך נע־מען! שטענדיק זענען לעבן דיר עפּעס אַזעלכע וואונדערלעך אינטערעסאַנטע מענטשן, און איך — בין איינזאַם... אָדער אַרום מיר שטופּן זיך...

ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. איך האָב אים אָנ־געהויבן דערציילן וועגן לעבן פון פאָטער פעאָדאָר, וועגן דעם, ווי ער האָט געזוכט וואַסער, וועגן דער דורך אים אָנגעשריבענער „געשיכטע פון אַלטן טעסטאַמענט", וואָס דער כּתב־יד פון דעם איז בײַ אים צוגענומען געוואָרן לויט אַ באַשלוס פון סינאָד, וועגן בוך „ליבע — אַ געזעץ פון לעבן", וועלכעס איז אויך פאַרווערט געוואָרן דורך דער קלעריקאַלער צענזור. אין דאָזיקן בוך האָט דער

פּאַטער פּעאָדאָר דערוויזן מיט ציטאַטן פון פּושקינען, הוגאָ און אַנדערע דיכטער, אַז דאָס געפיל פון ליבע פון מענטש צו מענטש דערשייגט אַלס יסוד פון קיום און אַנטוויקלונג פון דער וועלט, אַז עס איז פּונקט אַזוי מעכטיק, ווי דאָס געזעץ פון אַלגעמיינער צוציונג, און איז אין אַלעם ענלעך צו אים.

— יאָ, — האָט פאַרטראַכט געזאָגט לעאָניד — איך באַדאַרף זיך צולערנען אַ ביסל, אַז נישט איז אַ בושה פאַרן פּאָפּ...

ווידער האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר — ס'איז אַריינגעקומען דער פּאַטער פּעאָדאָר, פאַרקאַשערנדיק די סוטאַנע, אַ באָרוועסער, אַ טרויעריקער.

— איר שלאָפט נישט? און איך בין, דאָס... אַריינגעקומען! כ'הער מען רעדט, ווער איך אַריינגיין, קלער איך — כ'וועל זיך אַנטשולדיקן! איך האָב אָנגעשריגן אַ ביסל אויף אייך שאַרפער, יינגע לייט, איז באַליידיקט זיך נישט. כ'האָב זיך געלייגט, אַ קלער געטון וועגן אייך — גוטע מענטשן, נו, האָב איך באַשלאָסן, — אַז איך האָב בחנם זיך געהיצט. אָט — בין איך אַריינגעקומען — זייט מוחל! איך גיי שלאָפן...

זיי האָבן זיך ביידע פאַרקליבן צו מיר אויפן געלעגער, און אויפסניי האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומענדלעכער שמועס וועגן לעבן. לעאָניד — האָט הויך געלאַכט און גערעדט מיט רירונג:

— ניין, ווי אַזוי זעט אויס אונזער רוסלאַנד?... „האָט נישט פאַריבל, — מיר האָבן נאָך נישט געלעזט די פּראַנע וועגן יש פון גאָט, און איר רופט מיטאָג עסן!" דאָס זאָגט דאָך — נישט ביעלינסקי, דאָס זאָגט — גאַנץ רוסלאַנד צו איראָפּע, וואָרים, אין תוך גענומען, רופט אונז איראָפּע אויף מיטאָג, זעטיק עסן, — מער נישט!

און דער פּאַטער פּעאָדאָר, הילנדיק מיט דער סוטאַנע די דינע, בייניקע פיס, האָט, שמייכלענדיק, אָפּאָנירט:

— פונדעסטוועגן, איז איראָפּע דאָך פאַר אונז אַ טויפּמוטער, — פאַרגעסט נישט! אָן אירע וואָלטערס און אָן אירע גע-

לערנטע — וואָלטן מיר ביידע זיך נישט געאַמפּערט אין פּילאָזאָ־פישע קענטעניש, נאָר מיר וואָלטן שווייגנדיקערהייט גענעסן בלינ־צעס און — פּטור.

פאַרטאָג האָט דער פּאָטער פעאָדאָר זיך געזעגנט און אַ צוויי שעה שפּעטער איז ער שוין פאַרשוואונדן זיך משתדל זיין וועגן דער אַרזאַמאַסער וואָסערלייטונג, און לעאָניד, אָפּשלאָפנדיק ביזן אָוונט, — האָט אינאָוונט מיר געזאָגט:

— דו גיב נאָר אַ קלער — ווען, נאָכוואָס איז עס ניי־טיק, אַז אין עפּעס אַ פאַרשימלטער שטאָט זאָל ליגן אַ חכם אַ פּאָפּ, אַן ענערגישער און אינטערעסאַנטער? און פאַרוואָס איז גראָד דער פּאָפּ דער חכם אין דערדאָזיקער שטאָט, האַ? סאַראַ משונהדיקייט! דו ווייסט — לעבן קאָן מען נאָר אין מאָסקווע, — פאַר אַוועק פונדאַנען. ס׳איז דאָ מיאוס, — רעגן, בלאָטע. . . און ער האָט תיכּף זיך גענומען קלייבן אַהיים. . .

אויפן וואָקזאַל האָט ער געזאָגט:

— אָבער דערדאָזיקער פּאָפּ איז פונדעסטוועגן — אַ מיס־פאַרשטענדניש. אַן אַנעקדאָט!

ער פלעגט גענוג אָפט זיך באַקלאָגן, אַז ער זעט כמעט נישט קיין באַדייטנדע, אָריגינעלע מענטשן.

— דו קענסט שוין זיי געפינען, און אָן מיר טשעפּעט זיך שטענדיק עפּעס אַ מין לעפעך, און איך שלעפּ אים אויף מיין ווידל — נאָכוואָס?

איך האָב אים דערציילט וועגן מענטשן, וואָס די באַקאַנט־שאַפט מיט זיי וואָלט אים געווען נוצלעך — מענטשן פון הויכער קולטור אָדער אָריגינעלן געדאַנק, כ׳האָב גערעדט וועגן וו. וו. ראָ־זאַנאָוון און אַנדערע. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די באַקאַנטשאַפט מיט ראָזאַנאָוון וואָלט באַזונדער נוצלעך געווען פאַר אַנדרעיעוון. ער האָט זיך געוואונדערט.

— איך פאַרשטיי דיך נישט!

און גערעדט וועגן ראָזאַנאָווס קאָנסערוואַטיזם, וואָס ער וואָלט אפילו געמעגט נישט טון, ווייל אין דעם עצם פון זיין גייסט איז ער געווען טיף גלייכגילטיק צו פּאָליטיק, בלויז פון צייט צו צייט

אַרויסווייזנדיק סמנים פֿון אויסערלעכער נייגיריקייט צו איר. זיין גרונד־באַציונג צו פּאָליטישע געשעענישן האָט ער אויסגעדריקט צומערסטן אויפֿריכטיק אין דער דערציילונג: „אַזוי איז געווען — אַזוי וועט זיין".

איך האָב געפּרווט אים דערווייזן, אַז לערנען קאָן מען בײַ אַ שד און בײַ אַ גנבֿ פּונקט אַזוי גוט, ווי בײַ אַ הייליקן נזיר, און אַז שטודירן באַטייט נישט — זיך אונטערגעבן.

— דאָס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק — האָט ער דערווידערט, — די גאַנצע וויסנשאַפֿט שטעלט מיט זיך פֿאָר דאָס אונטערגעבן זיך דעם פֿאַקט. און ראַזאַנאָוון האָב איך נישט ליב.

טיילמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז ער מיידט אויס פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפֿט מיט אָנגעזעענע מענטשן דערפֿאַר, וואָס ער האָט מורא פֿאַר זייער השפּעה; ער טרעפֿט זיך איין מאָל, אַ צווייט מאָל מיט אײַנעם פֿון אַזעלכע מענטשן, טיילמאָל ליבט ער היים אָפּ דעם מענטש, אָבער אינגיכן ווערט ער אָן דעם אינטערעס צו אים און ער זוכט שוין נישט קיין נייע טרעפֿונגען.

אַזוי איז געווען מיט סאַוואַ מאַראָזאָוון, — נאָך דעם ערשטן לענגערן שמועס מיט אים, האָט ל. אַנדרעיעוו, אַנטציקנדיק זיך מיטן ראַפֿינירטן שכל, ברייטע קענטעניש און ענערגיע פֿון דעמדאָזיקן מענטש, אָנגערופֿן אים יערמאַק טימאָפֿעיעוויטש, האָט געזאָגט, אַז מאַראָזאָוו וועט שפּילן אַן אומגעהייערע פּאָליטישע ראָלע:

— אָ פּנים האָט ער פֿון אַ טאָטער, אָבער דאָס איז, ברודער, אַן ענגלישער לאָרד!

אָבער די באַקאַנטשאַפֿט מיט אים האָט ער נישט פֿאָרגעזעצט און אַזוי איז אויך געווען מיט א. אַ. בלאָקן.

איך שרייב, ווי ס'זאָגט אונטער דער זכּרון, נישט זאָרגנדיק וועגן סדר פֿון צייט, וועגן „כראָנאָלאָגיע".

אין „קינסטלערישן טעאַטער", בעת ס'האָט זיך נאָך געפֿונען אויף קאַרעטנע ריאַד, האָט לעאָניד ניקאָלאַיעוויטש מיך באַקענט

מיט זיין כלה — אַ דאַרינקע, שוואַכגופּיקע פריילין מיט סימפּאַטישע לויטערע אויגן. אַ באַשיידענע, אַ שווייגנדיקע, האָט זי זיך מיר אויסגעוויזן אַ פּרצופּלאָזע, אָבער אינגיכן האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ מענטש מיט אַ קלוג האַרץ.

זי האָט אויסגעצייכנט תּופס געווען די נויטווענדיקייט פון אַ מוטערלעכער, שוינזאַמער באַציִונג צו אַנדרעיעוון, האָט מיטאַמאָל און טיף דערפילט די באַדייטונג פון זיין טאַלענט און די פיינלעכע וואַקלונגען פון זיינע שטימונגען. זי — איז פון יענע זעלטענע פרויען, וועלכע, קענענדיק זיין ליידנשאַפטלעכע געליבטע, ווערן זיי נישט אָן די פעיקייט ליב צו האָבן מיט דער ליבשאַפט פון אַ מוטער; דידאָזיקע טאָפּעלע ליבע האָט זי באַוואָפנט מיט אַ פיינעם חוש, און זי פלעגט זיך אויסגעצייכנט פונאַנדערקלייבן אין די אמתדיקע ווייען פון זיין נשמה און אין די הילכיקע ווערטער פון אַ קאַפּריזישער מינוט־שטימונג.

ווי באַוואוסט, וועט אייך אַ רוסישער מענטש „פונוועגן אַ פיין ווערטל נישט שוינען דעם טאַטן מיט דער מאַמען". ל. נ. פלעגט זיך אויך שטאַרק עקזאַלטירן מיט אַ פיין וואָרט און צייטנווייז האָט ער פאַרפּאַסט שפּריכווערטער פון אַ זייער צווייפלהאַפטן טאָן.

„אַ יאָר נאָך דער חתונה איז אַ ווייב גלייך ווי אַ גוט צעגאַנגענער שוך, — דו פילסט אים נישט" — האָט ער איינמאָל געזאָגט אין אַלעקסאַנדראַ מיכאַילאָוונעס בייזיין. זי האָט געקענט נישט לייגן קיין אַכט אויף אַזאַ וואָרט־שאַפונג, און מאַנכעס מאָל האָט זי אפילו געפונען דידאָזיקע שפּראַך־שטיפערייען פאַר שאַרפזיניק און האָט ליבלעך צוגעלאַכט. אָבער, פאַרמאָגנדיק אין אַ הויכער מדרגה דאָס געפיל פון אכטונג צו זיך אליין, האָט זי געקאָנט — ווען ס'איז איר נייטיק געווען — זיך באַווייזן אַלס האַרטנעקיקע, אפילו אַלס אומוואַקלהאַפטע. באַ איר איז געווען פיין אַנטוויקלט דער געשמאַק צו מוזיק פון וואָרט, צו פאָרם פון שפּראַך. אַ קליינינקע, אַ בויגיקע, איז זי געווען גאַלאַנט, און טיילמאָל

עפּעס אַזוי אַמיזאַנט, קינדעריש־חשיבותדיק, — איך האָב איר נעגעבן אַ צונאָמען „דאַמע שורא", ס'האָט זיך זייער צוגעקלעפּט צו איר.

ל. נ. האָט זי געשעצט, און זי האָט געלעבט אין כּסדר־דיקן קימער וועגן אים, אין אומאויפהערלעכער שפּאַנונג פון אַלע אירע כּוחות, פאַרשטענדיק אָפּערנדיק די אייגענע פּערזענלעכקייט פאַר די אינטערעסן פון מאַן.

אין מאָסקווע פלעגן בײַ אַנדרעיעווין אָפּט זיך צונויפקומען ליטעראַטן, ס'איז געווען זייער ענג, געמיטלעך, די חנוודיקע אויגן פון דער „דאַמע שורא" האָבן, ליבלעך שמייכלענדיק, אַ ביסל איינגעהאַלטן די „ברייטקייט" פון די רוסישע נאַטורן. אָפט פלעגט זיין פ. אי. שאַליאַפּין, אַנטציקנדיק אַלע מיט זיינע דערציילונ־גען.

ווען ס'האָט אויפגעבליט דער „מאָדערניזם", האָט מען זיך געפּרוּווט אים פאַרשטיין, אָבער מער — האָט מען פאַרורטיילט, וואָס ס'איז אַ סך איינפאַכער צו טון. ערנסט טראַכטן וועגן לי־טעראַטור איז נישט געווען קיין צייט, אויפן ערשטן פּלאַן איז גע־שטאַנען פּאָליטיק. בלאָק, ביעלי, בריוסאָוו האָבן זיך אויסגעוויזן אַלס „אָפּגעזונדערטע פּאַשעכאָנצעס", אין דער בעסטער מיינונג — אויסטערלישע מענטשן, אין דער ערגסטער — עפּעס אַזוינע מין פאַררעטער „פון די גרויסע אידעען פון דער רוסישער געזעלשאַפט־לעכקייט". איך האָב אויך אַזוי געקלערט און געפילט. איז דען די צייט פאַר אַ „סימפאָניע", ווען גאַנץ רוסלאַנד גרייט זיך פּאַרו־מערט צו טאַנצן אַ „טרעפּאַק"? די געשעענישן האָבן זיך אַנט־וויקלט אין דער ריכטונג פון אַ קאַטאַסטראָפע, די סמנים פון איר באַנטקייט זענען געוואָרן אַלץ דראָענדיקער, די עס־ערן האָבן גע־וואָרפן באָמבעס, און יעדער אויפרייס האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע מדינה, אַרויסרופנדיק אַ געשפּאַנטע דערוואַרטונג פון אַ גרינגלעכער איבערקערעניש פון גאַנצן סאָציאַלן לעבן. אין אַנ־דרעיעווס דירה זענען פאָרגעקומען זיצונגען פון צ. ק. פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן־באָלשעוויקעס, און איינמאָל איז דער גאַנצער

קאָמ״טעט צוזאַמען מיטן באַלעבאָס אַרעסטירט געוואָרן און איינגע־זעצט געוואָרן אין תּפיסה.

אָפּזיצנדיק בערך אַ חודש אין תּפיסה, איז ל. נ. אַרויסגע־גאַנגען פון דאָרטן ווי פון סילאַאַמער טויפהויז — אַ מונטערער, אַ פרייליכער.

— דאָס איז גוט, ווען מען גיט דיך אַ קוועטש צו־נויף, — ווילסט זיך אַלזייטיק אויסברייטערן! — האָט ער גע־זאָגט.

און ער האָט געלאַכט אויס מיר.

— נו, וואָס, פּעסימיסט? רוסלאַנד לעבט דאָך גאָר אויף!

און דו האָסט געגריימט: סאַמאָדערזשאַוויע — רזשאַוויע־יאַ*).

ער האָט געדרוקט די דערציילונגען „מאַרסעליעזע", „אַלאַרם", „אַ דערציילונג, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן", אָבער שוין אין אָקטאָבער 1905 יאָר האָט ער מיר איבערגעלייענט אין כּתב־יד „אַזוי איז געווען".

— ס'איז נישט פּריצייטיק? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט געענטפערט:

— דאָס גוטע איז תּמיד פּריצייטיק...

אינגיכן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פינלאַנד און ער האָט גוט געטון — די אומזיניקע אכזריותן פון די דעצעמבער־געשעענישן וואָלטן אים געווען צעקוועטשט. אין פינלאַנד האָט ער זיך געפירט פּאָליטיש אַקטיוו, ער איז אַרויסגעטרעטן אויף אַ מיטינג, האָט געדרוקט אין די צייטונגען שאַרפע אָפּרופן וועגן דער פּאָליטיק פון די מאָנאַרכיסטן, אָבער די שטימונג איז באַ אים געווען אַ געדריקטע, דער בליק אויף דער צוקונפט — האָפנונגסלאָז. אין פּעטערבורג האָב איך באַקומען אַ בריוו; ער האָט געש־יבן צווישן אַנדערן:

„יעדעס פערד האָט דיינע איינגעבוירענע ספּעציפיזמען, נאַ־

*) די זעלבסטהערשאַפט — זשאַווערנדיק.

ציעס — דעסגלייכן. ס'זענען פאַרהאַנען פערד, וועלכע פאַר־קירעווען פון אַלע וועגן אין אַ שענק אַריין, — אונזער היימלאַנד האָט פאַרקירעוועט צום פונקט, וואָס איז אים צו־מייסטן ליב און וועט אויפסניי לאַנג לעבן מיטן גלעזל און פלעשל".

אין עטלעכע חדשים אַרום האָבן מיר זיך געטראָפן אין דער שווייץ, אין מאָנטרע. לעאָניד האָט הוזק געמאַכט אויס דעם לעבן פון די שווייצער.

— פאַר אונז, מענטשן פון ברייטע פלאַכן, איז נישט קיין אָרט אין דידאָזיקע גרילן־לעכער, — האָט ער גע־זאָגט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַ ביסל אָפּגעבלאַקירט, איז מאַטער גשוואָרן, אין זיינע אויגן איז פאַרגליווערט געוואָרן אַן אויסדרוק פון מידקייט און אומרויִקן טרויער. וועגן דער שווייץ האָט ער אויך גערעדט פלאַך, אויבערפלעכלעך און פונקט דאָס אייגענע, וואָס ס'זענען פון לאַנג געוואוינט געווען צו רעדן וועגן דאָזיקן לאַנד די פרייהייט־ליבנדע מענטשן פון טשוכלאָמע, קאָנאָ־טאָפּ און טעטוש. איינער פון זיי האָט באַצייכנט דעם רוסישן באַגריף פון פרייהייט טיף און טרעפלעך מיט אַזעלכע ווער־טער:

„אין אונזער שטאָט לעבן מיר, ווי אין אַ באָד — אָן פאַר־ריכטונגען, אָן קווייל ונגען". וועגן רוסלאַנד האָט ל. נ. גערעדט אומעטיק און נישט גערן, און אייגמאָל, זיצנדיק באַם קאַמין, האָט ער זיך דערמאַנט עטלעכע שורות פון דעם פאַרביטערטן ליד פון יאַקובאָוויטשן „דעם היימלאַנד":

„פאַרוואָס דיך ליב האָבן, סאַראַ מאַמע ביסטו אונז?"

— איך האָב אָנגעשריבן אַ פּיעסע — וועלן מיר איבער־לייענען?

און אינאָוונט האָט ער איבערגעלייענט „סאַווא".

נאָך אין רוסלאַנד, הערנדיק די דערציילונגען וועגן דעם

בחורל' אויפימצעוו און זײַנע חברים, וועלכע האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו אויפצוּרייסן די איקאָנע פון דער קורסקער הייליקער מוטער, — האָט אַנדרעיעוו באַשלאָסן צו באַאַרבעטן דאָסדאָזיקע געשעעניש אין אַ דערציילונג און טאַקע דעמאָלט האָט ער, מיטאַמאָל, זייער אינטערעסאַנט געשאַפן דעם פלאַן פון דער דערציילונג, בולט אָנגעצייכנט די כאַראַקטערן. אים האָט באַזונדער עקזאַלטירט אויפימצעוו, דער דיכטער אויפן געביט פון וויסנשאַפטלעכער טעכניק, דאָס בחורל, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ נישט צווייפלהאַפטן טאַלענט פון אַ דערפינדער. פאַרשיקט אין סעמירעטשנער קאַנט, דאַכט זיך קיין קאַרקאַראַלע, לעבנדיק דאָרטן אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון פינצטערע און אַבערגלויביקע מענטשן, נישט האָבנדיק די נייִקע אינסטרומענטן און מאַטעריאַלן האָט ער דערפונדן אַן אָריגינעלן מאָטאָר פון אינעווייניקסטער אָנצינדונג, ער האָט פאַרפולקאָמט אַ ציקלאָסטיל, האָט געאַרבעט איבער אַ נייעם סיסטעם פון אַ דראַגע, האָט אויסגעקלערט אַ מין „אייביקע פאַטראָנע" פאַר יאַגדביקסן. די צייכנונגען פון זיין מאָטאָר האָב איך געוויזן אינזשענירן אין מאָסקווע, און זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז אויפימצעווס דערפינדונג איז זייער פראַקטיש, שאַרפזיניק און טאַלענטפול. איך ווייס נישט, וואָס ס'איז דער גורל פון די אַלע דערפינדונגען, — אַוועקפאָרנדיק קיין אויסלאַנד, האָב איך אָנגעוואוירן אויפימצעוון פון אויג.

אָבער איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז אַ ייִנגערמאַן פון יענער ריי שיינע טרוימער, וועלכע — פאַרכשופטע פון זייער לויבן און ליבשאַפט, — גייען זיי מיט פאַרשידענע וועגן צו איין און דעמזעלבן ציל — אויפצוּוועקן אין זייער פאָלק פאַרשטאַנדיקע ענערגיע, וואָס שאַפט גוטס און שיינקייט.

מיר איז טרויעריק און פאַרדראָסיק געווען צו זען, אַז אַנדרעיעוו האָט פאַרקריפלט דעמדאָזיקן כאַראַקטער, וואָס איז נאָך נישט באַרירט געוואָרן אין דער רוסישער ליטעראַטור. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער דערציילונג, ווי זי איז פאַרטראַכט געוואָרן, וועט דערדאָזיקער כאַראַקטער געפינען הן אַן אָפּשאַצונג, הן פאַרבן, לויט זיין ווערט. מיר האָבן אָנגעהויבן אַ וויכוח און,

ס'קאָן זיין, איך האָב אַ ביסל שאַרף גערעדט וועגן דעם חוב צו מאָלן געטרי געטויסע — גאָר זעלטענע און פּאָזיטיווע — דערשיי־נונגען פון דער ווירקלעכקייט.

ווי אַלע מענטשן פון אַ באַשטימט אָנגעצייכנטן „איך", וואָס שפּירן שטרענג זייער „אַליינקייט", האָט ל. ג. נישט ליב געהאַט קיין דערווידערונגען, ער האָט זיך באַליידיקט אויף מיר, און מיר האָבן זיך צעשיידט קאַלט.

דאַכט זיך אין 907 אָדער 8־טן יאָר איז אַנדרעיעוו געקומען צופאָרן אויפן קאַפּרי, האָבנדיק געבראַנגט צו קבורה די „דאַמע שוראַ" אין בערלין — זי איז געשטאָרבן נאָך אַ קימפּעט. דער טויט פון דעם קלוגן און גוטן פריינד האָט זייער שווער געווירקט אויף לעאָנידס פּסיכיק. אַלע זיינע געדאַנקען און רייד האָבן קאָנ־צענטרירט זיך געדרייט אַרום די דערינערונגען וועגן דעם אומזי־ניקן אומקום „פון דער דאַמע שוראַ".

— פאַרשטייסט, — האָט ער געפּלעגט זאָגן, אויסטערליש צעשפּרייטנדיק די אַפּלען, — זי ליגט נאָך אַ לעבעדיקע, און עטעמט שוין מיטן ריח פון אַ מת. דאָס איז זייער אַן איראָנישער ריח.

אָנגעטון אין עפּעס אַ מין סאַמעטענער שוואַרצער קורטקע, האָט ער אפילו אויסערלעך אויך אויסגעוויזן אַ צעקנאָדערטער, אַ צעקוועטשטער. זיינע געדאַנקען און רייד זענען געווען אומהיימלעך קאָנצענטרירט אויף דער פראַגע וועגן טויט. ס'איז געשען אַזוי, אַז ער האָט זיך באַזעצט אין דער ווילע קאַראַטשיאָלאָ, וועלכע האָט געהערט צו אַן אלמנה פון אַ קינסטלער, וואָס האָט אָפּגע־שטאַמט פון מאַרקיז קאַראַטשיאָלאָ, דעם אָנהענגער פון דער פראַנ־צויזישער פּאַרטיי, וועלכער איז געטויט געוואָרן דורך פערדינאַנד באָמבאַ. אין די טונקעלע צימערן פון דערדאָזיקער ווילע איז גע־ווען פייכט און מרה־שחורהדיק, אויף די ווענט זענען געהאַנגען נישט פאַרענדיקטע ברודיקע בילדער, וואָס האָבן דערמאָנט אָן פלעקן פון שימל. אין איינעם פון די צימערן איז געווען אַ גרוי־

סער פאַרקאָפּטשעטער קאַמין, און פאַר די פענצטער פונם צימער, אָנוואַרפנדיק שאָטן אויף זיי. זענען געוואַקסן געדיכטע קוסטעס; אין די שויבן האָט פון די ווענט פונם הויז אַרײַנגעקוקט פּליושטש. אין דאָזיקן צימער האָט לעאָניד אײַנגעאָרדנט דאָס עסצימער.

איינמאָל אינאָוונט, אַרײַנקומענדיק צו אים, האָב איך אים געטראָפן אין אַ פאָטעל פאַרן קאַמין. אָנגעטון אין שוואַרצן, אינגאַנצן אין טונקל־רויטע אָפּשײַנען פון די טליענדיקע קוילן, האָט ער געהאַלטן אויף די קניען דעם זון זײַנעם, וואַדים, און מיט אַ שטיל קול, שלאָכצנדיק, עפּעס גערעדט צו אים. איך בין אַרײַנגעגאַנגען שטיל; מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס קינד שלאָפט אײַן, איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ פאָטעל בײַ דער טיר און הער: לעאָניד דערציילט דעם קינד וועגן דעם, ווי דער טויט גייט אַרום איבער דער ערד און שטיקט קליינע קינדער.

— איך האָב מורא, — האָט געזאָגט וואַדים.

— דו ווילסט נישט הערן?

— איך האָב מורא, — האָט איבערגעחזרט דאָס ייִנגל.

— נו, גיי שלאָפן...

אָבער דאָס קינד האָט זיך צוגעטוליעט צום פאָטערס פּיס און זיך צעוויינט. לאַנג איז אונדז נישט געלונגען צו באַרויקן דעם קליינינקן, לעאָניד איז געווען געשטימט היסטעריש, זײַנע ווערטער האָבן צערייצט דאָס ייִנגל, עס האָט געטופּעט מיט די פּיס און געשריגן:

— איך וויל נישט שלאָפן! איך וויל נישט שטאַרבן!

ווען די באָבעשי האָט אַוועקגעפירט דאָס קינד, האָב איך באַמערקט, אַז ס'איז אַן עוולה צו שרעקן דאָס קינד מיט אַזעלכע מעשהלעך, ווי דאָס מעשהלע וועגן טויט, דעם אומבאַזיגבאַרן ריז.

— און אויב איך קאָן נישט רעדן וועגן עפּעס אַנדערש? — האָט ער שאַרף געזאָגט. — אַצינד פאַרשטיי איך, ווי ווייט גלייכגילטיק ס'איז די „הערלעכע באַטור". און ס'ווילט זיך מיר אײַן זאַך: אַרויסרײַסן מײַן בילד פון דעמדאָזיקן באַנאַל־שײַנעם רעמל.

צו רעדן מיט אים איז געווען שווער, כמעט אוממעגלעך, ער האָט זיך דענערווירט, זיך געבייזערט און, ס'האָט זיך גערדאַכט, ער צערייצט בכיוון זיין ווייטיק.

— מיך פאַרפאָלגט דער געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד, מיר דאַכט זיך, אַז מיין שאָטן, נאָכפויזענדיק מיר, שעפטשעט מיר: גיי אַוועק, שטאַרב!

דאָס האָט געוועקט אַ שטאַרקע באַאומרויקונג בײַ זיינע פריינד, אָבער טיילמאָל פלעגט ער געבן צו פאַרשטיין, אַז ער רופט אַרויס דעמדאָזיקן אומרו וועגן אים באַוואוסטזיניק און בכיוון, אַזוי ווי וועלנדיק הערן נאָך אַמאָל, וואָס מען וועט אים זאָגן אַלס באַרעכטיקונג און פאַרטיידיקונג פון לעבן.

אָבער די פרייליכע נאַטור פון אינזל, די צערטלעכע שיינקייט פון ים און די ליבע באַציונג פון די קאַפּריאַנער צו די רוסן האָבן שנעל צעשטרייט לעאָנידס מרה־שחורהדיקע שטימונג. אין אַ חדשים צוויי אַרום האָט אים, פּונקט ווי אַ וויכער, אַרומגעכאַפּט אַ ליידנשאַפטלעכער פאַרלאַנג צו אַרבעטן.

איך געדענק — אין אַ לבנה־נאַכט, זיצנדיק אויף די שטיינער בײַם ים, האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— באַסטאַ! מאָרגן פונדערפרי אָן הייב איך אָן שרייבן.

— בעסער פון דעם קאָנסטו גאָרנישט טון.

— טאַקע אַזוי.

און פריילעך, — ווי ער האָט שוין לאַנג נישט גערעדט, — האָט ער אָנגעהויבן דערציילן וועגן די פּלענער פון זיינע אַרבעטן.

— קודם כּל, ברודער, וועל איך אָנשרייבן אַ דערציילונג אויף דער טעמאַ וועגן דעספּאָטיזם פון פריינדשאַפט, — איך וועל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכנען, גזלן איינער!

און באַלד, — לייכט און שנעל, האָט ער צונויפגעפלאָכטן אַ הומאָריסטישע דערציילונג וועגן צוויי פריינד, אַ טרוימער און אַ מאַטעמאַטיקער, — איינער פון זיי רייסט זיך דאָס גאַנצע לעבן אין די הימלען, און דער אַנדערער רעכנט פּלייסיק צונויף די

הוצאותן פון די אויספאַנטאַזירטע נסיעות און דערמיט דערהרגעט ער די טרוימען פון דעם פריינד.

אָבער תיכּף נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— איך וועל אָנשרייבן וועגן יהודהן, — כ׳האָב נאָך אין רוסלאַנד איבערגעלייענט אַ ליד וועגן אים — כ׳געדענק נישט וועמענס*), — זייער אַ קלוגס. וואָס קלערסטו וועגן יהודהן?

באַ מיר איז אין יענער צייט געלעגן עמעצנס אַן איבער־זעצונג פון דער טעטראַלאָגיע פון יוליוס וועקסעל „יהודה און קריסטוס", די איבערזעצונג פון דער דערציילונג פון טאָר העדבערג און גאַלאָוואַנאָווס פּאָעמאַ, — איך האָב אים פאָרגעלייגט איבער־צולייענען דידאָזיקע זאַכן.

— איך וויל נישט. איך האָב אַן אייגענע אידעע, און דאָס קאָן מיך פאַרפּלאָנטערן. דערצייל מיר בעסער — וואָס האָבן זיי געשריבן? ניין, מען דאַרף נישט, דערצייל נישט.

ווי תּמיד אין מאָמענטן פון שעפערישער אויפגערעגטקייט, איז ער אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, — אים איז נייטיק געווען צו באַוועגן זיך.

— לאָמיר גיין!

אויפן וועג האָט ער דערציילט דעם אינהאַלט פון „יהודה" און אין דריי טאָג אַרום האָט ער געברענגט דעם כּתב־יד. מיט דערדאָזיקער דערציילונג האָט ער אָנגעהויבן איינעם פון די צוּ־מיינסטן פּרוכטבאַרסטע פּעריאָדן פון זיין שאַפן. אויפן קאַפּרי האָט ער פאַרטראַכט דאָס טעאַטער־שטיק „שוואַרצע מאַסקעס", האָט אָנ־געשריבן די בייזע הומאָרעסקע „ליבשאַפט צום נאָנטן", די דער־ציילונג „פינצטערניש", געשאַפן דעם פּלאַן פון „סאַשקאַ זשעגו־ליעוו", געמאַכט סקיצן פון טעאַטער־שטיק „אָקעאַן" און האָט אָנ־געשריבן עטלעכע קאַפּיטלען — צוויי אָדער דריי — פון דער דערציילונג „מיינע נאָטיצן"; דאָס אַלץ אין משך פון אַ האַלב יאָר.

---

*) אַ. ראַסלאַוולעוו.

קיינמאָל, נישט פריער, נישט נאָכדעם, האָב איך נישט געזעען ל. אַנדרעיעוון ביז אַזאַ הויכן גראַד אַקטיוו געשטימט, אַזוי אויסערגעווײנלעך אַרבעטספעיק. ער האָט אַזוי ווי איבערגעריסן מיט זײַן אומפּרײַנדשאַפט צום פּראָצעס פון שרײַבן און געקאָנט זיצן באַם טיש טאָג און נאַכט, אַ האַלב אַנגעטוענער, אַ צעשויבערטער, אַ פּרײַלעכער. זײַן פאַנטאַזיע האָט זיך צעפלאַקערט וואונדערלעך העל און פרוכטבאַר, — כמעט יעדן טאָג האָט ער מיטגעטײלט אַ פּלאַן פון אַ נײַער דערצײלונג אָדער נאָוועלע.

— אָט ווען איך האָב סוף כל סוף זיך גענומען אין די הענט אַרײַן! — פלעגט ער זאָגן טריומפירנדיק.

און האָט אויסגעפרעגט וועגן באַרימטן פּיראַט באַרבאַראָס, מכוח טאָמאַזאָ אַניעלאָ, וועגן קאָנטראַבאַנדיסטן, קאַרבאָנאַרן, וועגן לעבן פון די קאַלאַבריאַנישע פּאַסטוכער.

— סאַראַ מאַסע סוזשעטן, סאַראַ פאַרשידנאַרטיקייט פון לעבן! — פלעגט ער זיך אַנטציקן. — יאָ, דידאָזיקע מענטשן האָבן עפּעס אָנגעזאַמלט פאַר די שפּעטערדיקע דורות. און באַ אונז: כ'האָב עפּעס אײנמאָל גענומען „דאָס לעבן פון רוסישע קיסריים", לײענען איך — זיי עסן! כ'האָב אָנגעהויבן לײענען „די געשיכטע פון רוסישן פאָלק" — מען לײַדט! כ'האָב עס אַוועקגעוואָרפן, — ס'איז באַלײדיקענד און לאַנגווײַליק.

אָבער דערצײלנדיק וועגן די פּלענער זײַנע בולט און פאַרביק, האָט ער געשריבן נאָכלעסיק. אין דער ערשטער רעדאַקציע פון דער דערצײלונג „יהודה" האָבן זיך געפונען באַ אים עטלעכע גרײַזן, וואָס האָבן אָנגעוויזן, אַז ער האָט אפילו זיך נישט גענומען די טרחה איבערצולײענען די עוואַנגעליע. ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז „הערצאָג ספּאַדאַראָ" קלינגט פאַר אַן איטאַליענער פונקט אַזוי אומגעלומפּערט, ווי ס'וואָלט געקלונגען פאַר אַ רוס „פּירשט באַשמאַטשניקאָוו", און סען-בערנאַרדער הינט זענען נאָך אין XII יאָרהונדערט נישט געווען, — האָט ער זיך געבײזערט:

— דאָס איז שטותים.

— מען קאָן נישט זאָגן: „זיי טרינקען ווײַן, ווי קעמלען", נישט צוגעבנדיק — וואַסער!

— אַ נאַרישקייט!

ער האָט זיך באַצויגן צו זיין טאַלענט, ווי אַ שלעכטער רייטער צו אַ גרויסאַרטיק פערד, — ער האָט אומרחמנותדיק גאַ־לאָפּירט דערויף, נאָר נישט ליב געהאַט, נישט געקעכלט עס. זיין האַנט פלעגט נישט באַווייזן צו צייכענען די קאָמפּליצירטע געמעלן פון זיין ברוינדער פאַנטאַזיע, ער האָט נישט געזאָרגט וועגן דעם, אַז ער זאָל אַנטוויקלען די קראַפט און געשיקטקייט פון דער האַנט. טיילמאָל האָט ער אַליין אויך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ גרויסע מניעה צום נאָרמאַלן וואוקס פון זיין טאַ־לענט.

— דאָס לשון וועט באַ מיר פאַרשטייפט, איך פיל, אַז מיר ווערט אַלץ שווערער צו געפינען די בייטיקע ווערטער.

ער האָט זיך באַמיט צו היפּנאָטיזירן דעם לעזער מיט איינ־טאָניקייט פון דער פראַזע, אָבער זיין פראָזע האָט אָנגעוואוירן די איבערצייגעוודיקייט פון שיינקייט... אַרומוויקלענדיק דעם געדאַנק מיט אַ וואַטע פון איינאַרטיק־טונקעלע ווערטער, האָט ער דער־גרייכט דאָס, וואָס ער האָט אים צופיל אויפגעדעקט, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער שרייבט פּאָפּולערע דיאַלאָגן אויף פילאָזאָפישע טעמאַס.

פון צייט צו צייט דאָס פילנדיק, פלעגט ער זיך מצער זיין:

— שפּינוועבס, — ס׳איז קלעפּיק, נאָר נישט פעסט. יאָ, מען דאַרף לייענען פלאָבערן; דו ביסט, דאַכט זיך, גערעכט: ער איז ווירקלעך אַן אייניקל פון איינעם פון יענע געניאַלע בוי־מייסטערס, וועלכע האָבן געבויט די אומצעשטערבאַרע טעמפּלען פון מיטלאַלטער!

אויפן קאַפּרי האָט מען לעאָנידן מיטגעטיילט אַן עפּיזאָד, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט פאַר דער דערציילונג „פינצטער־ניש". דער העלד פון עפּיזאָד איז געווען מיינס אַ באַקאַנטער, אַן עס־ער. אין דער ווירקלעכקייט איז דער עפּיזאָד געווען זייער איינ־

פאַך : אַ מיידל פון אַ „שאַנד־הויז", דערשנאַפּנדיק מיטן חוש אין אירס אַ גאַסט אַ פאַרפאָלגטן פון שפּיאָנען רעוואָלוציאָנער, וואָס איז בעל כּרחו אַרייַנגעיאָגט געוואָרן צו איר, האָט זיך באַצויגן צו אים מיט צערטלעכער זאָרגפולקייט פון אַ מוטער און מיט טאַקט פון אַ פרוי, וועלכער ס'איז פולשטענדיק צוגענגלעך דאָס געפיל פון אַכטונג צו אַ העלד. און דער העלד, אַ מענטש — אינטים אַן אומגעשיקטער, אַ ביכלדיקער, האָט געענטפערט אויף דער האַרץ־באַוועגונג פון דער פרוי מיט אַ מאָראַליזירנדער דרשה, דערמאַנענדיק זי וועגן דעם, וואָס זי האָט געוואָלט פאַרגעסן אין דעם־דאָזיקן מאָמענט. אַ באַליידיקטע דערפון, האָט זי אים דערלאַנגט אין דער באַק אַריין, — אַ פולקאָם פאַרדינטן פּאַטש, לויט מיין מיינונג. דאַן, פאַרשטייענדיק די גאַנצע גראָבקייט פון זיין פעלער, האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר איר און איר אַ קוש געטון אין דער האַנט אַריין, — מיר דאַכט זיך, דאָס לעצטע האָט ער אפילו געמעגט נישט טון. דאָס איז אַלץ.

טײַלמאָל, צום באַדויערן — זייער זעלטן, איז די ווירקלעכקייט אַ סך וואָרהאַפטיקער און שענער פון אפילו זייער אַ טאַלענטירטער דערציילונג וועגן איר.

אַזוי איז אויך געווען אין דאָזיקן פאַל, אָבער לעאָניד האָט נישט צום דערקענען פאַרדרייט סיי דעם זינען, סיי די פאָרם פון דער געשעעניש. אינם ווירקלעכן שאַנדהויז איז נישט געווען נישט דער פיינלעכער און שמוציקער חוזק פונם מענטש און נישט קיין איינער פון יענע אומהיימלעכע דעטאַלן, מיט וועלכע אַנדרעיעוו האָט אַזוי בשפע באַלאָדן זיין דערציילונג.

אויף מיר האָט דידאָזיקע פאַרקריפּלונג געווירקט זייער שווער; לעאָניד האָט אַזוי ווי אָפּגערופן, צעשטערט אַ יום־טוב, וועלכן איך האָב אַזוי לאַנג און לעכצנדיק דערוואַרט. איך קען צו גוט מענטשן, אַז איך זאָל נישט שעצן — זייער הויך — דעם מינדסטן אויסדרוק פון אַ גוט, ערלעך געפיל. נאַטירלעך האָב איך נישט געקאָנט נישט אָנווייזן אַנדרעיעוון אויף זיין טאַט, וועלכער איז פאַר מיר גלייך געווען צו אַ מאָרד אויס קאַפּריז, — אויס אַ בייזן קאַפּריז, ער האָט מיר דערמאַנט וועגן דער פרייהייט פונם

קינסטלער, אָבער דאָס האָט נישט געענדערט מיין באַציונג, — איך בין נאָך עד היום נישט איבערצייגט דערין, אַז אַזוינע זעל־טענע אויסערוגבען פון אידעאַל־מענטשלעכע געפילן מעגן הפקרות־דיק פאַרדרייט ווערן דורך אַ קינסטלער לטובת אַ דאָגמע, וואָס געפעלט אים.

מיר האָבן לאַנג געשמועסט אויף דערדאָזיקער טעמאַ, און הגם דער שמועס האָט געטראָגן אַ פולשטענדיק פריידלעכן, פריינד־לעכן כאַראַקטער, נאָר דאָך האָט פון דעם מאָמענט אָן צווישן מיר און אַנדרעיעוון זיך עפּעס איבערגעריסן.

די ענדע פון דעם שמועס איז מיר שטאַרק פאַרבליבן אין זכרון.

— וואָס ווילסטו? — האָב איך געפרעגט לעאָנידן.

— איך ווייס נישט, — האָט ער געענטפערט. אַ קוועטש טוענדיק מיט די אַקסלען, און האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— אָבער ס'איז דאָך פאַרהאַן בא דיר אַ וועלכער פאַר־לאַנג: — אָדער ער איז שטענדיק אַרויסגערוקט מער פון די אַנדערע, אָדער ער שווימט אויף אָפּטער פון אַלע אַנדע־רע?

— איך ווייס נישט, — האָט ער איבערגעחזרט. דאַכט זיך, — נישטאָ גאָרנישט אַזעלכעס. איבעריקנס, טיילמאָל פיל איך, אַז פאַר מיר איז נייטיק רום, — אַ סך רום, אַזוי פיל, וויפיל ס'קאָן געבן די גאַנצע וועלט. דעמאָלט קאָנצענטריר איך אים אין זיך, קוועטש אים צונויף ביז די מעגלעכע גרעניצן און, ווען ער וועט באַקומען די קראַפט פון אַן אויפרייס־מאַטעריאַל, — וועל איך זיך אויפרייסן, באַלייכטנדיק די וועלט מיט עפּעס אַ ניי ליכט. און נאָכדעם וועלן די מענטשן אָנהייבן לעבן מיט אַ נייעם פאַר־שטאַנד פאַרשטייסט — ס'איז נייטיק אַ נייער פאַרשטאַנד, נישט דערדאָזיקער פאַלשער שווינדלער! ער נעמט בא מיר צו אַלעס בעסטע פון מיין קערפּער, אַלע מיינע געפילן און, צוזאָגנדיק אָפּ־צוגעבן מיט פּראָצענט, גיט ער נישט אָפּ גאָרנישט, זאָגנדיק: מאָרגן! עוואָלוציע — זאָגט ער. און ווען מיין געדולד ווערט אויסגעשעפּט, דער לעבנס־דאָרשט שטיקט מיך, — רעוואָלוציע, —

זאָגט ער. און נאַרט אָפּ שמוציק. און איך שטאַרב, גאָרנישט באַקומענדיק.

— דיר איז נייטיק גלויבן, נישט פאַרשטאַנד.

— ס'קען זיין, נאָר אויב אַזוי, איז קודם כל — גלויבן אין זיך.

ער איז אויפגערעגט געלאָפן איבערן צימער, דערנאָך, אוועקזעצנדיק זיך אויפן טיש, מאַכנדיק מיט דער האַנט פאַר מיין פנים, האָט ער פאַרגעזעצט :

— איך ווייס, אַז גאָט און טייוול זענען נאָר סימבאָלן, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דאָס גאַנצע לעבן פון די מענטשן, דער גאַנצער תמצית פון לעבן באַשטייט דערין, אַז מען זאָל אומענדלעך, גרענעצלאָז אויסברייטערן דידאָזיקע סימבאָלן, נערנדיק זיי מיטן בלוט און פלייש פון דער וועלט. און האָבנדיק אַריינגעלייגט אַלע ביז ענדע כוחות אירע אין דידאָזיקע צוויי קעגנזאַצן, וועט די מענטשהייט פאַרשווינדן, זיי אָבער וועלן ווערן פיזישע רעאַליטעטן און וועלן בלייבן לעבן אין דער ליידיקייט פון וועלטאַל אויג אויף אויג אייבער מיטן אַנדערן, אומבאַזיגבאַרע, אומשטערבלעכע. אין דעם איז נישטאָ קיין זינען ? אָבער ער איז אין ערגעץ, אין גאָרנישט נישטאָ.

ער איז בלאַס געוואָרן, די ליפּן האָבן באַ אים געציטערט, אין די אויגן האָט טרוקן געגלאַנצט אימה.

נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שטילער שטימע, אַנמעכטיק :

— לאָמיר זיך פאָרשטעלן דעם טייוול — אַלס פרוי, גאָט — אַלס מאַנספּערשוין, און זיי געבוירן אַ ניי באַשעפעניש, — פּונקט אַזאַ, נאַטירלעך, צווייענדיקס, ווי איך מיט דיר. פּונקט אַזאַ. . .

ער איז אַוועקגעפאָרן פון קאַפּרי אומגעריכט ; ערשט אַ טאָג פאַרן אַוועקפאָר האָט ער גערעדט וועגן דעם, אַז אינגיכן

וועט ער זיך אוועקזעצן צום טיש און אַ דריי חדשים שרייבן, נאָר דעם זעלבן טאָג אינאָוונט האָט ער מיר געזאָגט:

— ווייסט, איך האָב באַשלאָסן אוועקצופאָרן פונדאַנען. מען דאַרף פונדעסטוועגן לעבן אין רוסלאַנד, אַז נישט באַהערשט דיך דאָ עפּעס אַ מין אָפּערנהאַפטע לייכטזיניקייט. אָפּערעטעס ווילט זיך שרייבן, אָפּערעטעס מיט געזאַנג. אין תּוך גענומען — איז דאָ נישט קיין ווירקלעך לעבן, נאָר — אַן אָפּערע, דאָ זינגט מען אַ סך מער, ווי מען טראַכט. ראַמעאָ, אָטעלאָ און די איבעריקע פון דעם מין האָט דערפונדן שעקספיר, — איטאַליענער זענען נישט מסוגל צו קיין טראַגעדיע. דאָ וואָלט נישט געקענט געבוירן ווערן נישט קיין בייראָן, נישט קיין פּאָע.

— און לעאָפּאַרדי?

— מילא, לעאָפּאַרדי... ווער קען אים? דאָס איז פון יענע, וועגן וועמען מען רעדט, נאָר מען לייענט זיי נישט...

אוועקפאָרנדיק, האָט ער מיר געזאָגט:

— דאָס איז, אַלעקסייעווישקאָ, אויך אַן ארזאַמאַס, — אַ פריילעכער אַרזאַמאַס, נישט מער.

— אָבער געדענקסט, ווי דו פלעגסט זיך אַנטציקן?

— ביז דער חתונה אַנטציקן מיר זיך אַלע. דו וועסט גיך אוועקפאָרן פונדאַנען? פאַר וואָס, שוין צייט. דו ווערסט ענלעך צו אַ מאָנאַך...

לעבנדיק אין איטאַליע, בין איך געשטימט געוואָרן זייער אומרויק בנוגע רוסלאַנד. אָנהייבנדיק פון 11-טן יאָר אָן האָט מען אַרום מיר גערעדט מיט זיכערקייט וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אַן אַלגעמיין-אייראָפּעישער מלחמה און וועגן דעם, אַז די דאָזיקע מלחמה וועט זיכער זיין אַ פאַטאַלע פאַר די רוסן. די אומרויקע שטימונג מיינע האָט באַזונדער זיך געשטאַרקט דורך פאַקטן, וואָס האָבן באַשטימט אָנגעוויזן, אַז אין דער גייסטיקער וועלט

פֿון גרויסן רוסישן פֿאָלק איז פֿאַרהאַן עפּעס קרענקלעך-פּינצטערס.
לייענענדיק דאָס בוך, אַרויסגעגעבן פֿון דער „פֿריי עקאָנאָמישער געזעלשאַפֿט“ וועגן די אַגראַרע אומאָרדנונגען אין די גרויסרוסישע גובערניעס, האָב איך געזען, אַז דידאַזיקע אומאָרדנונגען האָבן געטראָגן אַ באַזונדער גרויזאַמען און זינלאָזן כאַראַקטער. שטודירנדיק לויט די באַריכטן פֿון מאָסקווער געריכטס-דעפּאַרטאַמענט דעם כאַראַקטער פֿון די פֿאַרברעכנס פֿון מאָסקווער געריכטס-קרייז, בין איך איבערראַשט געווען פֿון דער ריכטונג פֿון פֿאַרברעכערישן ווילן, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין אָן אַ שיעור פֿאַרברעכנס קעגן דער פּערזענלעכקייט, ווי אויך אין גוואַלט-טאַט איבער פֿרויען און באַגוואַלטיקונג פֿון מינדעריעריקע. אָבער קודם כּל האָט מיך אומאָנגענעם איבערראַשט דער פֿאַקט, וואָס אין דער צווייטער מלוכה-דומע איז געווען אַ באַדייטנדע צאָל גלחים — מענטשן פֿון ריינסטן רוסישן בלוט, אָבער דידאַזיקע מענטשן האָבן נישט געגעבן קיין איין טאַלענט, קיין איין אָנגעזעענעם מלוכה-עסקן. און ס'איז געווען נאָך פֿיל אַזעלכעס, וואָס האָט באַשטעטיקט מיין אומרויִק-סקעפּטישע באַציִונג צום גורל פֿון גרויסרוסישן שבט.

נאָכן קומען צו פֿאָרן קיין פֿינלאַנד האָב איך זיך געטראָפֿן מיט אַנדרעיעוון און, שמועסנדיק מיט אים, האָב איך אים דערציילט מיינע נישט פֿריילעכע רעיונות. ער האָט הייס און אַפֿילו אַזוי ווי מיט באַליידיקונג מיר דערווידערט, אָבער זיינע דערווידערונגען האָבן זיך מיר אויסגעוויזן אַלס נישט איבערצייגנדע — קיין פֿאַקטן האָט ער נישט געהאַט.

אָבער פּלוצלינג האָט ער, אַראָפּלאָזנדיק נידעריקער די שטימע, פֿאַרזשמורענדיק די אויגן, אַזוי ווי אָנגעשטרענגט זיך איינקוקנדיק אין דער צוקונפֿט, אָנגעהויבן רעדן וועגן רוסישן פֿאָלק מיט ווערטער נישט געוויינלעכע פֿאַר אים — אָפּגעריסן, נישט בינדיק און מיט גרויסער, בלי ספֿק, אויפֿריכטיקער איבערצייגטקייט.

איך קען נישט, — און ווען כ'וואָלט אַפֿילו געקאָנט, וואָלט איך נישט געוואָלט אַרויסברענגען זיינע רייד; זייער קראַפֿט איז באַשטאַנען נישט אין לאָגיק, נישט אין שיינקייט, נאָר אין געפֿיל

ון פיינלעכן מיטלייד צום פאָלק, אין געפיל, וואָס אויף אַזעלכעס, אין אַזאַ קראַפט, אין אַזעלכע פאָרמען זיינע — האָב איך נישט געהאַלטן ל. נ. פאַר פעיק.

ער האָט אינגאַנצן געציטערט אין נערוועישער געשפּאַנטקייט און, אַלע מאָל אַרויסהעשענדיק, ווי אַ פרוי, כמעט יאָמערנדיק, האָט ער געשריגן צו מיר:

— דו רופסט אָן די רוסישער ליטעראַטור — געגנט־ליטעראַטור, ווייל דער רוב אָנגעזעענע רוסישע שרייבער — זענען מענטשן פון מאָסקווער געגנט? גוט, זאָל זיין אַזוי, אָבער דאָס איז פונדעסטוועגן — אַ וועלט־ליטעראַטור, דאָס איז די סאַמע ערנסטע און מעכטיקסטע שאַפונג אין אייראָפּע. ס'איז גענוג דער זשעני פון איין דאָסטאָיעווסקין, כדי רעכטצופאַרטיקן אַפילו דאָס זינלאָזע, אַפילו דאָס דורך און דורך פאַרברעכערישע לעבן פון מיליאָנען מענטשן. און זאָל זיין, אַז דאָס פאָלק איז גייסטיק קראַנק — לאָמיר עס היילן און לאָמיר זיך דערמאַנען, אַז — ווי ס'איז דורך עמעצן געוואָרן: „בלויז אין אַ קראַנקער מושעל וואַקסט אַ פערל".

— און די שיינקייט פון דער חיה? — האָב איך געפרעגט.

— און די שיינקייט פון מענטשלעכן געדולד, גוטסקייט און ליבשאַפט? — האָט ער דערווידערט. און ער האָט ווייטער גערעדט וועגן פאָלק, וועגן דער ליטעראַטור, אַלץ פלאַמיקער און ליידנשאַפטלעכער.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער גערעדט אַזוי ליידנשאַפטלעך, אַזוי ליריש, פריער האָב איך געפלעגט הערן אַזוינע שטאַרקע אויסדרוקן פון זיין ליבשאַפט בלויז צו טאַלענטן, קרובישע אים לויטן גייסט — צו עדגאַר פאָ, אָפטער פון אַנדערע.

אינגיכן נאָך אונזער שמועס איז אויסגעבראָכן די דאָזיקע נידערטרעכטיקע מלחמה, — די באַציונג צו איר האָט נאָך מער צעטיילט מיך מיט אַנדרעיעוון.

ערשט אין 15־טן יאָר, ווען פון דער אַרמיי האָט אַ פלייץ געטון די נידערטרעכטיקסטע כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם, און לעאָניד, צוזאַמען מיט אַנדערע שריפטשטעלער, האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דער פאַרשפּרייטונג פון דער דאָזיקער מגפה, האָבן מיר,

איינמאָל, זיך צערעדט. אַ מידער, שלעכט געשטימטער, איז ער געגאַנגען איבערן צימער, פאַרשטעקנדיק איין האַנט אונטערן פּאַס פון די הויזן, מיט דער אַנדערער פאַכענדיק אינדערלופטן. די טונקעלע אויגן זיינע זענען געווען פאַרומערט. ער האָט געפרעגט:

— צי קאָנסטו זאָגן אָפנהאַרציק, — וואָס צווינגט דיך צו פטרן צייט אויף דעם פּרוכטלאָזן קאַמף מיט די יידנפיינד?

איך האָב געענטפערט, אַז דער ייד איז מיר, בכלל, סימפּאַטיש, און סימפּאַטיע — איז אַ „ביאָכעמישע" דערשיינונג און לאָזט זיך נישט דערקלערן.

— אָבער פונדעסטוועגן?

— אַ ייד — איז אַ מענטש אַ גלויביקער, זיין גלויבן איז — על פי רוב — אַן אייגנשאַפט, איך האָב ליב גלויביקע, כ'האָב ליב פאַנאַטיקער אומעטום — אין דער וויסנשאַפט, קונסט, פּאָליטיק. הגם איך ווייס: פאַנאַטיזם איז עפּעס נאַרקאָטישס, אָבער נאַרקאָטיקער — ווירקן נישט אויף מיר. לייג צו דערצו די בושה פון אַ רוס פאַר דעם, וואָס אין זיין הויז — אין זיין היימלאַנד — קומט פאָר כסדר שענדלעכס בנוגע צום ייד.

לעאָניד האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע, זאָגנדיק:

— דו ביסט אַ מענטש פון עקסטרעמען, און זיי דעסגלייכן, — אָט אין וואָס ס'האַנדלט זיך. ס'האָט עפּעס עמעצער געזאָגט: — „אַ גוטער ייד — איז אַ קריסטוס, אַ שלעכטער — אַ יהודה". אָבער איך האָב נישט ליב קריסטוסן, — דאָסטאָיעווסקי איז גערעכט: קריסטוס איז געווען אַ גראַנדיעזער דרייקאָפּ...

— דאָסטאָיעווסקי האָט דאָס נישט געזאָגט, דאָס האָט ניטשע...

— נו, ניטשע. כאָטש געדאַרפט האָט דאָס זאָגן גראָד דאָסטאָיעווסקי. — מיר האָט עמעצער אויפגעוויזן, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט געהאַסט קריסטוסן. איך האָב אויך נישט ליב קריסטוסן און דאָס קריסטענטום, אָפּטימיזם — איז אַ מיאוסע, אַ דורך און דורך פאַלשע המצאה...

— דיר ווייזט זיך דען אויס דאָס קריסטענטום אָפּטימיסטיש?

— געוויס, — דער עולם הבא און די איבעריקע פזמונות. איך קלער, אַז יהודה איז נישט געווען קיין ייד, — אַ גרעק. אַ העלענער. ער, ברודער, איז אַ קלוגער און עזותדיקער מענטש, יהודה. דו האָסט אַמאָל געקלערט וועגן די פאַרשידנאַרטיקע מאָטיוון פון מסירה? זיי זענען אומענדלעך פאַרשידנאַרטיק. אַזעף האָט געהאַט זיין פילאָזאָפיע — ס׳איז גאָריש צו טראַכטן, אַז ער האָט געמסרט בלויז פון פאַרדינסט וועגן. דו ווייסט, — ווען יהודה וואָלט אפילו געווען איבערצייגט, אַז אין דער פערזאָן פון קריסטוסן איז פאַר אים יהווה אַליין, — וואָלט ער אים פונדעסטוועגן געווען אַרויסגעגעבן. דערהרגענען גאָט, דערנידעריקן אים מיט אַ שענדלעכן טויט, — דאָס, ברודער, איז נישט קיין קלייניקייט!

ער האָט לאַנג גערעדט אויף דער פעראָסטראַטישער טעמאַ און, — ווי תּמיד, בעת ער האָט זיך צונויפגעשטויסן מיט אַזעלכע געדאַנקען, — גערעדט אינטערעסאַנט, אויפגערעגט, אונטערטרייבנדיק די פאַנטאַזיע זיינע מיט די שאַרפסטע פּאַראַדאָקסן. אין אַזוינע מינוטן ווערט זיין גראָבלעך שיין, נאָר קאַלט פּנים איידעלער, באַגייסטערטער, און די טונקעלע אויגן, אין וועלכע ס׳גלאַנצט בא אים שטענדיק אַ נישט פאַרבאָרגענער פּחד פאַר עפּעס, — ברענען אין אַזעלכע מינוטן עזותדיק, שיין און שטאָלץ.

נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צום אָנהייב פון שמועס.

— אָבער וועגן די יידן טראַכטסטו פאָרט עפּעס אויס, בא דיר איז דאָ — ליטעראַטור! איך — האָב זיי נישט ליב, זיי קוויילן מיך. איך פיל זיך פאַרפליכטעט צו זאָגן זיי קאָמפּלימענטן, צו באַציען זיך צו זיי מיט פאָרזיכטיקייט. דאָס רופט בא מיר אַרויס אַ חשק צו דערציילן זיי פרייַלעכע יידישע אַנעקדאָטן, אין וועלכע ס׳איז תּמיד חניפהדיק און באַרימעריש אונטערגעשטראָכן דער יידישער שאַרפזין. אָבער — איך קען נישט דערציילן קיין אַנעקדאָטן, און מיר איז תּמיד שווער מיט יידן. זיי האַלטן מיך אויך פאַר שולדיק אין די צרות פון זייער לעבן, — ווי אַזוי זשע קען איך מיך פילן אַלס גלייכער מיטן ייד, ווען איך בין פאַר אים — אַ פאַרברעכער, אַ פאַרפאָלגער, אַ פּאָגראָמשטשיק?

— דאָן ביסטו בחינם אַריינגעטרעטן אין דערדאָזיקער געזעלשאַפט, — באַכוואַס גאָר זיך נייטן ?

— און די בושה ? דו זאָגסט דאָך אַליין — ס'איז אַ בושה. און — אַ רוסישער שרייבער איז טוף כּל סוף מחויב צו זיין אַ ליבעראַל, אַ סאָציאַליסט, אַ רעוואָלוציאָנער — דער רוח ווייסט, וואָס נאָך דאָרט ! און — ווייניקער פון אַלעם — אַזעלכער ווי ער איז.

אַ לאַך געבנדיק, האָט ער צוגעגעבן :

— אויפן דאָזיקן וועג איז געגאַנגען מיין גוטער חבר גאָרקי און — פון אים איז פאַרבליבן אַ בכבודיק, נאָר — ליידיק אָרט. זיי נישט בייז.

— רעד ווייטער.

ער האָט זיך אָנגעגאָסן שטאַרקע טיי און — מיט אַ בפירושער כּוונה מיך צו פאַרטשעפּען — אָנגעהויבן אָפּלייקענען דעם גרויסאַרטיקן, ערנסטן טאַלענט פון איוואַן בונין, — ער האָט אים נישט ליב. אָבער פּלוצלינג האָט ער, מיט אַן אומעטיק קול, אַ זאָג געטון !

— און חתונה געהאַט האָב איך מיט אַ יידין !

אין 16-טן יאָר, ווען ער האָט מיר געבּרענגט זיינע ביכער, האָבן מירביידע אויפסניי און טיף דערפילט, ווי פיל מיר האָבן איבערגעלעבט צוזאַמען, און וואָסערע אַלטע חברים מיר זענען. נאָר מיר האָבן געקאָנט, אָן וויכּוחים, רעדן בלויז וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, די קעגנוואַרט אָבער האָט אויפגעשטעלט צווישן אונז אַ הויכע וואַנט פון נישט שלום-שליסנדיקע חלוקי דעות.

איך וועל נישט אָנרירן דעם אמת, אויב כ'וועל זאָגן, אַז פאַר מיר איז דידאָזיקע וואַנט געווען דורכזיכטיק און דורכדרינגלעך, — איך האָב הינטער איר געזעען אַ מענטש אַ באַדייטנדיקן, אַן אייגנאַרטיקן, זייער אַ נאָענטן פאַר מיר אין משך פון צען יאָר, דעם איינציקן פריינד אין דער ליטעראַרישער סביבה. נישט איינשטימיקייט אין מיינונגען דאַרף נישט ווירקן אויף

די סימפּאַטיעס : איך האָב קיינמאָל נישט געגעבן די טעאָריעס און מיינונגען קיין דעצידירנדיקע ראָלע אין מיינע באַציונגען צו מענטשן,

ל. נ. אַנדרעיעוו האָט געפילט אַנדערש. אָבער איך גיב אים נישט קיין שולד דערפאַר, וואָרים ער איז געווען אַזעלכער, ווי ער האָט געוואָלט און געקאָנט זיין — אַ מענטש פון זעלטענער אָריגינאַליטעט, זעלטענעם טאַלענט און אַ גענוג מוטיקער אין זיין זוכן דעם אמת.

פאַרלאַג „כּוחות", וואַרשע

ס'איז דערשינען:

מ. גאָרקי — יידיש: מ. ניידין

„דאָס געשעפט פון די אַרטאַמאָנאָווס"

ס'איז דאָס אייגנאַרטיקסטע גרויסע ווערק פון דעם גרעסטן רוסישן וואָרט-מייסטער פון דער לעצטער צייט. אפשר — דאָס אויסגעשטאָלטנסטע, געלייטערטסטע פון אַלע ביז איצטיקע ווערק זיינע. אין דעמדאָזיקן סאַלידן, וואָגיקן בוך טרעט אַפּ דער דיכטער פון דער ליניע, אין וועלכער ער האָט געשאַפן ביז איצט אַלע זיינע גרעסערע ווערק, וועלכע האָבן צום גרעסטן טייל געטראָגן אַ מער אָדער ווייניקער אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער.

„דאָס געשעפט פון די אַרטאַמאָנאָווס"

נעמט אַרום כּמעט די גאַנצע צווייטע העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד — די צייט פון נאָך דער פויערן באַפרייונג — ביזן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה און דער לעצטער רוסלענדישער רעוואָלוציע.

אין וואונדערלעכע, אומפאַרגלייכלעך-ריזנהאַפטע בילדער, וואָס איבערראַשן מיט זייער נייקייט און אָריגינאַליטעט, מאָלט דער קינסטלער — דעם אויפקום און וואוקס פון דעם רוסישן גרויס-בורזשואַזן קלאַס — פון סוחרים און אינדוסטריעלער, די נויט און די ליידן פון אַרבעטנדיקן פאָלק, די פאַרשידענע וויכטיקסטע געשיכטלעכע עטאַפּן אין סאָציאַלע צוזאַמענשטויסן, וואָס האָבן געפירט און דערפירט דאָס לאַנד פון דעס-פּאָטישסטן אַבסאָלוטיזם צו די שטורמען פון 1905 און 1917 יאָר.

די העלדן פון דעם ווערק, וואָס ווערן געצייכנט מיט בולטע רעאַליסטישע פאַרבן, וואַקסן אויס אָפטמאָל צו וואונדערבאַרע מיס-טיש-סימבאָלישע געשטאַלטן.

געשריבן איז דאָס בוך אין דעם קרעפטיק גליענדיקן מענטש-לעך-וואַרעמען טאָן, מיט וועלכן מ. גאָרקי — דער גרויסער הומאַ-ניסט און מענטשן-פריינד — צייכנט זיך אויס אין אַלע זיינע לעצטע שאַפונגען.

פאַרלאַג „כּוחות" וואַרשע

אין קורצן דערשיינט:

מאַקסים גאָרקי

„דאָס לעבן פון קלים סאַמגין"

(פערציק יאָר)

יידיש: מ. נייוין.

דאָסדאָזיקע נייע ריזן-ווערק פון דעם געניאַלן רוסישן שרייבער האָט אויפסנייע דערוויזן, אַז דער וואונדערבאַרער טאַלענט און די גאונישע קראַפט פון דעמדאָזיקן וועלט-מייסטער האַלט נאָך אַלץ אין כּסדרדיקן וואַקסן און פאַרטיפן זיך.

„דאָס לעבן פון קלים סאַמגין"

וואָס איז לעצטנס דערשינען אין אַ בוך פון 500 זייטן גרויסן פאָרמאַט, איז דער ערשטער באַנד פון אַ גראַנדיעזער טרילאָגיע, אין וועלכער דער מחבר פירט אַדורך דאָס גאַנצע פילפאַרביקע רוסלענדישע לעבן פאַר די לעצטע פערציק יאָר.

„דאָס לעבן פון קלים סאַמגין"

„איז פיל מער, ווי דאָס לעבן פון אָט דעם סוחרישן זון, דעם משונהדיקן „טשודאַק", עס איז אַ ברייט לייוונט פון דעם גאַנצן רוסישן און רוסלענדישן לעבן אין די 20 יאָר פונם לעצטן יאָר-הונדערט. און ווען מען לייענט אַדורך דאָס בוך (און עס לייענט זיך מיט אַ ליידנשאַפטלעכן אינטערעס), ווילט זיך וואָס גיכער לייענען די ווייטערדיקע טיילן און זען דעם וואוקס און אָנוואוקס פונם רוסלענדישן לעבן, ווי עס פאַסט עס אויף דער גרעסטער און באַגאַבטסטער הייַנטצייטיקער רוסישער קינסטלער, מאַקסים גאָרקי".

(נחמן מייזיל — פון אַרטיקל „דאָס נייע וואונדערבאַרע ווערק פון מאַקסים גאָרקי", „הייַנט", נומער 36).